STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03375

MASLIANSKI'S DROSHES FIR SHABOSIM UN YOMIM-TOYVIM

Zvi Hirsch Masliansky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאסליאַנסקי׳ס

ד ר ש ו ת

פיר שבתים און ימים־טובים

דריטע אויפלאַגע

ערשטער טהייל

ניו יאָרק:
היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני
632־34 בראָדוויי
1927

Copyright, 1908, by the Author.

YIDDISH SERMONS

FOR

Sabbaths and Holy Days

BY

Rev. H. MASLIANSKY.

Third Edition.

VOLUME I.

New York
Hebrew Publishing Company
632-34 Broadway
1927

געווידמעט צו מיין ליעבע פרוי

צבי הירש מאַסליאַנסקי

(פאָרוואָרט פון די הערויסגעבער).

ארויסגעבענדיג די דרשות פון רעוו. צ. ה. מאַסליאַנסקי, דענקען מיר פיר פאַסענד צו־צוגעבען זיין קורצע ביאָגראַפיע, און אַן איבערבליק איבער זיינע טהעטיגקייט און לייסטונגען פיר די אידישע רעדע־קונסט אין אַלגעמיין, און פיר די אידישע נאַציאָנאַלע בעוועגונג אין בעזונדערן.

געוועהנליך, דענקען מיר ניט צו געבען אַן אויספיהרליכע בעשרייבונג פון זיין לעבען און ארבייט, אנטערצוציהען אַ סך־הכל אונטער זיין איינפלוס אויף די אידישע מאַסען און אינ־טעליגענץ, בעצייכענען מיט בעשטימטהייט זיין עהרען־פּלאַץ אין גאָלדענעם בוך פון דער אידישער נאַציאָנאַלער בעוועגונג, ווייל ר׳ צ. ה. מאַסליאַנסקי׳ס טהעטיגקייט איז נאָך ווייט ניט גע־ענדיגט, זיין טאַלאַנט איז נאָך אין מיטען בליהען, ככחו אָז ככחו עתה, און מיר האָפען אַז ער וועט נאָך ארויסווייזען נייע ווענדונגען און זייטען.

איבערהויפּט איז שווער ארויסצוגעבען אַ לעצטען אור־טהייל איבער אַ פּערזענליכקייט, וואָס לעבט און שטרעבט און ארבייט נאָך אינאיינעם מיט׳ן דור.

מיר לאָזען עס איבער פיר דעם צוקונפטיגען אידישען

היסטאריקער, וועלכער וועט געווים וויסען ווי צו זיין אונפארטייאיש. פארלויפיג וועלען מיר נור געבען די וויכטיגסטע פאקטען און מאמענטען פון רבי מאסליאנסקי'ס לעבען און ארבייט, אום צו ערגענצען דעם ספר, וואס מיר גיבען ארויס.

ר' צבי הירש מאסליאנסקי איז געבארען געווארען אין סלוצק (מינסקער גובערניע), ג' סיון, תרט"ז. זיין פאטער, ר' חיים, איז געוועזן א איד א גדול אין תורה און א ירא־שמים, און איינער פון די בע"ב פון שטאדט.

זיין זוהן האט ער געגעבען די געוועהנליכע ערציהונג פון יענער צייט, און אונזער צוקינפטיגער רעדנער האט זיך, זייענדיג נאך זעהר יונג, בעקאנט מיט'ן אמאליגען חדר, רבי און בעהעלפער, און זא ווייטער. אין חדר האט ער בעקומען א גרינדליכע קענטניס פון העברעאיש, אז זייענדיג נור זיעבען יאהר אלט האט ער געוואוסט גאנץ תנ"ך אויסווייניג.

כאראקטעריסטיש פיר דעם צוקינפטיגען גרויסען רעדנער, איז דער פאלגענדער פאקט: איין מאל א שבת האט דער קלייגער מאסליאנסקי פערלאדען אין זיין פאטער'ס הויף זיינע חדר־חברים, אראבגע'גנב'עט דעם ווייסען טישטוך פון שבת'דיגען טיש, און איינוויקלענדיג זיך אין איהם, ווי אין א טלית, האט ער געהאלטען א רעדע פיר זיינע חברים איבער דעם חורבן פון בית ראשון, ווי עס איז געשילדערט אין מלכים. די רעדע זיינע איז געוועזן אזוי איינדרוקספאל, דאס פיעלע פון די קליינע צוהערער האבען זיך צואויינט. פערשטעהט זיך, אז זיין פאטער, וועלכער האט ניט געקענט פערשטעהן, אז דאס הויבט זיך אן צו ענטוויקלען א רעדנער־טאלאנט, האט איהם ניט געשאנעוועט פיר'ן אבדעקען דעם שבת'דיגען טיש.

אזוי האט זיך דער קליינער מ. ערצויגען אין חדר, און

אויסער דקדוק און תנ"ך האט ער אנגעהויבען צו לערנען תלמוד. זייענדיג נור 12 יאהר אלט, איז ער אנגעקומען אין דער ישיבה פון מיר, וואו נור ערוואקסענע בחורים און פרושים, פאטערס פון קינדער, האבען דאן געלערנט. זייענדיג 14 יאהר אלט איז אבגעשטארבען זיין פאטער ר' חיים ז"ל, אין דער צייט וואס מ. איז געווען אין פאריז און געלערענט ביים דארטיגען, דעם שפעטערען יאנישקער רב, ר' יחיאל מיכל וואלפסאהן (מחבר פון „שפת הים"). נאך צוויי יאהר האט ער געלערענט תלמוד און פוסקים, און נאכהער, פערהייראטהענדיג זיך יונג, האט ער אריבערגעצויגען קיין פינסק, און זיך בעשעפטיגט מיט העב־רעאישען אונטערריכט, פריוואט און אין תלמוד־תורה'ס, ביי א יאהר פיערצעהן. אונטער דיזער צייט האט ר' צ. ה. מאסליאנ־סקי ניט אויפגעהערט צו שטודירען די אלטע און נייע העברע־אישע ליטעראטור, געווען א גרויסער ליעבהאבער פון העברע־אישע צייטונגען און זשורנאלען, מיט איינעם ווארט, ער איז געווארען א טיפישער משכיל פון יענער צייט, אבער ניט ער און ניט זיינע פריינדע האבען געהאט די קלענסטע אהנונג פון דעם גרויסען רעדנער־טאלאנט וואס איז געלעגען פערשלאפען אין איהם.

צו יענער צייט, אין דעם יאהר תרמ"א, האבען אויסגע־בראכען די פאגראמען אין רוסלאנד, און געבראכט מיט זיך א גאנצע רעוואלוציאן אין אידישען לעבען, אן איבערקעהרעניש אין אידישען דענקען און פיהלען.

א נאציאנאליסטישער שטראם האט זיך א טראג געטהאן איבערן רוסישען יודענטהום, שלעפענדיג מיט זיך די פריהערע אסימילאטארישע שרייבער און כלל־טהוער, ווי אויך די געביל־דעטע יוגענד, און די פאלקס־מאסען. די אידעע פון חבת ציון

האט אנגעהויבען ארויסשפּראַצען און פאַרמירען זיך. און דיזע גרויסע אומענדערונג אין אידישען לעבען האט געהאט אַ גע־וואַלדיגען איינפלוס אויף דעם דאַמאַלס 25 יאהר אַלטען מאַס־ליאַנסקי. די גרויסע קאַטאַסטראַפע האט צוטרייסעלט זיין גאַנ־צען וועזען, אויפגעוועקט זיינע פערשלאָפענע טאַלאַנטען און פעהיגקייט, און ער האט זיך דערשפּיערט אַלס אַ בעגייסטערטער און פייער־פאַללער נאַציאָנאַלער רעדנער, אדער בעסער געזאגט, וועקער און אגיטאַטאָר. ער האט זיך אַ וואַרף געטהאָן מיט זיין גאַנצען יוגענד־פייער אין דער נאַציאָנאַלער בעוועגונג, און איז גאַנץ קורץ נאָכדעם געוואָרען איינער פון איהרע וויכטיגסטע טאָן־געבער און פיהרער. די ערשטע צייט איז דאָס רעדען נאָך אַלץ געווען ביי איהם אַ ביי־זאַכע. אָבגעבענדיג זיך מיט לעה־רעריי אַלס זיין פאַך, פלעגט ער שבת און יו״ט רעדען אין גע־פּאַקטע שוהלען און בתי־מדרשים איבער זיין אַלל־בעליעבטע טהעמא: די אידישע נאַציאָנאַלע בעוועגונג, און איהר מאַטע־ריעלע פערקערפּערונג: „חבת ציון“. מערקווירדיג איז עס, דאָס גלייך אין דיזע זיינע אַמאַטאָרישע רעדען, גלייך נאָך זיין ערש־טען אויפטריט אויף דער אידישער פאָלקס־ביהנע, האט אונזער מאַסליאַנסקי שוין בעוויזען זיינע אַלע פעהיגקייטען און טאַ־לאַנט אַלס אַ מאָדערנער אָראַטאָר. ער האט, ווי עס שיינט, קיין „חבלי־לידה“ ניט געהאט, קיין מאַטערנישען אויסצוגעפינען דעם ריכטיגען וועג, אַרט און ווייזע ווי אויסצודריקען זיינע אידעען, און ענטוויקלען זיין טאַלאַנט. זיין אָראַטאָרישער טאַלאַנט איז עפּעס ווי פּלוצלונג ארויסגעשפּרונגען און פאַרטיג געוואָרען צו אַלעמענס ערשטוינען.

און גלייך אָנהויבענדיג צו רעדען, האט מען שוין געזעהן אין איהם דעם וואונדערבאַרען אידיש־נאַציאָנאַלען אָראַטאָר,

דער ערשטער איז זיין פאך, מיט אן אייגענע אויסגעארבייטע זשעסטיקולאציאן און מימיק, מיט א ריינעם רייכען אידיש, מיט א געוואלדיגען פייער און געפיהל און איבערצייגונג, און מיט א פאנטאזיע און פארשטעלונגס־קראפט, מיט וועלכע פיעלע פון די וועלט־בעריהמטע רעדנער וואלטען זיך ניט שעהמען. זיין מאגישע קראפט צו מאהלען אין ווארט בילדער, וועלכע זאלען זיך ווי לעבעדיגע פארשטעלען פיר צוהערער און ערשי־טערען זייער נשמה מיט שרעק און צער, אדער אויפהויבען איהר צום העכסטען שטאפעל פון עקסטאז און נאציאנאל־שטאלץ, זיין וואונדערבארע פעהיגקייט אויסצוטייטשען די ביבלישע פיגורען און אלעגאריען אין אונזער מאדערנער שפראך, צו־צופאסען זיי צו די יעצטיגע אידישע אומשטענדען, שטרעבונ־גען און פאסירונגען, אום צו ווייזען אז: מעשי אבות ירשו בנים, — זיינען שוין דאן, אין אנפאנג פון זיין קאריערע, גע־ווען פול ענטוויקעלט און רייף.

דעריבער איז קיין וואונדער ניט וואס נאך זייענדיג אין פינסק האט ער געהאט אזא געוואלדיגען איינפלוס אויף די מאסען און שטודירענדער יוגענד, און האט נאך דארט זייענדיג פיעל געטהאן פיר חבת ציון און פיר דעם רעיון הלאומי. און ניט נאר די יוגענד, אפילו די ארטאדאקסישע רבנים און גאונים, ר׳ אליעזר משה הורוויץ זצ״ל פון פינסק און ר׳ דוד פריעדמאן נ״י פון קארלין, האבען מיט איהם געהאלטען שטאל און אייזען, אויפגעמונטערט צום רעדען, און פערטהיידיגט פון די אנגריפע פון די חסידים.

אין תרמ״ז האט ר׳ צ. ה. מאסליאנסקי אריבערגעצויגען מיט זיין פאמיליע אין יעקאטערינאסלאוו, זיך ווייטער בעשעפ־טיגט מיט לעהרעריי, און אין די פרייע צייט מיט רעדנער־

פראפאגאנדא פיר די נאציאנאלע אידעע. דארטען האט ער זיך בעקאנט מיט די חובבי ציון, ווי ה"ה מיידאנסקי, א. מ. אוסיש־קין, וויטאלי לעוואנדא און ר' ש. סטאנאסלאווסקי און גע־גרינדעט א פעראיין „בני־ציון", און געטהאן אלעס מעגליכעס פיר די פערקערפערונג פון זיין אידעאל. אין תרנ"א איז ר' צ. ה. מ. אריבערגעפאהרען קיין אדעסא, בעקאנט זיך מיט די פיהרער פון חבת ציון, ווי דר. פינסקער, מ"ל ליליענבלום, אחד־העם, וועלכע האבען אין איהם דערזעהען דעם גרויסען טאלאנט, און איהם געראטהען צו ווערען א פראפעסיאנעלער רייזענדער רעדנער.

ר' צ. ה. מאסליאנסקי האט זיי געפאלגט און אונטערגע־נומען איבער זיד־רוסלאנד א רעדנער־טור, וועלכער איז געווען א אמת'ער טריאומף־צוג פיר איהם און פיר די אידישע נאציא־נאלע אידעע. וואו ער פלעגט רעדען פלעגט זיין געפאקט. די געבילדעטע יוגענד פלעגט איהם נאכלויפען און פערגעטערען, און די אנגעזעהענסטע בעלי־בתים פלעגען זיך בעשעפטיגען מיט'ן איינגעהמען פון איינטריטס־געלד, מיט'ן אויסגעפינען פיר איהם שוהלען און זאאלען וואו צו רעדען. אין פיעלע ערטער פלעגט מען איינארדנען פיר איהם אבשיעדס־באנקעטען, וועלכע פלעגען זיך אויסצייכענען מיט זייער פראפאגאנדיסטישען כא־ראקטער פיר חבת־ציון. אונטערדעסען האבען זיך אונטער זיין איינפלוס פערשטארקט פיעלע אלטע חובבי־ציון־פעראיינען, און פיעלע נייע — זיך געגרינדעט. און מעהר נאך ווי די פעראיי־נען — פיעלע אסימילאטארישע כלל־טהוער, יונגע־לייט און סטודענטען אין זיד־רוסלאנד זיינען היינגעריסען געווארען דורך זיין פייערדיגע רעדענס־קראפט אין נאציאנאלען שטראם, און

געוואָרען וואָרעמע אידען, און זיינען די פאַטערס פון פיעלע יעצטיגע ציוניסטען.

עס איז ווערטה צו בעמערקען, אַז אונזער רעדנער האָט געהאַט פיעלע שטערונגען פון דער פּאָליציי און אַסימילאַטאָרען, ס'האָט אויך ניט געפעהלט דראָהונגען פון אַרעסט און מאַנכעס־מאָל אַרעסטען, וועלכע האָבען איהם וועניג געשראָקען. פון זיד־רוסלאַנד איז מאַסליאַנסקי אַבגעפאָהרען נאָך ליטא און זאַמוט, און אַ טהייל פון קורלאַנד (אין זומער תרנ"ג) און פּוילען, און האָט איבעראַל אַרויסגערופען די זעלבע בעוואונדערונג און סימ־פּאַטיע, און האָט אויך דאָרטען פיעלעס אויפגעטהאַן פיר'ן יו־דענטהום אין אַלגעמיינעם און חבת־ציון בפרט. דאָרט האָט ער זיך בעקענט מיט די אָרטיגע חובבי־ציון, בעפריינדעט זיך מיט ר' יצחק אלחנן ז"ל פון קאָוונא און ר' שמואל מאָהליווער ז"ל פון ביאַליסטאָק, וועלכער האָט זיך מיט איהם קאָרעספּאָנדירט נאָך אין אַמעריקא.

זעהר פיעל איז איהם אויסגעקומען צו ליידען פון דער פּאָליציי אין פערשיעדענע שטעדט, אַם ענדע האָט מען איהם אין שאַוועל אַרעסטירט און אַרויסגעלאָזען מיט דעם תנאי, אַז ער זאָל מעהר אין רוסלאַנד ניט רעדען. זעהענדיג אַז ער האָט אַזוי פיעל שטערונגען, האָט ר' צ. ה. מאַסליאַנסקי בעשלאָסען צו פערלאָזען רוסלאַנד, צום בעדויערען פון אַלע דאָרטיגע חובבי ציון און נאַציאָנאַליסטען. אין אַנהויב פון יאָהר תרנ"ה האָט מאַסליאַנסקי פערלאָזען רוסלאַנד, האָט זיך אַבגעשטעלט אין מע־מעל און אין קעניגסבערג און גערעדט, און אויך דאָרט געוואָ־נען די אַנערקענונג און בעוואונדערונג פון די צוהערער.

אין קעניגסבערג זיינען פיעלע פון די אידישע און דייטשע פּראָפעסאָרען איהם געקומען הערען. די דייטשע אידען האָבען

אין איהם דערזעהען דעם נייעם רוסישען אידען, פול מיט נאַציאנאַל־שטאָלץ און בעגייסטערונג. פון דייטשלאַנד איז מאַסליאַנסקי אבגעפאהרען קיין לאָנדאָן, וואו ער האט פערבראַכט איייניגע צייט, און גערעדט אין די אריסטאָקראַטישע שוהלען מיט דעם זעלבען טאַלאַנט און פייער. זיינע רעדען האבען געמאַכט א גרויסען רושם אזוי, אז דר. אדלער איז איהם אויך געקומען הערען.

אננעהמענדיג איינלאַדונגען פון מאַנשעסטער, ליווערפּול, ליעדז און אנטווערפּען (בעלגיען), פאַרבערענגענדיג אייניגע מאָנאַטען אין דיזע שטעדט, איז ער אפּגעפאהרען נאָך פּאַריז, וואו ער איז אויפגענומען געווארען מיט כבוד פון די דאָרטיגע גדולים מיט רבי צדוק כהן אן דער שפּיצע, און נאכהער איז ער אבגעפאהרען נאָך אמעריקא, וואו ער איז שוין א יאהר נייַנצעהן. די ערשטע פיער יאהר איז ער ארומגעפאהרען איבער פיעלע פון די נאָרדליכע און וועסטליכע שטאאטען און גערעדט מיט דעם זעלבען ערפאָלג ווי אין רוסלאַנד; פאר די לעצטע פופצעהן יאהר האט ער זיך בעזעצט אויף שטענדיג אין ניו־יאָרק און איז אנגעשטעלט צום רעדען יעדען פרייטאג אבענד אין עדיוקיישאָנאַל אַלליאַנס.

א קורצען בעגריף איבער זיין איינפלוס אין אמעריקא קען אונז געבען דער פאָלגענדער אויסצוג פון דעם „אמעריקאנער“, אָקטאָבער 4, 1907:

„דער גרויסער האָל פון עדיוקיישאָנאַל אַלליאַנס, אויף די איסט־סייד פון ניו־יאָרק, איז פול געפאַקט יעדען פרייטאג אבענד, ווען דער בעריהמטער רעדנער רעוו. צבי הירש מאַסליאַנסקי האַלט דאָרטען זיינע וועכענטליכע פאָרטרעגע. הונדערטע בלייבען יעדעס מאָל פון דרויסען, און א פיעל גרעסערע

צאהל קומען ניט — ווייל זיי ווייסען אז עס ועט זיין זעהר שווער אריינצוקומען. עס איז דאס זעלבע אויך ווען מר. מאס־ ליאנסקי האלט א רעדע אין אן אנדער האל, אין אן אנדער טייל פון ניו־יארק, אדער אין אן אנדער שטאדט. עס געפינען זיך אימער פיעלע הונדערטע, און אפט פיעלע טויזענדע, וואס ווי־ לען הערען וואס ער האט צו זאגען".

ניט קוקענדיג וואס ר' צ. ה. מאסליאנסקי רעדט שוין איבער דרייסיג יאהר, בעזיצט נאך זיין טאלאנט די זעלבע פרישקייט און צויבער ווי אמאל. ער איז נאך דער זעלבער אונערמיעדלי־ כער נאציאנאלער קעמפפער, און פערטהיידיגער פון אלעס וואס איז שעהן, גוט און ערהאבען אין יודענטהום. ער האט פיעל מיה און געזונד אוועקגעלעגט אויף דער אמעריקאנער ציוניס־ טישער בעוועגונג אונענטגעלטליך. אין רוסלאנד איז מר. מאס־ ליאנסקי געווען דער ערשטער אראטאר פון חבת־ציון און נא־ ציאנאלען יודענטהום, אין אמעריקא האט ער אויסער דעם, אויפגעטהאן, און טהוט נאך אויף פיעלעס פיר נאך א זייט פון אידישען לעבען — און דאס איז דאס געמיינדע לעבען, דען עס איז ניטא קיין וויכטיגע אירגענד וועלכע אידישע אינסטיטוציאן אין ניו־יארק און אנדערע גרויסע שטעדט, פיר וועלכע מר. מאס־ ליאנסקי זאל ניט האבען גערעדט, און פערשאפט דורך דעם געלד, צו פערזיכערען זייער עקזיסטענץ. מיר זיינען צום ענדע. מיר ווינשען אונזער רעדנער געזונד אויף נאך פיעלע, פיעלע יאהרען, מיר זאגען: יהי רצון, דאס ער זאל דערלעבען צום טיעפען, גרויען עלטער, מיט דעם זעלבען פרישען, יוגענדפאל־ לען טאלאנט!

בראשית

בן עזאי אומר זה ספר תולדות אדם הוא
כלל גדול בתורה (רבה).

אַלעס, אַלעס האָבען זיי צוגענומען ביי אונז. אונזער לאַנד חרוב געמאַכט, אונזער בית־המקדש פערברענט, אונזערע עלטערען פערטריעבען, אונזער נאַציאָנאַלען שטאָלץ צובראָכען, — אָבער איין זאַך, וואָס איז ביי אונז טייערער פון אַלעס, איז ביי אונז געבליעבען, און קיין קראַפט אין דער וועלט איז ניט שטאַרק גענוג אונז פענאַנדערצושיידען, ווייל זי איז מיט אונז אימער. זי לאָזט אונז ניט אָב אויף איין ווײַלע, זי איז אונזער נשמה, אונזער לעבען, אונזער טרויסט אין אַלע צייטען און אין אַלע ערטער, ווען און וואו מיר זיינען, — דאָס איז אונזער הייליגע און עוויגע ת ו ר ה, די נאַציאָנאַלע אידישע נשמה, וועלכע לעבט אין אונז און בעלעבט אונז שוין מעהר פון דריי טויזענד יאָהר. מיר זיינען איינגעוואַקסען איינער אין צווייטען, מיר זיינען א י י נ ס, ווי דער תלמוד דריקט זיך שוין אויס „אוריתא וישראל חד הוא".

שוין באלד צוויי טויזענד יאָהר זייט אונזערער א יונגער מאַן פון דעם קליין שטעדטיל נצרת, אַן אַנ־היינגער פון דער פאַנטאַסטישער און מיסטישער סעק־טע „אסייער" (איסיים), איז אויפגעשטאַנען און האָט פּראָקלאַמירט אַ נייע תורה פול מיט אונפערשטענד־ליכעס, מיסטיציזם, איינגעהילט אין אַ טעאָריע פון „מלכות השמים" — אַ הימלישעס קעניגרייך, און אַנ־שטאָט דעם איין־און־איינציגען אלוקי ישראל האָט ער בעשאַפען מיט זיין קראַנקער פאַנטאַזיע אַ גאַנצע ביז־נעס פירמא אין דער גאָטהייט: „גאָט, זוהן עט קאָמ־פּאַני". און פון איינס איז ביי איהם געוואָרען דריי, און אַז דריי איז גאָר איינס.

דורך דעם זאָגענאַנטען גאָט־מענש אָדער מענש־גאָט, וועלכער האָט, כלומר'שט, געפּרעדיגט ליעבע און בארמהערציגקייט, האָבען זיינע מאמינים אונזער בלוט פערגאָסען ווי וואַסער, יאָהר־איין יאָהר־אויס, גאָר אָהן אַ אויפהער עד היום הזה.

פערפלוכט זאָל בלייבען דער אָנדענקען פון די רוימער צוזאַמען מיט'ן שטיק האָלץ, וואָס האָט זיך צושפּרייט אין דער ליינג און אין דער ברייט, דערפאַר וואָס זיי האָבען דעם קריינקליכען פאַנטאַזיאָר, דעם יונגען היציגען יוסי, אויף דעם שטיק האָלץ געקריי־ציגט און זיין לעבען צוגענומען, ווען ער איז נאָך גע־ווען אזוי יונג. ווען זיי וואָלטען דעם האלב־משוגע'נעם

יונגען מאן געלאזען אויסלעבען זיינע נאטירליכע יאה־רען, וואלטען זיי קיין יונגען גאט געהאט, און מ י ר קיינע אלטע צרות.

מיט גרויס חוצפה און פערגלאצטע אויגען האל־טען זיי אונזער תנ"ך אין האנד אויף דער בימה אין די טעמפלען פון דעם סמל הקנאה, מרים'ס זוהן, און ער־קלעהרען פון אונזער תנ"ך אונזין און פאלשקייט. זיי פערדרעהען די ווערטער פון דעם אלמעכטיגען און זיינע נביאים, און פערדעקען מיט די ברייטע ארבעל פון זייערע שווארצע פריסטער־מאנטלען דעם „לא יהיה לך אלהים אחרים". זיי רעדען פון ישראל'ס גרויסקייט, פון זיינע געטליכע אבות, נביאים און העל־דען; זיי בעמערקען אבער דערביי, אז יענער ישראל איז שוין לאנג אויף דער וועלט ניטא, אז זיין איינצי־גער יורש איז זייער קירכע, און די אמת'ע בני־ישראל זיינען די אנהענגער פון יאסעל דעם סטאליאר'ס שטיף־זוהן; דער יעצטיגער ישראל, זאגען זיי, איז א פאלשער, ער שלעפט זיך ארום צווישען די אומות־העולם מיט גאט'ס קללה אויף זיינע שולטערען, פיר דעם חטא וואס ער האט ניט אנערקענט „גאט'ס זוהן" פיר א שותף אין מעשה־בראשית. און די פעלקער זיי־נען גוטע תלמידים, זיי פיהרען אויס די טהעאריע פון זייערע גייסטליכע זעהר פראקטיש. זיי געהען ארויס פון קירכע בעגייסטערט, און אין גאט'ס נאמען, אין נאמען פון דער רעליגיאן פון ליעבע, בעפאלען זיי די

קינדער פון דעם אלטען ישראל. און מיט דער ברוטאַ־ליטעט פון ווילדע בעסטיעס, בלוט־דורשטיגע חיות, בעפאלען זיי און רויבען, שלאָגען, שענדען און טויטען אלט און יונג, מענער און פרויען, באלד צוויי טויזענד יאָהר גאָר אָהן אַן אויפהער, פראנק און פריי, אָפען פאר דער גאנצער וועלט — און אלעם אין נאָמען פון „גאָט, זוהן עט קאָמפּאַני".

און וואָס טהוט „ישראל סבא" אין דער גאנצער פינסטערער בלוטיגער צייט? דער „עם קשה עורף" שטעהט פעסט אויף דער וועלט־ביהנע ווי א פעלז און גיט זיך ניט אונטער אין דעם פערצווייפעלטען קאמפף. ער שטעהט און לעבט, און ער איז א לעבע־דיגער פּראָטעסט געגען די שקרים, וואָס זיין מעכטי־גער שונא פערשפּרייט אויף אלע פיער עקען וועלט. ער שטעהט מיט זיין דורכגעשאָסענעם און צולעכערטען קערפּער איינגעהילט אין זיין אייביגער תורה, וועלכע ער האָט צוטהיילט אויף פופציג טהיילען פיר די פופ־ציג וואָכען אין יאָהר, און קוויקט זיך מיט יעדען טהייל דריי מאָל א וואָך. ער בעלעבט זיין נשמה, ער ערהויבט זיין גייסט און בעקומט מוטה און ענערגיע צו קעמפּפען ווייטער און צו פּראָטעסטירען געגען אונרעכט און ניעדערטרעכטיגקייט, וואָס עקזיסטירט אויף דער קריסטליכער וועלט ביז די וואָרהייט וועט זיעגען.

יאָהר־איין, יאָהר־אויס ענדיגט ער זיין תורה „לעיני כל ישראל". ער זעגענט זיך מיט זיין היילי־גען אונשטערבליכען אַלטען־יונגען געזעצגעבער בן־עמרם. ער זינגט מיט התפעלות משה'ס געזעגענס־ליעד „שירת האזינו"; ער ווידערהאָלט די ברכה, וואָס זיין גרעסטער פּראָפעט און זיין בעפרייער האָט איהם געבענשט פאַר זיין טויט, און שרייט אויס מיט שטורם „חזק, חזק ונתחזק", און ער וואַרט ניט איין מינוט און ער איז שוין גולל צוריק זיין הייליגע תורה פון אָנפאַנג, און פּראָקלאַמירט ווידער פאַר דער גאַנצער וועלט מעשה־בראשית פון זיין איינציגען גאָט, פון דעם ארכיטעקט פון אַלע וועלטען.

ישראל סבא, דער פערבלוטיגטער העלד, דער פיער־טויזענד־יעהריגער מאַרטירער איז טאָלעראַנט; דער „חתן־תורה" ווערט אויך „חתן־בראשית" וויע־דער. ער פּראָקלאַמירט אָפען מיט דעם אויסדרוק „זה ספר תולדות אדם", אַז די תורה איז ניט אַ מאָנאָ־פּאָל נור פיר איהם, זי איז פריי פיר דער גאַנצער מענשהייט. און דער גרויסער תנא בן־עזאי האָט געזאָגט: „זה ספר תולדות אדם הוא כלל גדול בתורה" דאָס הייסט: די אידעע, אַז די תורה איז אַן אַלגעמיי־נער בוך פיר דער גאַנצער מענשהייט — איז אַ גרוי־סער פּרינציפּ אין אונזער תורה.

אַ, פיעל טאָלעראַנץ און מענשען־ליעבע איז אין בן־עזאי'ס עטליכע ווערטער!

* * *

ווי הייליג און ערהאבען איז דער מנהג ביי אונזערע אָרטאָדאָקסישע אידען, אז אין דיעזען שבת, פרשת בראשית, פאנגען זיי אָן צו זאָגען דעם הייליגען און מערקווירדיגען שיר „ברכי נפשי", אויף וועלכען אַלעקסאַנדער פאָן הומבאָלדט האָט געזאָגט, אז „ברכי נפשי" איז דער העכסטער און טיעפסטער שיר פון אַלע שירים, וואָס די וועלט־פּאָעזיע האָט פּראָדוצירט. „אין דיעזען הייליגען ליעד — זאָגט הומבאָלדט — ליעגט די קאָסמאָלאָגיע מיט איהר גאַנצען פּראַכט און גלאַנץ".

אין די ווינטער שבתים, אין דער צייט ווען די נאַטור ווערט אַנשלאָפען און פער'חלש'ט; דער הימעל איז בעדעקט מיט אַ בלייענעם שלייער; די ערד איז איינגעהילט אין ווייסע תכריכים; אַלע פייגעלאַך, די פרעהליכע זומער־קינדער, זיינען פערשוואונדען, און זייערע זיסע מעלאָדיען זיינען פערשטומט, ווען די גאַנצע נאַטור איז אַ סימבאָל פון דעם אַלטען ישראל, וואָס לעבט שוין ביינאַהע צוויי טויזענד יאָהר אַ ווינטערדיגען לעבען, אין דיעזער פינסטערער אונמוטהיגער צייט מוטהיגט זיך ישראל סבא צו האַלטען פעסט

זיין האָפנונג. ער נעהמט אַרוים זיין בעסטען ברילִיאַנט פון זיין לִיטעראַרישען אוצר — דעם קאָסמאָלאָגישען שיר „ברכי נפשי”, ער לעזט איהם מיט חשק, ער פאַנ־טאַזירט אין פריהלִינגס־געדאַנקען, ביז די זעעלע גיסט זיך צוזאַמען מיט דעם שעהנעם, ערהאַבענעם פריה־לִינגס־לעבען. דער איד ווערט ערמוטהיגט, זיין האָפ־נונג ווערט געשטאַרקט, און ער זאָגט צו זיך זעלבסט: „ניט אייביג געוועלטיגט דער קאַלטער ווינטער, עס וועט אויך קומען דער פרעהליכער זומער, די נאַטור וועט ווידער אָבלעבען, די הימלען וועלען ריין ווע־רען — זיי וועלען בעקומען זייער העל־בלויען קאָליר, די מוטער־ערד וועט ווידער זיך איינהילען אין איהר גרינעם מאַנטעל, די טעג וועלען גרעסער ווערען, די גרויסע, פינסטערע נעכט וועלען פערשווינדען, די פויי־געלאַך וועלען ווידער אָבגעבען זייער הימלישען קאָנ־צערט; אָ, איך האָף אויף דעם הערליכען פריהלינג, איך וועל ווידער אָבלעבען, און די אַלט־נייע נאַציאָן וועט זיך אומקעהרען צו דער אַלט־נייַ לאַנד און דאָרט וועט זי ווידער פיהרען איהר נאַטירליכען און נאָר־מאַלען לעבען, אַלס אַ פאָלק אויף זיין אייגענע־לאַנד”. — אָמן.

נח

כי מי נח זאת לי, אשר נשבעתי מעבר מי נח עוד על הארץ, כן נשבעתי מקצף עליך ומגער בך; כי ההרים ימושו והגבעות תמוטינה וחסדי מאתך לא ימוש, וברית שלומי לא תמוט, אמר מרחמך ד׳.
(ישעיה נ״ד ט׳).

„מיט דיר, ישראל, איז די זעלבע געשיכטע ווי מיט דעם מבול אין נח׳ס צייטען. אזוי ווי איך האָב געשוואָרען איך זאָל שוין מעהר קיין מבול ניט ברייני־גען אויף דער ערד, אזוי האָב איך אויך געשוואָרען דיין עקזיסטענץ צו ערהאַלטען. די בערג וועלען פער־ניכטעט ווערען, די הימלען וועלען געשטירצט ווערען, אָבער מיין חסד פון דיר וועט ניט אָבטרעטען, און מיין פריעדען וועט אימער זיין מיט דיר" — אזוי האָט גע־זאָגט דיין ערבאַרמיגער גאָט.

דיזע הייליגע ווערטער זיינען אויסגעשפּראָכען געוואָרען אין גאָט׳ס נאָמען מיט צוויי טויזענד זעקס הונדערט יאָהר צוריק דורך דעם גייסטרייכען און גרעסטען פון די פּראָפעטען „בן־אמוץ" — און זיי לעבען נאָך היינט אויך!

דער פּאַראַלעל פון דער אידישער געשיכטע מיט דעם מבול אין נח׳ס צייטען איז ריכטיג און הייליג עד היום. מיר האָבען דעם זעלבען שיקזאַל ווי נח אין זיין צייט. פּונקט ווי ער איז געשוואומען אין די ברויזענדע וועללען פון׳ם שרעקליכען מבול וואסער, אזוי שווימען מיר אויך אין די וועללען פון׳ם מבול פון אונזערע טרעהרען און בלוט. שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר, אז אונזערע טרעהרען און בלוט פליינצען אָהן אָן אויפ־הער אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער; און פּונקט ווי נח איז גערעטעט געוואָרען אין זיין שווימענדען קאַס־טען, ניט האָבענדיג קיין באָדען אונטער זיינע פיס, אזוי אויך מיר שווימענדע און הענגענדע אין דער לופטען אָהן אַ לאַנד, ווערען גערעטעט אין אונזער גייסטיגען רעטונגס־שיף, וועלכער איז געבויט ניט פון „עצי גופר״, נור פון גייסטיגע מאַטעריאַלען, ווי רעליגיאָן, טראַדיציאָן און נאַציאָנאַלע שטאָלץ!

שוין באַלד אכציג דורות אז אונזערע פיס האָבען ניט אונטער זיך קיין פעסטען באָדען; אונזערע לע־בענס־הימלען זיינען בעצויגען מיט שווערע, פינסטערע וואָלקענס פול מיט יודען־האַס, אָדער ווי מיר רופען עס היינט מיט׳ן מאָדערנעם נאָמען „אַנטיסעמיטיז־מוס״. טרויעריג איז דאָס בילד: די וואָלקענס ווערען וואָס ווייטער אַלץ שוואַרצער, די ווינטען שטורמען, פייפען און קרעכצען יאָמערליך, די וועללען פון דעם מבול בלוט און טרעהרען, וואָס מיר האָבען פערגאָסען

אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער, ערהייבען זיך ביז צום הימעל. דער שרעקליכער שטורם צובריכט איבעראַל אונזערע לעבענס־בוימער, און כוואַליעס פון צאָרן, שאַנדע, האַס און פיינדשאַפט ברויזען איבער אונזערע קעפּ. דונערען, בליצען, פּעך און שוועבעל, גזירות, גרושים און פּאָגראָמען צושמעטערען אונז איבערן גאַנצען ערד־באַל, און דאָך, ווי נח אין זיין „עצי־גופר"־קאַסטען, אַזוי ישראל סבא אין זיין גייס־טיגען רעטונגס־שיף, שווימט און ווערט גערעטעט. ער שווימט איבער די ברויזענדע וועללען, אין דעם מבול פון זיין אייגען בלוט, און לעבט און עקזיסטירט אין זיין בלוט, ווי איינער פון זיינע גרויסע פּראָפּעטען האָט איהם אַמאָל געזאָגט: „בדמיך חיי! בדמיך חיי!"...

* * *

„ויגברו המים, וישאו את התבה ותרם מעל הארץ, והמים גברו מאד מאד על הארץ".

„און די וואַסערען האָבען זיך געשטאַרקט, און זיי האָבען אויפגעהויבען דעם קאַסטען. און דער קאַסטען זעלבסט האָט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד".

עס איז אונמעגליך מיט אַ מענשליכע שפּראַך פאַרצושטעלען די לאַגע דאַמאַלס פון נח'ן מיט זיין

פאַמיליע אין דעם מאָמענט, ווען דער קאַסטען האָט זיך אויפגעהויבען פון דער מוטער־ערד. שרעקליך איז געווען דאָס בילד, האַרצרייסענד איז געווען דער מאָ־מענט, ווען זיי האָבען זיך געזעהען אָבגעריסען פון דער ליעבער מוטער ערד מיט איהר גאַנצען פּראַכט און נאַ־טור רייכטהום. אָט פערשווינדען פון זייערע אויגען די גרינע פעלדער, די שמעקענדע בלומען, די מעכ־טיגע וועלדער. דער קאַסטען הייבט זיך אַלץ העכער, העכער, און דאָס צאַרנדיגע וואַסער פערדעקט שוין אויך די שפּיצען פון די הויכע בערג. און זיי, ערד־קינדער, בלייבען אין דער לופטען צווישען הימעל און וואַסער. עס ערוואַכען דאַן אַלע נאַטור־געפיהלען. די הערצער צאַפּלען, אַ בוימעלע, אַ גרעזעלע, אַ בלומעלע ווילט זיך. עס בענקט זיך מיט דער גאַנצער קראַפט פון דער נשמה צו זעהען אַ פליהענדעס פויגעלע, אַ קריכענדעס ווערעמיל. אָבער אַלעס, אַלעס פערלאָרען, פערניכטעט און צושטערט. פאַר די זוכענדע אויגען ווייזט זיך נאָר אַ מורא'דיגער חורבן: פּוסט, וויסט און לעער! טרויעריגע גרויסע הימלען פון אויבען און מיט צאָרן ברויזענדע וואַסערען פון אונטען. אָה! שרעקליך, שרעקליך!

דאָס זעלבע שוידערהאַפטע בילד זעהען מיר אין אונזער לעבען שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר. „ותרם התבה מעל הארץ" פון דעם לאַנד זיינען מיר אָבגעריסען געוואָרען, מיר האָבען אָנגעוואָרען דעם נאַ־

טירליכען נארמאלען לעבען כון א נאטור־קינד, מיר זיינען ווייט פון דער נאטור ווי די נאטור איז ווייט פון אונז. אונזער גייסטיגע תבה, די תורה, ענטהאלט אין זיך דאס לעבען פון א פארמער־פאלק, און האט אונז פערשפראכען ערדישע נאטירליכע מתנות ווי פאר אן אקער־בויער: לאנד, רעגען, טהוי און זונשיין; די תורה האט אונז בעשאנקען מיט „מצוות התלויות בארץ", מיט דעם נאטירליכען שאץ פון יובל, שמיטה, עומר, בכורים, פאה, שכחה, פרט, עוללות, מעשר און תרומה, דיעזע אלע בריליאנטען זיינען אבער פערשוואונדען געווארען פון אונז אזוי ווייט, אז מיר האבען היינט קיין בעגריעף פון זיי. אונזער גייסטיגע תבה האט אויסגעליידיגט איהר טייערען ערדישען אוצר, האט זיך אבגעריסען פון דער מוטער ערד, פון דעם ריכטיגען נארמאלען לעבען, און צוזאמען מיט אונז זיך צום הימעל א הייב געטהאן, און מיט אונז צוזאמען איז זי געבליעבען הענגען אין דער לופט צווישען הימעל און ערד.

שוועבענדיג אין דער לופט א צייט פון איבער אכטצעהן הונדערט יאהר, זיינען מיר קערפערליך אבגעשוואכט געווארען. און דערפאר טאקע זיינען אונזערע פאנטאזיעס שטארק געווארען! מיר זיינען געווארען בעלי־הזיות, בעלי־דמיונות; שווערמער, פאנטאזיארען זיינען מיר געווארען! מיר חלום'ען פוסטע חלומות, פאלשע טרוימען, ניט געשטויגען און

ניט געפלויגען, מיר פליהען אין דער לופט, מיר לעבען אין הימעל און שטרעבען צו נעכטיגע טעג. מיר זיינען געוואָרען ניט דאָס, וואָס מיר זיינען געוועזן. עפּעס אַ קליינינקייט — ברואים הענגען אין דער לופט. ווי שרעקליך דאָס איז! מיט אַ פאַנטאַסטישען קרוק פער־טשעפּעט אין הימעל און אויף אַ קייט פון שווערמעריי הענגען מיר אין דער לופט בין השמים ובין הארץ — פון דער ערד אָבגעריסען און צום הימעל ווייט. אָה, ווי גרויזאַם איז אַזאַ סאָרט לעבען פיר אַ גאַנצע נאַציאָן אין אַ תבה, וועלכע איז „ותרם מעל הארץ״!...

„ויכסו כל ההרים הגבהים, אשר תחת כל השמים״.

און עס זיינען צוגעדעקט געוואָרען אַלע הויכע בערג פון אונטער דעם הימעל.

„וישאר אך נח ואשר אתו בתבה״.

און עס איז איבערגעבליעבען בלויז נח און די, וואָס זיינען געוועזן מיט איהם אין דער תבה.

ויכסו כל העמים אשר תחת כל השמים, וישאר אך ישראל סבא ואשר אתו בתבה.

עס זיינען פערניכטעט געוואָרען אַלע זיינע אַלטע קאַמעראַדען, די אוראַלטע פעלקער: אַשור, בבל, פּרס יון און רום, און בלויז דער אַלטער ישראל איז איבער־

געבליעבען, ער און אַלעס וואָס מיט איהם אין זיין גייסטיגער תבה.

* * *

„וישלח את העורב, ויצא יצא ושוב עד יבשת המים מעל הארץ; וישלח את היונה מאתו לראות הקלו המים מעל פני האדמה — ולא מצאה היונה מנוח לכף רגלה ותשב אליו אל התבה, כי מים על פני כל הארץ, וישלח ידו ויקחה, ויבא אותה אליו אל התבה, ויחל עוד שבעת ימים אחרים, ויוסף שלח את היונה מן התבה, ותבא אליו היונה לעת ערב והנה עלה זית טרף בפיה, וידע נח, כי קלו המים מעל הארץ".

אַם ענדע איז נח'ן געוואָרען זעהר לאַנגוויילינ צו זיצען פערשפּאַרט אין קאַסטען, האָט ער אַרויס־געשיקט דעם עורב (די וואָראָנע), צו זעהען וואָס טהוט זיך אויף דער ערד. דער עורב האָט אָבער קיין ריכ־טיגע תשובה ניט געבראַכט. און אַזוי פלעגט דער עורב געהן אַהין און צוריק אָהן אַ רעזולטאַט.

אָה, פיעל עורבים — פאַלשע משיחים — האָט ישראל סבא, אַזוי ווי נח, געשיקט אין דער גאַנצער צייט פון „בר־כּכבא" ביז „שבתי צבי" און קיין מאָל דאָס ערוואַרטעטע ניט געהאַט. יעצט, אין אונזער

דור, האָט דער אַלטער ישראל אָנגעפאַנגען צו שיקען די טויב — די „חובבי ציון" — צו זעהען, אויב דאָס וואַסער איז אַרונטערגעגאַנגען פון לאַנד, אָבער די טויב האָט אויך ניט געפונען קיין פעסטען באָדען איהר פוס אַוועקצושטעלען, און זי האָט זיך צוריק צו איהם אין דער תבה צוריקגעקעהרט, ניט ווי די עורבים די משיחי השקר, וואָס זיינען אַוועק פון איהם.

ער האָט אָבגעוואַרט נאָך אַ קורצע צייט, און ווי־דער געשיקט דאָס טייבעלע פון דעם קאַסטען, און דאָס טייבעלע איז צו איהם געקומען אָבענד־צייט, ווען עס איז איהם גאַנץ פינסטער געוואָרען אין דעם שווימענ־דען לופט־קאַסטען. און ווי ענטציקט איז ער געוואָ־רען, ווען ער האָט דערזעהען ביי דאָס טייבעלע אין מיילכעל אַן אויילבערט־בלעטעל. נח האָט דאַן פער־שטאַנען, אַז די ערד ווערט בעפרייט פון די וואַסערען.

ישראל סבא, פונקט ווי נח, האָט שוין אויך דער־לעבט צו זעהען, ווי זיינע טייבעלאָך ברענגען איהם אויילבערט־בלעטלאָך, עצי־זית, ענבי־גפן, גוטע וויינען, טהייערע קאָניאַקס, פון זיין לאַנד. און די האָפנונג ווערט וואָס ווייטער גרעסער, אַז די צייט איז נאָהענט, ווען ער וועט אויך אַרויס פון זיין צוויי טויזענד יעה־ריגער תבה, און ער וועט זיך אומקעהרען צו זיין אַלט־ניי־לאַנד מיט אַ פריש ניי לעבען, ווי נח נאָך דעם מבול.

לך־לך

„ולא נשא אותם הארץ לשבת יחדו".

צוויי פערשיעדענע כאראקטערע, צוויי קאנטראסטען זיינען געווען דער אנקעל אברהם מיט זיין פלימעניק לוט.

דער ערשטער איז געווען דער גרויסער אידעאליסט און ערפינדער פון „מאנאטעאיזם" (אחדות הבורא), דער סימבאל פון מדות טובות און ריינע מענשליכקייט אויף דור דורות.

דער צווייטער איז געווען א ניעדעריגע ליידענשאפטליכע בריאה, אן איינפאכער פערדארבענער שכור אויף אזוי ווייט, אז ער איז בעגאנגען דעם שענדליכסטען פערברעכען מיט זיינע אייגענע צוויי טעכטער.

טראץ דעם, האט דער אלטער אברהם איהם ניט פערלאזען, איהם מקרב געווען און מיטגענומען אויף זיין רייזע. דאס האט אזוי לאנג געדויערט, ביז ס'האט אויסגעבראכען א קריעג צווישען זייערע פאסטוכער.

לך לך

דער אַלטער „אב המון גוים" וואָלט נאָך אַליין געדולדעט, איבערגעטראָגען. נור דאָ ערקלעהרט מען אונז וואָרום זיי האָבען זיך געמוזט שיידען. אונזער הייליגע תורה זאָגט בזה הלשון:

„ויהי ריב בין רועי מקנה אברהם ובין רועי מקנה לוט והכנעני והפריזי אז יושב בארץ".

אין גרונד גענומען, זיינען די ווערטער גאָר ניט פּאַסענד צו דער ערצעהלונג: וואָס איז אונז דער חלוק ווער עס איז דעמאָלט געזעסען אין יענעם לאַנד? דאָך ווען מיר בעטראַכטען די זאַך גרינדליכער, פערשטעהען מיר ערשט, אַז די תורה ערקלעהרט אונז די אורזאַכע, וואָרום דער גוטער פּאַטריאַרך אברהם האָט זיך געמוזט שיידען מיט זיין ברודער'ס זוהן.

פיר איהם אַליין, פיר אברהם'ען, וואָלט דאָס ניט אויסמאַכען, ער וואָלט מיט זיין רוהיגען כאַראַקטער אַלסדינג איבערגעטראָגען, נור ער האָט מורא געהאַט פיר אַ חלול השם, וויל „והכנעני והפריזי אז יושב בארץ". דאָס הייסט: „מה יאמרו הבריות?" — וואָס וועלען לייט זאָגען?...

דאָס איז אַ מוסר־השכל פאַר אונז, אברהם'ס קינדער, מיר זאָלען זיך לערנען פון אונזער פאָטער זיך צו היטען פיר חלול־השם, מורא האָבען פיר דעם „למה יאמרו הגוים?" — עס זאָל ניט קומען צו קיין חלול־השם פיר דעם כלל ישראל.

דאָס איז אַ מוסר־השכל פיר יעדען אידען בפרט, אויך פיר יעדע שוהל, חברה, סאָסייעטי, לאָדזש און יוניאָן בכלל. אונזער כבוד דאַרף ביי אונז תמיד זיין טהייער און אונזער נאָמען — הייליג.

אברהם מיט לוט'ן זיינען געווען דערווייטערט אין כאַראַקטער איינער פון צווייטען פיעל מעהר ווי אַ רוסישער איד פון דעם דייטשען אידען; פיעל וויי־טער ווי אַן אָרטהאָדאָקס פון דעם רעפאָרמער, ווי אַ חסיד פון דעם מתנגד, ווי אַ ליטוואַק פון אַ וואָלינער, אפילו ווי אַ רעליגיעזער פון דעם פריידענקער. ואחרי ככלות הכל, ווען עס איז געקומען צום שיידען זיך, ווי שטיל און ווי רוהיג האָט אונזער פאָטער אברהם בע־האַנדעלט זיין אונגליקליכען פלימעניק לוט. ער האָט צו איהם רוהיג געזאָגט: „אל נא תהי מריבה ביני ובינך ובין רועי ובין רועך, כי אנשים אחים אנחנו". איך בעט דיך, פריינד מיינער, זאָל ניט זיין קיין מחלוקות צווישען אונז און צווישען אונזערע מענשען, ווייל מיר זיינען דאָך ברידער, אייגענע בלוט און פלייש.

און אברהם האָט געגעבען לוט'ן די ברירה, ער אליין זאָל זיך אויסקלייבען וואוהין צו געהן: רעכטס אָדער לינקס. לוט האָט ניט געהאַט קיין שום אָנווענ־דונג דאַגעגען. ער האָט דערזעהען דעם „ככר הירדן כי כלה משקה"... האָט ער זיך גלייך געזעגנט מיט

זיין פעטער און איז אוועק דארט, וואו די „משקה" געפינט זיך.

וואס זעהען מיר נאכהער? האט דער פרומער און גאטספארכטיגער פעטער פערגעסען אן זיין צו־לאזענעם ברודער'ס זוהן? האט זיך דער אמת'ער איד, דער פאטער פון דער אידישער נאציאן שוין ניט מעהר אינטערעסירט מיט זיין פערפיהרטען און געזונקענעם פריינד?

ניין, דאס אמת'ע אידישע הארץ פערגעסט ניט. ווי א מלאך אלקים האט ער איהם געהיט פון ווייטען און בעשיצט.

אט וואס די תורה דערצעהלט אונז איבער א דראמאטישער צוטרעפונג אין לעבען פון דעם גרויסען איד:

— ויבא הפליט ויגד לאברהם העברי — והוא שוכן באלוני ממרא האמורי, אחי אשכול ואחי ענר, והם בעלי ברית אברם — וישמע אברם כי נשבה אחיו וירק את חניכיו...

און עס איז געקומען דער ענטרונענער, און ער האט אנגעזאגט אברהם'ען, וואס וואהנט אין פלוין פון ממרא, דער אמורי, וועלכער איז א ברודער פון אשכול און ענר, וועלכע זיינען אויך געוועזען אברהם'ס גוטע ברידער און הויז־פריינד. ווען אברהם האט געהערט אז זיין ברודער איז געפאנגען געווארען, האט ער גע־

נומען כלי־זיין און בעוואָפענט זיינע מענשען און איז געלאָפען איהם העלפען...

דער ספור אליין איז זעהר א שעהנער און טראָגט אין זיך די שעהנסטע מאָראַל פון אָננעהמען זיך פיר א פריינד.

אָבער צו וואָס האָט אונז די תורה אָנגעגעבען אברהם׳ם אַדרעסע? און וואָס איז דער חילוק מיט וועמען אברהם האָט געוואָהנט? וואָס אינטערעסירט אונז איבערהויפּט די נעמען פון די דריי ברידער ענר אשכול וממרא, וועלכע זיינען געווען אברהם׳ם הויז־פריינד?

נור אונזער תורה רעדט ניט אומזיסט. איהרע ווערטער זיינען ניט סתם אין דער וועלט אריין. אברהם אבינו׳ס אַדרעסע פון פיער טויזענד יאָהר צוריק איז נאָך יעצט אויך דער חותם תכנית פון דער העכסטע מדה מענשליכקייט.

עס איז ניט קיין וואונדער, ווען אין רוסלאַנד מאַכט זיך א שרפה אין איין שטאָדט און די צווייטע שטרעקט באַלד אוים איהר העלפענדע האַנד, ווייל זי איז אליין ניט זיכער, אַז איהר זאָל ניט טרעפען דער זעלבער אומגליק און זי וועט אַמאָל אויך דאַרפען פאַ־דערן הילפע, דאָס הייסט פשוט „גומלין״, וואַלטהאַט. אָבער ריכטיגע און וואהרע צדקה הייסט, ווען עס מאַכט זיך אַן אומגליק אין רוסלאַנד אָדער אין רומע־

ניען, און אונזערע ברידער, וועלכע וואָהנען אין די ליכטיגע פרייע לענדער ווי אַמעריקא און ענגלאַנד, ערוואַכען מיט הילפע ניט ערווארטענדיג קיין „גומלין” צוריק בעצאָהלען, — דאָס הייסט וואהרע טוגענד, אידישע וואָהלטהאט!

אין דעם זעלבען זין ערקלעהרט אונז די תורה, אַז אברהם איז ניט נעגאַנגען העלפען לוט'ן, ווייל ער האָט ערוואַרטעט פון איהם צוריק אַ טובה. ניין, אברהם האָט געוואָהנט אונטער דעם שוץ פון דעם גרויסען ממרא — דער דאַמאָלסדיגער דזשאָרדזש וואַשינגטאָן — און ענר מיט אשכול, זיינע ברידער, זיינען געווען אברהם'ס בעסטע פריינד. ער האָט קיין מורא ניט געהאַט פאַר קיין פערפאָלגונג. און דאָך — „וישמע כי נשבה אחיו” — ווען ער האָט געהערט אַז זיין ברודער איז אין געפאַהר, האָט ער געוואָלט איהם העלפען ניט קוקענדיג דארויף, וואָס ער איז פערשיעדען פון איהם אין אידעען, זיטען און געפיהלען. ער איז אפילו נאָר געווען זיין פלימעניק, אָבער אין אַ צרה, דערצעהלט אונז די תורה, אַז ער איז געוואָרען זיין אייגענער לייבליכער ברודער!

און דער ערשטער פאַטריאַרך אונזערער איז אויך געווען אונזער ערשטער נביא. זיין ערשטע נבואה לע־

זען מיר אין היינטיגע סדרה, אין וועלכע עס שפּיגעלט זיך אָפּ אונזער פיער טויזענד יאָהריגער שיקזאַל.

דער פּאַטער פון דער עווינער נאַציאָן האָט אָנגעפאַנגען צו לערנען די סדרה „לך לך״, וועלכע מיר האָבען נאָך עד היום ניט געענדיגט.

איבער דעם גאַנצען ערד־באַל האָבען מיר זי אייביג געלערנט און הייטע לערנען מיר זי נאָך מיט מעהר פליים.

דער אויסרוף „לך לך״ קלינגט אונז היינט אין די אויערען וואו מען טהוט זיך נאָר א קעהר, אין אלע גרויסע און קליינע וואָקזאַלען, איבער אַלע ברעגען פון די ימים און גרענעצען פון קליינע און גרויסע לענדער. אַמשטאַרקסטען הערען מיר דעם געשריי „לך לך״ פון די רוסישע און רומעניי זשאַנדאַרען ביי זייערע פערשאָלטענע גרענעצען. און דער עכאָ, דאָס ווידערקול, קלינגט אָפּ אין די פּאָרט־שטעדט ווי האַמבורג, ברעמען, אַנטווערפּען, ראָטערדאַם, ליווערפּול, א. ז. וו., און פון דאָרט טראָגט עס זיך ביז דעם קליינעם טרעהרען־אינזעל „עלים־איילאַנד״ אין אַמעריקא.

דער אָנפאַנג פון דער היסטאָרישער טרויעריגער סדרה, האָט אָנגעפאַנגען דער ערשטער גרויסער און הייליגער איד אברהם. און באַלד האָט מען אָנגעפאַנגען צו ווייזען ליעבע־צייכענס צו זיין פרוי שרה, ווי זייער שטייגער איז עד־היום, אריינצוחאַפּען אונזערע

טעכטער אין די עסטרייכישע קאטוילישע קירכען, וואו עס ווערען אין גאָט'ס נאָמען אָבגעטהאָן די גרעס־טע מעשים תעתועים.

ווען אברהם האָט דערזעהן אין דער ערשטער מחזה אין דער ערשטער נבואה זיינער, דאָס פינסטערע לעבען, דעם בלוטיגען און גרויזאמען שיקזאל פון זיינע קינדער אין פרעמדע לענדער אונטער דעספאָטישע הערשאפטען, און „והנה אימה חשכה גדולה נופלת עליו". דאַן איז אַ גרויסע פינסטערע שרעק אויף איהם אָנגעפאלען, און פירכטערליך האָט ער אויסגעשריען: „הן לי לא נתת זרע", דאָס הייסט, אונטער אַזעלכע אומשטענדען, אונטער אַזאַ סאָרט לעבען צווישען פרעמדע נאַציאָנען, וועלען זיי ניט קענען זיין מיינע קינדער, מיינע גייסטיגע קינדער: זיי וועלען זיין גע־צוואונגען צו אסימילירען זיך מיט זייערע אונטער־דריקער און פייניגער.

„ויוצא אותו החוצה", דאַן האָט איהם דער אלמעכטיגער ארויסגענומען אין דרויסען ארוים אי־בער אלע פעלקער, דאָס הייסט, ער האָט איהם בעווי־זען, אַז זיינע קינדער וועלען זיין אַ „יוצא מהכלל", אנדערש ווי אלע נאַציאָנען, צו זיי וועט אסימילאציאָן קיין שליטה ניט האָבען, און זיי וועלען עוויג זיין זיינע קינדער, אַן „עם לבדד", אַן אָבגעזונדערטע נאַ־ציאָן וועלען זיי פערבלייבען.

און ווי שרעקליך, ווי גרויזאם איז געווען דאס בילד, דער „ברית בין הבתרים", דער בונד צווישען די שטיקער פלייש, דער סימבאל פון די אידישע צו־שניטענע קערפערס פון די הרוגים און קדושים אין אלע דורות און אין אלע לענדער, פון ירושלים ביז קי־שינעוו און פון נבוכדנצר'ן ביז סטאליפינען. דער דריי טויזענד יעהריגער „ברית בין הבתרים" עקזיסטירט נאך אלץ ווייטער, אבער ניט צווישען קאלב־ אדער ציעגען־פלייש, נאר צווישען מענשליכע אידישע פלייש פון אלטע און יונגע, מענער און פרויען און אויך פלייש פון קליינינקע קינדערלאך!

„ויהי השמש לבא, ותרדמה נפלה על אברם והנה אימה חשכה גדולה נפלת עליו".

און דאן איז די זון אונטערגעגאנגען, און א שטארקער שלאף איז אויף אברהם'ען אנגעפאלען, און א שרעקליך פינסטערעס בילד איז פאר זיינע אויגען ערשיענען. — און פון זיין טיעפען הארצען האט זיך ארויסגעריסען: „אוי, מיינע קינדער, מיינע קינדער, געקוילעט, צוריסען, געשענדעט און פערניכטעט, גאט!"...

און דאס שרעקליכע בילד איז פון אברהם'ען פערשוואונדען, און פאר זיינע אויגען איז ערשיענען דאס הערליכע, רייצענדע בילד פון דעם הייליגען לאנד מיט'ן גאנצען פראכט און גלאנץ, מיט די הויי־

בע, שטאָלצע בערג און גרינע טהאָלען, און גאָט'ס שטימע קלינגט שטאַרק און מעכטיג אין זיינע אויערען „לזרעך נתתי את הארץ הזאת",—דו זעהסט דאָס שעהנע לאַנד, אָט דאָס בעלאַנגט צו דיינע קינדער, און דאָס װעט זיין זייער בעלאָהנונג פיר אַלע זייערע ענויים און צרות, װאָס זיי האָבען געליטען אין גלות. אָמן!

וירא

„מפי עוללים ויונקים יסדת עוז"
(תהלים ח').

קיין גרעסערער גייסטיגער פערגעניגען גיבט ניט פיר דעם מענשען ווי די עראינערונגען פון דער קינד־הייט. די קינדערשע יאָהרען לאָזען אין אונז איבער אייביגע זכרונות אויף אונזער גאַנצען לעבען, בעזאָנ־דערס די אידיש־קינדערשע יאָהרען אין דעם גהעטאָ־לעבען: דער חדר, דער רבי, דער בעהעלפער, די ווינ־טערדיגע אבענדען, די חלב'נע ליכט, אויף דעם לאַנ־גען טיש, און דער מאָמענט, ווען דער רבי האָט אַ מאך צו געטהאָן זיין גמרא און אַ זאָג געטהאָן: „קינדער, געהט אַהיים!"

אָט דאָס אַלעס לעבט אין אונזער זכרון אַזוי פריש, אַז מיר מיינען און פיהלען גלייך ווי עס וואָלט נעכטען געוועזן. מיר פיהלען יעצט דעם טעם פון בע־פרייאונג, וואָס מיר האָבען יעדען טאָג דאָן פערזוכט, ארויסגעהענדיג פון'ם קליינעם איינגען חדר אויף דער פרייער גאַס. מיט די קליינע קינדערשע הענטלאך האָ־

בען מיר צוגעהאַלטען די געקנייטשטע פּאַפּירענע לאַמ־טערן, די אויסגעשמירטע אין בוימעל; און די מיילער אונזערע האָבען מיר אָפּען געהאַלטען אַריינצושעפּען אין זיך די פרישע קוויקענדע לופט, וועלכע האָט אונז אין׳ם איינגען חדר אַ גאַנצען טאָג געפעהלט. און פיר גרויס פרייד האָט זיך ערוועקט אין אונזערע יונגע הערצער די ליעבע צו דער „בת השירה״, און אַלע מיט איין כאָהר האָבען מיר אָנגעפאַנגען צו זינגען: „עמון ומואב מהרה תכלה, פדותך לעמך בקרוב תגלה, ציון תמלא מעם אלה״.

זיס זיינען געווען דיזע ווערטער צוזאַמען מיט דעם נגון, וועלכען אונזערע פאָטערס האָבען געזונגען יעדען שבת־צו־נאַכט. — אָרעמע קליינינקע אידישע קינדערלאַך, נאָך אין זייער קינדהייט פיהלען זיי דעם ביטערען, פינסטערען גלות און בעטען ערלייזונג פיר זייער פאָלק!

זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, קריטיזירט דעם חדר מיט אַלע זיינע פעהלערן: זיין איינגשאַפט און אונריינליכקייט, דעם רבי׳ן דעם נערוועזען מיט זיין פאָלקאָמע אונוויסענהייט אַלס פּעדאַגאָג און קינדער־ערציהער. — און דאָך, איז אין דעם חדר געווען עט־וואָס ערהאַבענעס, עטוואָס הייליגעס און בעגייס־

טערטעס, וואס קיין שולע, קיין נאציאן אין דער וועלט פערמאגט דאס ניט!

א, דו פינסטערער־ליכטיגער חדר! דו קליינער־גרויסער, ניעדריגער־הויכער חדר! ווי פיעל גרויסע מענשען מיט שלאפע קערפער, און שטארקע נשמות האסט דו אונז, אין אלע גלות־לענדער, ארויסגעגעבען! ווי העלע שטערען האבען זיי געשיינט אין אונזערע פער׳חשך׳טע הימלען. די פינסטערנים האבען זיי פער־טריעבען, אום מיר זאלען זעהען א וועג ווי ווייטער צו געהן און געפינען אן עקזיסטענץ פיר אונזער לעבען.

יא, קריטיקער, איהר זייט היינט העלדען צו בע־שרייבען די אלע פעהלערען פון יענעם חדר; היינט, אין דער צייט וואס אין ציוויליזירטע לענדער זיינען אפען די אלגעמיינע שולען פיר אייערע קינדער. אבער שטעלט אייך פאר די מיטעל־אלטער, ווען דער איד איז געווען פערשפארט אין דער גהעטא ווי אין אן ענגע שטייג, ער האט די ליכטיגע וועלט פאר זיינע אויגען ניט אנגעזעהען. וואס וואלט פון אונז דאן גע־ווארען, ווען ניט דער חדר מיט זיין ליכטיגע פינסטער־נים, מיט זיינע ניט־עסטהעטישע אבער עטהישע לעה־רען, וועלכע ער האט אונז געגעבען, וואס וואלט פון אונז געווארען?!

דארט, אין די קליינע פינסטערע חדרים האבען מיר געלערענט **די גרויסע**, ליכטיגע **ווינטער־סדרות,**

וועלכע האָבען אין אונז „נשמות יתרות" בעשאַפען, און אונז געגעבען דעם גייסטיגען פערגעניגען, וועלכער ערקוויקט אונז נאָך מיט זיינע עראינערונגען ביז היינ־טיגען טאָג.

מיר, קליינע אידישע קינדערלאַך, האָבען דורכ־געלעבט און מיטגעמאַכט אין די גרויסע ווינטער־נעכט אַלעס, אַלעס וואָס אונזערע אור־אור־עלטערען האָבען מיטגעמאַכט אין זייער גאַנצען לאַנגען לעבען. מיר האָבען גענומען אנטהייל אין זייערע ליידען און אויך אין זייערע פריידען. צוזאַמען מיט אדם און חוה'ן זיי־נען מיר אין גן־עדן געזעסען, ווען מיר האָבען געלע־רענט „בראשית"; אויף דעם חיטרען שלאַנג זיינען מיר שטאַרק אין כעס געוואָרען, וואָרום ער האָט איבער־גערעדט חוה'ן צו עסען פון „עץ־הדעת" ; מיט אונזער גאַנצער ברענענדער קינדערשער פאַנטאַזיע וואָלטען מיר, דוכט זיך, אַנגעחאַפּט די מוטער חוה פיר איהרע הענד און אויסגעשריען : „עס ניט, דו וועסט חרטה האָבען !" און מיט שרעק האָבען מיר געפיהלט דעם מאָמענט, ווען זי האָט אויך אדם'ען געגעבען צו פערזוכען. און באַלד האָבען מיר געהערט מיט אונזערע שאַרפע קליינע אויערלאַך גאָט'ס אויסגעשריי צו אדם'ען : „איכה ? !" — און אין דעם מאָמענט זיינען מיר צוזאַמען מיט אדם און חוה'ן, ווי אונזערע הער־

צעלאַף האָבען אונז פריהער געזאָגט, ארויסגעטריעבען געוואָרען פון גן־עדן...

אין דער סדרה „נח" האָבען מיר זיך געפיהלט צו־זאַמען מיט נח'ן און זיין פאַמיליע פערשפאַרט אין דער תבה. מיט דער גרעסטער אונגעדולד האָבען מיר געווארט אויפ'ן רעגענבויגען, די הימלען זאָלען קלאָר ווערען, און מיר זאָלען פטור ווערען פון דעם שרעקלי־בען מבול.

פרעהליכער, מונטערער און לעבהאַפטער זיינען מיר געוואָרען, ווען מיר האָבען אָנגעפאַנגען לערנען די סדרה „לך לך". דאַן האָבען מיר געפיהלט דאָס פרישע בעקאַנטשאַפט מיט אונזער ערשטען געטליכען גראָס־פאַטער, דער ערשטער גרויסער איד אברהם. מיר האָ־בען איהם פשוט ליעב בעקומען, אויף איין מינוט האָ־בען מיר איהם פון געדאַנק ניט ארויסגעלאָזען, שטאַרק זעהר שטאַרק האָט אונז געערגערט וואָס לוט, זיין פלי־מעניק, האָט איהם עגמת־נפש פערשאַפט. מיט פרייד האָבען מיר זיי פונאַנדערגעשיידט, און מיר אַליין זיינען ביי אברהם'ען פערבליעבען... און דאָך, זאָפאָרט ווי מיר האָבען דערהערט, אַז לוט איז אין כדרלעומר'ס הענד אריינגעפאַלען, האָבען מיר גלייך פערגעסען אָן זיינע פריהעריגע האַנדלונגען, און גלייך מיט אברהם'ן

זיינען מיר איהם געלאָפען רעטען, ווייל בלוט איז ניט קיין וואַסער! ער איז אונזער קאָזין און דו, כדרלעומר, האָסט קיין רעכט ניט איהם צו פערפאָלגען!... אָה, וויפיעל מאָראַל, וויפיעל גוטע זיטען האָבען מיר עס דערפון געלערענט!

מיר האַלטען שוין פרשת „וירא". אברהם איז שוין אַן אַלטער מאַן. קראַנקערהייט זיצט ער, דער אַל־טער פּאַטריאַרך ביי זיין געצעלט און קוקט אויס צו דערזעהען ערגעץ־וואו הונגעריגע, דורשטיגע פוס־גע־הער, זייער הונגער און דורשט צו שטילען. און ווי אויפגעלעבט האָבען מיר זיך געפיהלט, ווען מיר האָבען ענדליך בעקומען דריי הונגעריגע געסט, און דאָס אַלטע פּאָר פאָלק האָט זיך געפּאָרעט און געמאַכט פיר זיי אַ גאַנצע סעודה.

געבען הונגעריגע — עסען, דורשטיגע — טרינ־קען, אָט דאָס איז דער פונדאַמענט פון דעם ערשטען אידען אין יודענטהום!

איך געדענק נאָך ווי יעצט, אַז אין אונזער שטאָדט איז פרשת „וירא" אַ גרויסער מגיד געקומען — „דער קעלמער" האָט מען איהם גערופען — און דאָ האָט זיך שוין אונזער רבי ניט געקענט איינהאַלטען. ער האָט אונז אַליין אין חדר געלאָזען און אונזער גו־טען חבר — הערשעלע האָט ער געהייסען — האָט ער

איבערגעלאָזען אויף אונז אכטונג צו געבען. און ער אליין איז אוועק אין בית־המדרש הערען דעם גרויסען מגיד.

די זון איז שוין דאַן געווען אונטערגעגאַנגען, אין חדר איז געוואָרען דונקעל, אָבער אונז איז געווען ליכטיג. ווי פינקעלענדע שטערען אין פינסטערען הי־מעל האָבען אונזערע אויגעלאך געבלישצעט פון פרייד. פון טיעפען הארצען האָבען מיר געוואונשען: געזונד זאָל זיין דער גרויסער מגיד, וואָס אין זיין זכות זיינען מיר בעפרייט געוואָרען דעם אבענד. יא, פינסטער איז געווען אין חדר אָבער ליכטיג אין אונזערע הערצעלאך, אָ, ווי הייליג איז דיעזע פינסטערנים!

הערשעלע, דער קליינער חבר אונזערער, האָט אונז באַלד אָנגעהויבען פעראינטערעסירען מיט זיינע שעהנע מעשה'לאך, און מעשיות דערצעהלען האָט ער גע־קענט א סך, ער האָט געהאט א גוטען זכרון מיט א געשליפענעם צינגעלע. דער רבי האָט אויף איהם נביאות געזאָגט, אז ער וועט אמאָל זיין א גרויסער מגיד.

קודם־כל, זאָגט הערשעלע, לאָמיר מאַכען א סעודה לכבוד דער סעודה, וואָס אברהם האָט געמאַכט פיר זיינע אורחים. באַלד האָט די רבי'צין די ליכט אָנ־געצונדען, און אַלע קינדער האָבען זייערע „מיט־זיך'ס", וואָס זיי האָבען פון דער היים מיטגענומען,

אויפ׳ן טיש אוועקגעלייגט. חברים זיינען מיר געווען אכט: דריי רייכע, גבירישע קינדער און פינף ארעמינקע. די רייכע האבען ארויפגעלייגט אויפ׳ן טיש קאטלעטען מיט היהנער־פלייש און די ארעמע — שטיקלאך שווארצע ברויט בעשמירט מיט פוטער, מיט קליינע „גראשענע״ שטיקלאך הערינג אדער קעז. און מערקווירדיג, די רייכע קינדער האבען פיעל מעהר חשק געהאט צו די שווארצע ברויט מיט הערינג, ווי די ארעמע צו די קאטלעטען.

הערשעלע האט אויסגערופען: „פריהער וועלען מיר אלע עסען דאס מילכיגע, נאכהער וועלען מיר אויסשווענקען די מיילער אונזערע און נעהמען זיך צו דאס פליישיגע. אברהם האט מיט די אורחים אויך אזוי געטהאן, ווי מיר האבען היינט געלערענט: „ויקח חמאה וחלב ובן הבקר,—און ער האט גענומען בעפאר די פוטער און די מילך און נאכהער דאס פלייש״.

די חברים האבען איהם אויסגעהערט און האבען טאקע אזוי געטהאן. א, וויפיעל מאראלישע פלאנצונגען זיינען אזוי ארום איינגעפלאנצט געווארען אין די יונגע זעקס־זיעבען־יאהריגע קינדערשע הערצעלאך! נאך אין דער קינדהייט האבען זיי שוין אנגעפאנגען קעמפפען מיט זיך, זיי האבען שוין געהאט אין זיך גענוג מענשליכעס ניט צו זיין ווי די טיערע (חיות) צו טהאן באלד דאס, וואס עס פערגלוסט זיך. זאגאר

דאָס אָרעמע קינד, וואָס האָט מיט די אויגעלעך גע־שלונגען די קאָטלעטען, האָט אויך זיך צוריק געהאַל־טען, און גערולדיג אויסגעוואַרט ביז אַלע וועלען אָב־עסען דאָס מילכיגע און מען וועט זיך די מיילער אויס־שווענקען.

און וואָס האָט געווירקט אויף די קליינע קינדער איינצוהאַלטען זייערע ליידענשאַפטען? — דער איי־נער פּרינציפּ: „מען טאָר ניט".

אונזערע רעפאָרמער מעגען מיט רעספּעקט בויגען זייערע קעפּ פאַר'ן פּרינציפּ „מען טאָר ניט", וועלכען זיי האָבען, ליידער, אין גאַנצען פערניכטעט. טויזענ־דער עטהיקעל קולטור־שולען און סאָנדיי־סקולס מיט די פּראַכטפאָלע לעקטשורס פון די צעהן־פּופצעהן טוי־זענד דאָלערדיגע רעווערענד־דאָקטאָרס קענען ניט איינ־פלאַנצען קיין צעהנטעל טהייל מאָראַל און עטהיק אין די קינדערשע הערצער, ווי דער פּרינציפּ „מען טאָר ניט".

די סעודה'לע האָט זיך געענדיגט און דער רבי איז נאָך אַלץ ניטאָ. הערשעלע האָט זיך אוועקגע־שטעלט אויף דעם רבי'ס שטוהל, דאָס טישטוך פון'ם טיש האָט ער פיר א טלית אָנגעטהאָן און זיך געמאַכט פיר אַ מגיד. מיר האָבען זיך אַלע גוט איינגעהערט, ווי ער מיט זיין געשליפענעם צינגעלע האָט אונז אויפ'ן מגיד'ישען אופן אַ מעשה'לע דערצעהלט. מיט אַ זיס קול'כיל און געשמאַק ניגון'דעל האָט ער געזאָגט:

„אז משיח וועט קומען, וועט גאָט מאַכען צוויי בריקען אויף דעם גרויסען ים: איינע — אַן אייזערנע און די צווייטע — אַ פּאַפּירענע. אויף דער אייזערנער בריק וועלען געהן אַלע פעלקער און וועלען אַריינפאַלען, און אויף דער פּאַפּירענער בריק וועלען געהן די אידען און וועלען קומען אין ארץ ישראל".

מיט פלאַמענדע אויגעלאַך האָבען מיר געקוקט אויפ'ן קליינעם מגיד'ל און מיט אונזערע הענטעלאַך האָבען מיר איהם אַפּלאָדירט. איין אינגעלע פון אונז, יוסף'קע האָט ער געהייסען, האָט געפרעגט אַ קשיא: „ווי קען דאָס זיין? אייזען איז דאָך שטאַרק און פּאַפּיר רייסט זיך דאָך, טאָ ווי אַזוי וועלען די פעלקער אַריינפאַלען און מיר וועלען בלייבען? איז דאָך בעסער אַז מיר זאָלען געהן אויף דער אייזערנער און זיי אויף דער פּאַפּירענער בריק!".

הערשעלע האָט דאַרויף באַלד געענטפערט: „חכם איינער! דאָס איז דאָך קיין קונץ ניט, גאָט וויל דאָך אָבער טהאָן אַ נס!".

איך בין עלטער געוואָרען. איך האָב שטודירט די אידישע היסטאָריע, דאַן האָב איך ווירקליך אויסגעפונען, אַז הערשעלע'ס מעשה מיט די צוויי בריקען ענטהאַלט אין זיך אונזער גאַנצע פיער־טויזענד־יאָהריגע עקזיסטענץ. פון אברהם אבינו מיט דעם גבור נמרוד ביז דעם ישראל'יק מיט סטאָליפינען געהען אַלץ

די פעלקער אויף אייזערנע בריקען און פאלען ארונטער אין דעם ים פון פערגעסענהייט, ווערען פער־שוואונדען פון דער וועלט, ישראל אבער געהט אויף זיין פאפירענער בריק, דאס הייסט זיין תורה, זיין ליטעראטור, זיין מאראלישע לעהרע, און עקזיסטירט עד היום. פיעלע אייזערנע בריקען, פיעלע פעסטונגען זייערע זיינען שוין צושמעטערט געווארען, קיין זכר איז פון זיי שוין ניטא, און אונזער פאפירענע בריק, אונזער תורה, איז שטארק גענוג. קיין איינציגע כלי־משחית, פון א פייל און בויגען ביז די שטארקסטע קאנאנען און באמבעס, קענען זי ניט פערניכטען. און ישראל האפט נאך צו געהן אויף זיין אלטע בריק צו זיין אלט־נייע־לאנד, צו דעם ארט, פון וואנען די אייזערנע בריק אונזערע שטאמט.

פיעלע מאל האט שוין געטראפען אין דער היסטאריע, אז די צוויי בריקען האבען זיך בעגעגענט. אין אזא פאל ליידעט די פאפירענע בריק זעהר פיעל: זי קנייטשט זיך דאך צוזאמען, עוורט ערטער ווייז פייכט פון די „מים הזדונים", וואס מען שפריצט אויף איהר מיט געוואלד. ערטער ווייז ווערט זי פער־שטויבט פון דעם אייזען־שטויב, בעת די בריק פאלט אויף איהר אן. קומט אבער באלד א מזרח־ווינד און בלאזט אפ פון איהר דעם שטויב, טריקענט אפ פון איהר דאס וואסער. און ווידער בלייבט דער זעל־בער ישראל׳יק פריש ווי ניי געבארען.

דער מלך סדום האָט געזאָגט צו אברהם'ען: „תן לי הנפש והרכוש קח לך", גיב מיר די נשמה וועל איך דיך לאָזען לעבען אין רייכטהום. אויף דעם האָט אברהם געענטפערט: „הרימותי ידי לאל עליון קונה שמים וארץ. אם מחוט ועד שרוך נעל ואם אקח מכל אשר לך ולא תאמר אני העשרתי את אברם", איך שווער ביי מיין גאָט, אַז איך וועל ביי דיר ניט נעהמען אפילו וואָס אַ האָר איז ווערטה, אום דו זאָלסט ניט קענען זאָגען איך האָב רייך געמאַכט אברהם'ען, דו זאָלסט איבער מיר קיין שליטה ניט האָבען.

דיזען דיאַלאָג האָבען מיר געהערט און מיר הע־רען נאָך היינט אויף אין יעדער צייט, ווען די איי־זערנע בריק בעגעגענט זיך מיט דער פּאַפּירענער: רבשקה צו חזקיהו'ן, אַנטיוכוס צו יהודה המכבי, פער־דינאַנד צו אברבנאל, ניקאָלאַי צו אונזערע זעקס מי־ליאָן ברידער, אַט די אַלע שטעהענדיג אויף זייערע אייזערנע בריקען שרייען צו אונז אויף דער פּאַפּירענער בריק: „תן לי הנפש והרכוש קח לך", די נשמות, די נשמות גיט אונז אַוועק! אָבער אויף דעם איז געווען דער ענטפער און ער איז נאָך אויך ווייטער: „הרימותי ידי לאל עליון קונה שמים וארץ", און וואָס זעהען מיר?—רבשקה, אַנטיוכוס, פערדינאַנד זיינען צוזאַמען מיט זייערע בריקען אונטערגעגאַנגען און ישראל לעבט און וועט נאָך איבערלעבען אויך ניקאָלאַי'ען מיט זיין אייזערנער בריק...

אַט דיעזע ערהאַבענע אידעע האָט אין זיך ענט־
האַלטען הערשעלע׳ס קליינע געשיכטעלע — „כי מפי
עוללים ויונקים יסדת עוז״.

און ווי געטליך, הייליג און ערהאַבען איז דאָס
בילד אין היינטיגער סדרה וירא! ווי דער הייליגער
פּאַטריאַרך, דער גרינדער פון יודענטהום האַלט פער־
שפּרייט זיינע אַלטע איידעלע הענט צום הימעל, און
בעט מיט טרעהרען, פיר וועמען? פיר סדום! ער
בעט פיר דער זינדיגער און טיעף־געזונקענער סדום!

אָ, גאָט! וויפיעל טאָלעראַנץ און מענשליכקייט
ליגט אין דיזען בילד! אברהם דער צדיק איז מתפלל
פיר די רשעים פון סדום!

אומגעלומפּערט זינדיג, געזונקען ביז אין תהום
פון שוואַרצע פערברעכען ליגט סדום. גאָט וויל אויפ־
הייבען זיין האַנד צו פערדאַרבען און צושטערען די
נעסט פון שלעכטקייט און אויסוואורפעריי; דער יודע
הכל, דער מנהיג כל הברואים, וויל לאָזען רעגענען
שוועבל און פעך איבער סדום און זי פערוואַנדלען
אין אַ ים פייער, זי אָבווישען מן היקום — נאָר
אברהם, דער ערעלער איד, דער מוסטער פון אידיש־

קייט, הויבט־אויף זיינע הענט צום הימעל און שרייט אוים: „רבונו של עולם! האב רחמנות, ערבארם זיך!".

ביי אברהם'ען איז קיינער ניט געוועז זינדיג גענוג, אז א מענש זאל שטארבען פיר זיינע פערברע־כען; זיין ערהאבענע נשמה האט זיך ניט געקענט פארשטעלען דעם אונטערגאנג אפילו פון דעם גרעסטען רשע...

אט דא ליגט דער סוד פון אידישקייט, פון ריי־נער מענשליכקייט!

חיי שרה

„הביטו אל צור חצבתם ואל מקבת בור נקרתם, הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם" (ישעיה נ"א).

אן אַלטע, זעהר אַלטע געשיכטע דערצעהלט אונז די תורה אין היינטיגער סדרה, אַ געשיכטע פון פיער טויזענד יאָהר צוריק. ווי אונזער נאַציאָנאַלער פאַטער איז געוואָרען דער ערשטער „חברה־קדישא"־מאַן, דער ערשטער מתעסק אין „הלוית המת" ביי דעם ערשטען אידישען „בר־מנן" — ביי אונזער מוטער שרה, וועל־כע האָט געלעבט הונדערט און זיעבען און צוואַנציג יאָהר.

מיר זעהען דעם ערשטען „גרענד מאַסטער" און גרינדער פון דעם אַלטען, גאָר אַלטען אָרדען „ברית־אברהם", וועלכער צעהלט היינט ביז איבער צוועלף מיליאָן מעמבערס, צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. מיר זעהען ווי דיעזער „גרענד־מאַסטער" האָט געקויפט דעם ערשטען מאָל „קרקע" פיר זיין אָרדען ביי עפרון החתי; מיר לעזען זאָגאַר

זיין אַרגומענט, וועלכען ער האָט געמאַכט מיט דעם „לענדלאָרד" פון די „בני חת"; מיר ווייסען אויף די סומע געלד וואָס ער האָט אָבגעצאָהלט פיר די „קרקע" און די סומע איז דאַן געווען זעהר אַ גרויסע אין יענע אַלטע צייטען: 400 זילבערנע שקלים! דאָס איז דאַן געווען אַ „פאָרטשון", אַן אייגענס!

אָבער מיר לערנען דאָ דעם כאַראַקטער פון אונ־זער פאָטער, דאָס ער האָט זעהר פיינט געהאַט נדבות, „טשאַריטים", ער האָט ניט געוואָלט שנאָרען אומ־זיסטע קרקע. און וויפיעל דער לענדלאָרד עפרון האָט איהם איינגערעדט, אַז ער זאָל זיך לאָזען בעשענקען פון איהם מיט אַן אומזיסטען בית־עולם און האָט איהם געגעבען דערצו די פיינסטע קאָמפּלימענטען: „נשיא אלקים" געטליכער פירסט, דו ביזט דאָך ביי אונז אַ „רעווערענד", מיט די גרעסטע עהרע וועט דיר יע־דער פון אונז געבען קרקע אומזיסט, איז אָבער אברהם, דער שונא מתנות, געבליעבען ביי דאָס זייניגע און האָט עס ניט געוואָלט אָננעהמען. אין געגענטהייל, ער האָט בעצאָהלט גוט געלד פיר די קברים פון זיין פאַמיליע.

„ניין, דאָס וועט ניט געשעהען", האָט אברהם געזאָגט, קוקענדיג אויף דעם קערפּער פון זיין טויטע ליעבע פרוי. „ניין, איך וועל דאָס ניט טהאָן, מקבר־זיין מיין טהייערע שרה, מיין איבער הונדערט־יאָה־

ריגע לעבענס־בעגלייטערין אין אַ פּרעמדען קבר, איך וועל קויפען די „מערת המכפּלה" אום איך זאָל נאָך מיין טויט צוזאַמען זיין מיט איהר אין איין קבר. מיין שרה! איך בין מיט איהר דורכגעגאַנגען די ווייטע נסיעה פון לעבען, מיר האָבען צוזאַמען געלעבט און געליטען און צוזאַמען וועלען מיר בלייבען נאָך'ן טויט, ווייל דער מלאך המות קען ניט צורייסען דעם בונד, וואָס גאָט אַליין האָט צוזאַמענגעקניפּט!".

און טראַכטענדיג דיזע נאָבלע געדאַנקען, האָט ער אָבגעצעהלט די גרויסע סומע געלד צו עפרון החתי און די „מערת המכפּלה" איז געוואָרען זיין אייגענטהום אויף אייביג.

קען נאָך זיין אַ העכערער בעגריף איבער פאַמיליען־לעבען? האָט אירגענד וועלכעס פאָלק אין דער וועלט אזא נאָבעלען ביישפּיעל אין זיין געשיכטע?

פּרינץ רודאָלף, דער זוהן פון דעם אַלטען עסטרייכישען מאָנאַרך, פראַנץ יאָזעף, שרייבט אין זיין בוך: „מיין אָריענטאַלישע רייזע" דיזע ווערטער:

„ווען איך בין געקומען אין „חברון" בין איך באַלד געגאַנגען צו דער „מערת המכפּלה". דאָרט האָב איך געפיהלט, ווי מיינע פיס שטעהען ביי דעם גראָב פון די הייליגע אידישע אבות, ניט־ווילענדיג האָב איך געקניעט, מיינע הענט האָבען זיך צו דעם הימעל אויפגעהויבען, אַ שטראָם טרעהרען האָט ארויס־

געפליצט פון מיינע אויגען און וויינענדיג האָב איך געזאָגט די דאָזיגע ווערטער:

„דו הייליגער פאַטריאַרך, אברהם, וועלכען עפרון החתי האָט מיט טויזענדער יאָהרען צוריק געקרוינט אַלס „געטליכען פירסט", „נשיא אלקים", און האָט דיר אָנגעבאָטען פרייע, אומזיסטע ערד פיר דיין געשטאָרבענע פירסטין שרה, און דו האָסט קיין געשענק ניט געוואָלט אָננעהמען, הויב אויף דיינע אויגען און בעטראַכט דעם שיקזאַל פון דיינע צעהן מיליאָן קינדער, צושפרייט און צוזעעט איבער אַלע לענדער, פערפאָלגט און געפּלאַגט פון טיראַנען און מערדער, פערהאַסט און פעריאָגט פון שרעקליכע פיינד, — זיי, דיינע קינדער, קענען ניט קריגען קיין אָרט זאָגאַר פיר געלד. אָ, שרעקליך און גרויזאַם איז דאָס לעבען פון דיינע אומגליקליכע קינדער, הייליגער אברהם! מיט מיינע אַלע קרעפטען וועל איך זעהען העלפען דיינע אומגליקליכע קינדער, ווען איך וועל בעשטייגען דעם עסטרייכישען טהראָן".

דיזע מאַיעסטעטישע ווערטער האָט געזאָגט אַ קריסטליכער פּרינץ. דאָס איז געוועזן זיין מיינונג איבער אברהם'ס פאַמיליען־לעבען, איבער דער ריינהייט און הייליגקייט פון דער אידישער פאַמיליע, וואו מאַן און ווייב בלייבען טריי איינער דעם צווייטען ביז'ן טויט, און וואָס זיי זיינען געשטאָרבען מיט דעם

ריינעם געוויסען, אז זיי ליגען אין א בעצאהלטען קבר.

בעטראכטענדיג זאגאר נאך היינט די לאגע פון פרויען־געשלעכט אין די אריענטאלישע לענדער אין פערגלייך מיט דעם פאמיליען־לעבען פון אונזערע אבות מיט טויזענדער יאהרען צוריק, מע־גען מיר שטאלצירען. מיר מעגען זאגאר שטאלצירען געגען מאנכע אייראפעאישע פעלקער אין דער ציווי־ליזירטער צייט.

ווען דער פערסישער שאך האט מיט עטליכע יאהר צוריק בעזוכט דייטשלאנד, און דער קייזער וויל־העלם דער ערשטער האט איהם פארגעשטעלט די אל־טע קייזערין, האט זיך דער אריענטאלישער מאנארך פערוואונדערט און האט זיך זעהר אונשולדיג אויס־געשפראכען צו ווילהעלם'ען: „קענסטו ניט בעקו־מען אין דיין גרויסע, שעהנע לאנד אן איינגערע און שעהנערע פרוי ווי די אלטע?".

אט אזא בעגריף האבען נאך היינט די אריענ־טאלישע פירסטען וועגען פאמיליען־לעבען. אונ־זער אלטער טאטע, דער טאטע פון אונזער נאציאן, שטעהט אבער און גיסט טייכען טרעהרען אויף זיין הונדערט זיעבען און צוואנציג יאהריגער פרוי שרה.

א, ווי ווייט עס זיינען די בעגריפען צווישען אונז

און זיי, ווי צווישען ליכט און פינסטערנים, ווי צוויי־שען יודענטהום און היידענטהום.

* * *

שרה איז געשטארבען, אברהם איז געבליעבען אהן אן „עקרת הבית" און יצחק אהן א מוטער; אברהם שיקט אליעזר׳ן, זיין הויז־פרינציפאל, צו זיין פאמיליע אין ארם־נהרים, אויסצוגעפינען אן ארענט־ליכעם קינד פיר יצחק׳ן אלס פרוי; אברהם בעשווערט אליעזר׳ן, ער זאל ניט נעהמען פון דעם כנעני׳ס פער־דארבענע טעכטער, ער זאל זיין זוהן יצחק׳ן ניט צו־נעהמען פון איהם, ער זאל ברייננגען די יונגפרוי צו איהם.

אליעזר האט אזוי געטהאן. זעהר שעהנע פאנ־טאזיעס מיט רייכע נאטור־בילדער און ערהאבענע סצענעס שטעלט אונז פאר די תורה אין דער רייזע פון אליעזר׳ן נאך ארם־נהרים. א מוסר־השכל פון דעם ספור קענען זיך אראבנעהמען אונזערע פרומע ברידער אין דער אלטער היימאטה, און בעזאנדערס אין גאלי־ציען, וואהלין און פאדאליען. דארט, ביי אונזערע חסידישע ברידער, ווערלכע טהוען נאך היינט שידוכים ניט פרעגענדיג זייערע קינדער, און ווען זיי ווילען שוין יוצא־זיין פאר דער אינטעליגענטער וועלט, זיינען זיי מקיים בוכשטעבליך דעם תלמוד, ווי ער לערנט: „אסור לקדש עד שיראנה", דאס הייסט, מען טאר

ניט מקדש־זיין א פרוי בעפאר מען זעהט זי. און אום יוצא זיין, פיהרען זיי אריין דעם חתן צו קבלת־פנים און ער גיט א שעהמעדיגען בליק אויף דער ווייגענדיגער כלה, ער דעקט איהר צו דאס געזיכט, די כלי־זמר גיבען א שפיעל און די אונטערפיהרער פיהרען זי אוועק שנעל צו דער „חופה". זיי ווילען ניט פערשטעהן דעם וואהרען, ריינעם זין פון דעם תלמוד, אז „עד שיראנה" מיינט, ער זאל זי זעהן, שטודירען און קענען אויב זי פאסט פיר איהם און ער פיר איהר.

גרויסע אומגליקען און פאמיליען־טראגעדיעס, טייכען טרעהרען און צובראכענע הערצער קומען ארויס פון דעם סארט גוואלד־שידוכים, וועלכע, לייי־דער, פראקטיצירען זיך נאך היינט אויך.

איך האב אליין בייגעוואהנט ווי א חסידישער גביר איז אוועקגעפאהרען מיט זיין גאנצע פאמיליע פון פינסק נאך בראד צו טהאן א שידוך פיר זיין זוהן. אלעמען האט ער מיטגענומען אויף די תנאים אויסער דעם חתן, און ווען דער חתן האט א פרעג געטהאן: „פאטער, ווארום נעהמסטו אלעמען און מיך ניט?"— האט איהם דער פאטער געענטפערט מיט אן ערנסט: „דו ביזט שוואך אין געזונד, אין אזא וועטער וועסטו זיך נאך חלילה פערקיהלען".

„נו, און אויף דער חתונה, אז עס וועט זיין א

שלעכטעס וועטער, וועסטו מיך אויך ניט נעהמען?״ האָט געפרענט דער חתן מיט אַן אונשולדיגען טאָן.

די פינסטערע מחותנים זאָלען לערנען היינטיגע סדרה און זעהען אַז מיט פיער טויזענד יאָהר צוריק האָבען אברהם׳ס מחותנים, בתואל און לבן, געענט־פערט אליעזר׳ן: „נקרא לנערה ונשאלה את פיה״, מיר וועלען אריינרופען דאָס מיידעל און מיר וועלען איהר פרעגען!

* * *

ניט אומזיסט רופען מיר אונזער תורה מיט דעם נאָמען „תורת חיים״: זי איז פול מיט לעבען, און מיר האָבען נאָך אימער פיעל צו לערנען ביי איהר, ווי צו פערבעסערען, פערשעהנערען און פערלייכטערען אונזער לעבען, איבערהויפט — אונזער פאַמיליען־לעבען.

לעזט דיעזע הייליגע ווערטער און זעהט ווי גרויס זיי זיינען:

„ויביאה יצחק האהלה שרה אמו ויקח את רבקה ותהי לו לאשה ויאהבה וינחם יצחק אחרי אמו״. — און יצחק האָט זי אריינגעפיהרט אין דעם געצעלט פון זיין מוטער שרה, און ער האָט גענו־מען זי אלס פרוי, און יצחק האָט זיך געטרייסט נאָך זיין מוטער.

פיעל מאָראל, פאַמיליען־לעבען ליגט אין דיעזע

בריליאַנטענע ווערטער. די יונגע רבקה האָט פערטראַ־
כּען די שטעלע פון דער אַלטער פערשטאָרבענער מו־
טער שרה. און ווען יצחק האָט זי אַריינגעפיהרט אין
זיין מוטער'ס געצעלט, האָט ער זיך ערשט געטרייסט
נאָך זיין גרויסען קומער און צער. ניט מיט ניעדריגע
ליידענשאַפט האָט ער זי עמפּפאַנגען, נאָר מיט ריינע,
הייליגע, וואַהרע און געטליכע ליעבע. מיט ליעבע און
עהרפורכט פון אַ קינד צו זיין מוטער האָט ער זי בע־
געגענט, און אַריינגענומען צו זיך אין זיין הויז. דאָס
איז די אמת'ע טהרת המשפחה פון אידישען פאַ־
מיליען־לעבען.

„האוהב את אשתו כגופו והמכבדה יותר מגופו, ומדריך בניו ובנותיו בדרך ישרה, והמשיאן סמוך לפרקן, עליו הכתוב אומר: „וידעת כי שלום אהלך!" (יבמות ס"ב).

„דער וואָס ליעבט זיין פרוי ווי זיך זעלבסט און שעצט זי מעהר ווי זיך, און ערציהט אָרענטליך זיינע זיהן און טעכטער אין דעם גלייכען וועג, און פערהייראַט זיי יונג, אויף איהם זאָגט דער פּסוק: דאַן וועסטו וויסען אַז דיין געצעלט איז גאַנץ און פריעדליך".

חיי שרה

דאָס איז די אידישע לעהרע פון פאַמיליען־לעבען, וועלכע עס שטאַמט פון אונזערע אונשטערבליכע פאַטריאַרכען, אברהם מיט שרה׳ן און יצחק מיט רבקה׳ן.

דאָס איז די מאָראַל פון היינטיגער סדרה, אין וועלכער עס רוהט, ווי אַ פערל אין בוזים פון ים דער גרויסער סוד פון אידישען פאַמיליען־לעבען.

תולדות

„הלא אח עשו ליעקב נאם ד׳ ואהב את
יעקב ואת עשו שנאתי״ (מלאכי א׳).

„ויתרוצצו : מה היא רציצה זו? רבותינו
דרשוהו לריצה, כשהיתה עוברת על פתחי
תורה יעקב רץ ומפרכס לצאת ; עוברת על
פתח עבודת כוכבים עשו מפרכס לצאת ; ד״א
מתרוצצים זה עם זה ומריבים בנחלת שני
עולמות״ (רש״י).

צוואַנציג יאָהר זיינען פאַריבער פון דער צייט, ווען יצחק האָט גענומען רבקה׳ן און קיין קינד איז נאָך אַלץ ניט געווען צו בעגליקען זייער הייליגע פער־איינינונג. דער פרומער פאַטריאַרך האָט אָבער זיין האָפנונג ניט פערלאָרען און ער האָט געהאַלטען אין איין מתפלל־זיין צו זיין גאָט, ביז זיין ליעבער נאָמען האָט בעשאָנקען רבקה׳ן מיט אַ צווילינג. דאָס איז גע־ווען י ע ק ב — אונזער פאָטער, און ע ש ו — דער אָנקעל.

מערקווירדיג, אַ צווילינג זיינען זיי געווען און

וואָס פיר אַ גרויסער קאָנטראַסט צווישען איינעם און דעם צווייטען ביז היינטיגען טאָג.

נאָך אין זייער מוטער'ס לייב האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו צאַנקען, קריגען זיך און שטויסען איינער דעם אַנדערען, מיט איין וואָרט, זיי האָבען אָנגעפאַנגען דעם שרעקליכען און גרויזאַמען „ו י ת ר ו צ צ ו", וועלכער אַרבייט עד היום הזה.

אָ! וויפיעל בלוט, טרעהרען, קרבנות, אומגליקען און טראַגעדיעס איבער דעם גאַנצען ערד־באַל האָט געבראַכט דער שרעקליכער „ו י ת ר ו צ צ ו"! פון ארם־נהרים ביז מצרים, פון כנען ביז בבל, פון ירושלים ביז רוים און פון שפאַניען ביז קישינעוו, אימער און איבעראַל אַרבייט אַלץ מיט שטורם און מאָרד דער מערדערישער „ו י ת ר ו צ צ ו"! און כל־זמן עס וועלען עקזיסטירען די „פתחי תורה" און די „פתחי עבודת כוכבים" וועלען דער פאָטער און דער אָנקעל האַלטען זיך ביי „ו י ת ר ו צ צ ו".

* * *

אונזער פאָטער האָט געמאַכט אַ געשעפט: ער האָט איינגעהאַנדעלט די „בכורה" ביי זיין עלטערען ברודער. זעהר ביליג, כמעט ווי אומזיסט האָט ער געקראָגען די בכורה. בלויז פיר אַ ביסעל געקאָכטע לינזען און אַ שטיקעל ברויט איז ער געוואָרען אַ בכור.

די געשיכטע איז מערקווירדיג: מאַנכע קריטיקער, דאַרונטער אויך אונזערע אידישע רעפאָרם־ראַבינער, אורטהיילען יעקב'ן אַז ער האָט זעהר ניט ריכטיג גע־האַנדעלט. וואָס הייסט, ווי קען מען עס עקספּלאָאַטי־רען אַן אייגענעם ברודער? ווי קען מען זיך בענוצען מיט זיין הונגער, איהם צו דריקען אין נויט, ביז ער האָט געמוזט אַוועקגעבען די בכורה. — אין אַ קאַטע־כיזם, וואָס אַ רעפאָרמער־רבי האָט פערפאַסט פיר זיין סאַנדיי־סקוהל, קומט אויס, אַז די קינדער אַנט־וואָרטען אויף די פראַגען, אַז עשו איז געווען אַ „ג ו ד ב אָ י", און יעקב אַ „ב ע ד ־ ב אָ י".

אויבערפלעכליך שיינט די קריטיק צו זיין ריכ־טיג, אָבער ווען מיר זאָלען עטוואָס טיעפער שטודירען די געשיכטע, דאַן וועלען מיר גאָר אַנדערש פערשטעהן דעם גאַנצען משא־ומתן פון דער בכורה.

וואָס איז דאָס אַזוינס די בכורה? וואָס האָט דאַ יעקב איינגעהאַנדעלט? האָט ער גענומען מעהר ירושה פאַר עשו'ן נאָך יצחק'ס טויט? האָט ער ניט געקענט נעהמען אַ שטעקעל אין האַנד און אַנטלויפען אויף יענעם זייט ירדן, שלאָפען אויף האַרטע שטיינער, און פערקויפען זיך צו לבן'ען אויף איין־און־צוואַנציג יאָהר אָהן דער בכורה? האָבען זיינע קינדער עטוואָס גענאָסען מעהר עולם־הזה פון דער בכורה? יאָ, מיר האָבען די בכורה עד היום צו גלות, גזירות, גירושים,

אינקוויזיציאָן, שמד און פּאָגראָמען, פון וועלכע דעם אָנקעל עשו'ס קינדער ווייסען גאָר ניט; נור מיר, מיר די קינדער פון דעם געמאַכטען בכור, האָבען די זכיה צו די אַלע „גוטע זאַכען".

בעטראַכטענדיג גוט, זעהען מיר, אַז די בכורה איז ניט ווערטה געווען ניט נור די לינזען מיט ברויט, זאָנדערן אַפילו אַ ביסעל קאַלטע וואַסער וואָלטען מיר פיר איהם ניט געגעבען. עס קען זיין, אַז מיר וואָלטען נאָך צוצאָהלען מען זאָל זי גאָר צונעהמען פון אונז.

אַלזאָ, וואָס איז דאָס פּאָרט פיר אַ ביזנעס מיט דער בכורה?

נור די וואַרהייט איז, אַז דער רעפאָרם־רבי אין זיין קאַטעכיזם האָט געמאַכט יעקב'ן פיר אַ „בעד־באָי" מיט דעם פערעלטערטען טעות, אַז דאָ איז געוועז אַ ביזנעס, אַ שווינדעלע. אָבער דער אמת איז, אַז ניט עשו האָט פ ע ר ק ו י פ ט די בכורה און ניט יעקב האָט ג ע ק ו י פ ט די מציאה. ברויט און לינזען האָט טאַקע יעקב געגעבען זיין הונגעריגען ברודער עשו, אָבער ניט פיר דער בכורה, ווי מיר ווע־לען לערנען פון דעם שטיקעלע חומש אין היינטיגער סדרה „תולדות":

„וימלאו ימיה ללדת, והנה תומים בבטנה.
ויצא הראשון אדמוני כלו כאדרת שער ויקראו
שמו עשו, ואחרי כן יצא אחיו וידו אוחזת

בעקב עשו, ויקרא שמו יעקב, ויגדלו הנערים ויהי עשו איש יודע ציד איש שדה, ויעקב איש תם יושב אהלים".

און ווען עס איז געקומען די צייט צו געבוירען, איז געקומען א צווילינג אויף דער וועלט. דער ערשטער איז ארויס א ר ו י ט ע ר, אין גאנצען בעוואקסען מיט האר ווי א האריגער מאנטעל (א פעלץ), און זיי האבען איהם א נאמען געגעבען — „ויקראו" הייסט בלשון רבים: אלע, ווער עס האט איהם נאר געזעהען האט איהם גערופען „ע ש ו" — פון דעם העברע־אישען צייט־ווארט „עשה" ווערט „עשו", א פערטי־גער, פאלקאמענער מענש, מיט א פעלץ. עס האט איהם נור געפעהלט א ביקס, א פייל און בויגען, זאל ער שוין ארויס אויף יאגד אין וואלד. — און נאכהער איז ארויס זיין ברודער, און מיט זיין קליין הענטעלע האט ער געהאלטען עשו'ן ביי זיין טריט, און ער האט גע־רופען — „ויקרא" לשון יחיד — יצחק אליין האט איהם א נאמען געגעבען י ע ק ב, פון דעם העב־רעאישען ווארט „עקב" — טריט.

יעצט פאנגט זיך אן א שילדערונג איבער דעם כאראקטער פון די צוויי קינדער.

און זיי זיינען אויסגעוואקסען, און עשו איז גע־ווארען א יעגער (אחאטניק), א פעלד־מענש, און

יעקב — אן אונשולדיגער, א פאסטוכעל, וואס זיצט אין די געצעלטען.

אין די עטליכע ווערטער ווערען געגוי און דייטליך ערקלעהרט די כאראקטערע פון די צוויי ברידער: דעם יעגער און דעם פאסטוך. דער ערשטער, עשו, איז געוואָרען א בלוט־דורשטיגער, און אלע זיינע שטרעבונגען זיינען געווען צו טוידטען, פערניכטען, בלוט פערגיסען און מאָרדען. זיין לעבען איז ניט געפיהרט געוואָרען מענשליך. ווען די יאגד האָט איהם געגליקט, האָט ער געהאָט געגוג צו פרעסען און ער איז געווען צופריעדען; האָט איהם אָבער ניט געגליקט, פלעגט ער אהיים קומען הונגעריג, בייז, און בלוט־דורשטיג ווי א טיגער אָדער א וואָלף.

אין יאָהר 1890 האָט א רומענישער יעגער דערשאָסען א אידען ביים ברעג פון דער דאָנוי. אין געריכט האָט איהם זיין אדוואָקאט פערטיידיגט דערמיט, דאָס דריי טעג האָט דער יעגער גאָר ניט געפונען אין וואלד; זיין בלוט האָט איהם געקאָכט, און ער האָט אויסגעלאָזען זיין צאָרן צו דעם ערשטען אידען, וואָס האָט איהם אָנגעטראָפען, — און דורך אזא ארגומענט איז דער רומענישער עשו בעפרייט געוואָרען.

דאָס איז דער כאראקטער פון אונזער אָנקעל, דעם אָהאָטניק, דעם יעגער.

דער צווייטער, דער פאסטוך, האָט געפיהרט א רוהיגען, שטילען לעבען. ער האָט

געפּיטערט זיינע שטילינקע שעפּעלאך אויף דעם גרינעם גראָז; ער האָט זיי אָנגעטרונקען ביי א רוהיג פליסענדען טייכעלע. ווען די זון האָט געהאַל־טען אין מיטען הימעל, איז ער ארויף אויף א קליינעם גרינעם בערגעלע, וואו זיין געצעלט איז געשטאַנען, און פערטיג געמאַכט פיר זיך זיין געוועהנליכען מאָהל־צייט, קיין פלייש, נור גרינסען, פערשיעדענע גע־שמאַקע פּראָדוקטען פון דער מוטער־ערד, ווי אַרבעס, באָב און לינזען; ער האָט זיינע ניט־אויפרעגענדע שפּייזען געגעסען גאַנץ רוהיג; די שעפּעלאך אַרום איהם, זאַטע, זיינען געלעגען אויסגעשטרעקט אויף דעם גרינעם פעלד; די פייגעלאך, דער נאַטור׳ס קינ־דערלאך, האָבען צוגעזונגען, ווען ער האָט גע־שפּיעלט זיינע הירטען־ליעדער אויף זיין פּייפעלע; זיינע געפּיהלען עדעל, מיטליידיג און בארמהערציג; זיין בלוט האָט זיך רוהיג געפלאָסען אין זיינע אָדע־רען ווי ביי יעדען אמת׳ן נאַטור־מענש.

דאָס איז געוועזען דער כאראַקטער פון אונזער פּאַ־טער דעם פּאַסטוך.

יעצט ערקלעהרט אונז די תורה די מעשה פון דער בכורה. מיט קורצע ברילִיאַנטענע ווערטער שטעלט זי אונז פאָר א בילד, וואָס נור אַזא קינסטלער־האַנד ווי ראַפּאַעל׳ס וואָלט אפשר אימשטאַנד געווען צו מאָהלען מיט א פּענזעל:

תולדות

„ויזד יעקב נזיד, ויבא עשו מן השדה והוא
עיף, ויאמר עשו אל יעקב הלעיטני נא מן
האדם האדם הזה כי עיף אנכי, על כן קרא
שמו אדם, ויאמר יעקב מכרה כיום את בכורתך
לי, ויאמר עשו הנה אנכי הולך למות ולמה זה
לי בכורה? ויאמר יעקב השבעה לי כיום
וישבע לו וימכור את בכורתו ליעקב, ויעקב
נתן לעשו לחם ונזיד עדשים, ויאכל, וישת,
ויקם, וילך, ויבז עשו את הבכורה“.

איידער איך וועל אייך איבערזעצען דאס ברי־
ליאנטענע ווערטער־בילד, מוז איך אייך ערקלעהרען
די בעדייטונג פון צוויי העברעאישע צייט־ווערטער
(פעלים). דאס ווארט „הלעיטני“, וואס שטאמט
פון „לעט“, איז נור איין מאל דערמאהנט אין
גאנץ תנ״ך און עס ווערט געברויכט אין
תלמוד אין א בעדייטונג פון שטאפען עופות,
אבער ניט פיר מענשען. דער פעל „מכר“ מיינט ניט
דוקא עפעס פערקויפען פיר געלד, זאנדערן איבערגע־
בען א געגענשטאנד פון איינעם צום צווייטען; אזוי
ווי „מחר ימכר ד׳ את סיסרא בידך“, אדער „תמכור
עמך בלי הון“, אדער „חנם נמכרתם“. — דאס צוויי־
טע ווארט „האדם“ מיינט עשו אויף זיך זעלבסט, ווייל
די ווילדע וואלד־מענשען האבען גאר ניט אין זייער
שפראך די ווערטער: „איך“, „דו“ און „ער“. יע־
דער פון זיי טראגט א ווילדען נאמען; צום ביישפיעל:

„דער ווייסער בער״, „דער רויטער וואָלף״, „דער שווארצער אָדלער״, א. ז. וו.

און יעקב האָט געקאָכט זיין מאָהלצייט, און עשו איז געקומען פון פעלד שרעקליך מיעד און ווילד פון הונגער, און ער האָט געזאָגט צו יעקב׳ן: „הלעיטני״ ניט „האכילני״, דאָס הייסט, ער האָט געעפענט זיין גרויסען מויל און שרייט: „שטאָפּ! גיס אריין פון די רויטע וויין אין דעם רויטען!״, ווייזענדיג מיט דער האנד אויף זיך זעלבסט, וייל פון הונגער און אויפ־רעגונג האָט ער פערגעסען דעם נאָמען לינזען, און זיך זעלבסט רופט ער מיט דעם נאָמען „דעם רויטען״.

יעקב, זעהענדיג די ווילדע געשטאַלט פון זיין ברודער, דעם בכור, איז ער ערשטוינט געוואָרען און מילד, ווי זיין טבע איז געווען, האָט ער געזאָגט:

„ברודער מיינער, וואָס איז דאָס מיט דיר? דו ביזט דאָך דער בכור און דו דארפסט וויסען, אז דו האָסט די הייליגע שליחות צו לערנען די וועלט דעם אחדות הבורא פון אונזערע עלטערען אברהם און יצחק, דו מוזט זיין מאָראליש, עדעל און אנשטענדיג, ווען ניט — ועסט דו איבערגעבען דיין בכורה צו מיר״.

עשו האָט איהם אָנגעקוקט ווילד און געענטפערט:

„וואָס דולט ער מיר א מוח? איך האַלט ביים שטארבען און ער פלוידערט מיר פון נארישקייטען?

וואָס דאַרף איך האָבען אַ בכורה? וואָס קימערט מיך די מאָראַל? נעהם דיר די מציאה און לאָז מיך אָב".

פון דיזען מאָמענט אָן — ערקלעהרט אונז די תורה — האָט עשו איבערגעגעבען זיין בכורה צו יעקב'ן, אָבער ניט פערקויפט. און יעקב האָט געטהאָן זיין פפליכט און האָט געגעבען זיין הונגעריגען ברודער עשו ברויט און לינזען, בלויז ווייל ער האָט געוואָלט עסען. און ער, עשו, האָט אָבגעגעסען, זיך אָנגעטרונקען, איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך אויסגעלאַכט פון דער בכורה, פון דער מאָראַל מיט די אידעאַלען, מיט דעם גאַנצען אחדות הבורא פון זיינע אבות. און מיט דיזער מיינונג איז פערבליעבען עשו עד היום הזה.

און דער שרעקליכער „ויתרוצצו" האָט גענומען שטורמען צווישען דעם צווילינג, צווישען דעם יעגער און פאַסטוך, צווישען דעם אידעאַליסט און מאַטעריאַליסט. אַזוי דויערט די מלחמה מדור דורות און דער הר שעיר מיט דעם הר ציון קענען זיך ניט פעראייניגען און קענען קיין שלום ניט שליסען!

* * *

„הקול קול יעקב והידים ידי עשו".

שעהן איז יעקב'ס שטימע און שטאַרק זיינען עשו'ס הענד! גליקליך איז דער מענש אָדער די נאַ־

ציאן, וואס פערמאגט דיביידע געגענשטענדע: יעקב'ס קול און עשו'ס הענד. פיעל, זעהר פיעל האט יעקב'ס קול אויפגעטהאן אין זיין פיער טויזענד יאהריגער עקזיסטענץ פיר דער גאנצער וועלט, פיר אלע נאציא־נען. אויך עשו'ס הענד האבען ניט וויניג געארבייט און אויפגעבויט אויף דער וועלט, אבער נאך מעהר האבען זיי צושטערט און פערניכטעט. און פונקט ווי די „הענד" אהן דער „שטימע" האבען ניט קיין גרויסען ווערטה, אזוי אויך איז שוואך אין ווערטה דאס „קול" אהן די „ידים", — עס געפינט זיך קיין ארט ניט און הענגט אימער אין דער לופט...

רבקה, די מוטער פון דעם היסטארישען צווילינג, מיט איהר שטארקער ליעבע צו יעקב'ן, האט גוט גע־וואוסט און געפיהלט דאס ערהאבענע פון זיין „קול", זי האט אבער אויך פערשטאנען דעם פעהלער אין זיי־נע „ידים". און דעריבער האט זי איהם אנגעטהאן עשו'ס קליידער, זיינע גלאטע, צארטע הענד און האלז בעדעקט מיט ציעגענע פעלכלאך, און אין דעם פארם האט זי איהם געשיקט צו זיין פאטער, צו נעהמען פון איהם זיין פאטערליכע ברכה...

דער אלטער פאטריארך, וועלכער האט שוין גע־

האט אַנגעוואָרען זיין זעהונגס־קראַפט, האָט איהם, יעקב׳ן, בעטראַכט מיט זיינע אַנדערע חושים: מיט די אויערען, און מיט די הענד, און ער האָט אויסגע־שריען: „הקול קול יעקב והידים ידי עשו!״—און געמיינט דערמיט צו זאָגען: איך האָב געפונען ביי מיין זוהן ביידע מעלות: די שעהנע שטימע יעקב׳ס און די שטאַרקע הענד עשו׳ס.

און דאָס איז דער אידעאַל, צו וועלכען יעקב׳ס קינדער שטרעבען היינט: זיי ווילען קומען צו זייער „שעהנעם קול״ און צו דעם אָנקעל׳ס „שטאַרקע ידים״. — אָט דאָס איז דער סוד פון ציוניזם...

ויצא

„ויחלום: והנה סולם מוצב ארצה, וראשו מגיע השמימה והנה מלאכי אלהים עולים ויורדים בו".

אמר בר קפרא אין לך חלום שאין לו פתרון (ילקוט ויצא).

ווי אַ מלאך פון הימעל האָט די גוטע און ערדעלע מוטער רבקה בעשירמט און בעשיצט יעקב'ן, איהר געליעבטען זוהן, זי האָט גוט פערשטאַנען, אז אַן אייביגער קאמפף, אַן אייביגע מלחמה, וועט זיין צווישען די ברידער.

איין מאָל האָט זי זיך דערוואוסט, אז עשו האָט געזאָגט: „יקרבו ימי אבל אבי ואהרגה את יעקב אחי!", דאָס הייסט „ווען איך וועל בעגראָבען מיין טאַטען, וועל איך דער'הרג'ענען מיין ברודער!".

דאָס מוטער־הארץ האָט שווער געקלאַפּט און זיך געשראָקען. רבקה האָט געוואוסט ווער עשו איז, און זי האָט פערשטאַנען, אז דער „אדמוני" איז פעהיג אויף אַלעס.

ויצא

„יעקב מיין קינד" — האָט די אָרימע מוטער געמורמעלט, וועהרענד טרעהרען האָבען פערשטיקט איהר שטימע — „זוהן מיינער, דו ביזט אין סכנה, אַנטלויף, ראַטעווע דיין לעבען. אַנטלויף, ווי גאָט איז דיר ליעב, צו מיין ברודער לבן אין חרן, און דאָרט וועסטו זיין זיכער!".

שווער, זעהר שווער, איז איהר געווען צו שיידען זיך מיט איהר ליעבלינג, אָבער עס העלפט ניט: די גע־פאַהר איז גרויס און ער מוז אַוועק באַלד, אַזוי שנעל ווי נאָר מעגליך.

נאָך אַ ברכה פון טאַטען און אַ האַרצרייסענדע אומאַרמונג פון דער וויינענדער מאַמע, האָט יעקב אָנ־געפאַנגען צו לערנען די סדרה „ויצא", און דיזע סדרה לערנען מיר נאָך עד היום; און נאָר איין גאָט אין הימעל ווייסט ווען מיר וועלען דאָס ענדיגען.

ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה; ויצא מארץ ישראל וילך בבלה; ויצא מבבל וילך פרסה; ויצא מפרס וילך יונה; ויצא מיון וילך רומאה; ויצא מרומא וילך ספרדה; ויצא מספרד וילך צרפתה, אשכנזה, פולאניא ורוסיא; ויצא מרוסיא ופולניא וילך לארצות הברית באמעריקא...

און יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר שבע און איז גע־גאַנגען קיין חרן; און ער איז אַרויס פון ארץ ישראל און איז אַוועק נאָך בבל; און פון בבל איז ער געגאַנגען נאָך פרס, און

פון פרס — נאָך גריכענלאַנד; און פון גריכענלאַנד האָט ער זיך אַוועקגעשלעפּט אין רוים, און פון רוים האָט ער אויסגע־וואַנדערט נאָך שפּאַניען, און ער איז אַרויס פון שפּאַניען און האָט זיך אַוועקגעשלעפּט אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, פּוילען, רוסלאַנד און רומעניען, און פון רוסלאַנד און פּוילען האָט ער אויסגעוואַנדערט נאָך אַמעריקאַ...

וועלען מיר ענדיגען מיט דעם די סדרה „ויצא"? איז שוין געקומען אַ סוף צו דער אייביגער וואַנדע־רונג?

יעקב'ס גאָט אַליין ווייסט דעם אמת!

עלענד, אָרים און אַליין, אָבגעריסען פון זיינע ליעבע און געטרייע עלטערן, טרויעריג און פול מיט פּחד פיר זיין שרעקליכען „ברודער", געהט יעקב מיט געשוואָלענע פים איבער די שרעקליכע מדבריות. זיין שווערער פּאַק דריקט זיינע שוואַכע שולטערן; מיט זיין שטעקען אין האַנד בעוועגט ער זיך לאַנגזאַם אין דעם ברענענדיגען זאַמד...

אַ שרעקליכע בייגקעניש. אַ היים־וועה דריקט צוזאַמען זיין האַרץ, זיין ליעבער מוטער'ס בילד האָט זיך איהם פאַרגעשטעלט פאַר די אויגען. ער זעהט, ווי זי מאַכט איהם מיט איהרע צאַרטע הענד זיין נאַכט־לעגער, און איהרע פערוויינטע אויגען קוקען אויף איהם מיט ליעבע און רחמנות; עס ווערט פינסטער, די זון געהט אונטער, די ערד וויקעלט זיך איין אין אַ

געדיכטען שווארצען שלייער, זיינע אויגען ווערען דונ־קעל, די פּיס בויגען זיך אונטער איהם; און ניט־ווי־לענדיג מוז ער מאַכען זיין נאַכט־לעגער אויף דיזען אָרט, אין דיזער ווילדעניס! ער נעהמט א שטיין און לעגט איהם צוקאָפּענס; זיינע מיעדע גליעדער ציהען אַרונטער זיין פערמאַטערטען קערפּער; ער פאַלט צוזאַמען און ווערט אַנשלאָפען.

ויחלום — און ער טרוימט — יאַ, דאָס איז אי־מער, ווען עס איז פינסטער און טרויעריג, דאַן חלום'ט זיך חלומות. וואָס זעהט יעקב אין זיין אונ־רוהיגען טרוים?

„אַ לייטער שטעהט אויף דער ערד און גרייכט ביז צום הימעל. גאָט'ס מלאכים געהען אַרויף און אַראָפּ. אויף דעם העכסטען שטאַפּעל פון דיזען לייטער שטעהט די אַלמעכטיגקייט, גאָט אַליין, און רעדט צו איהם וועגען זיין צוקונפט און וועגען דעם שיקזאַל פון זיינע קינדער".

דער חלום האָט געדויערט בלויז איניגע מינוטען, אָבער דער פּתרון — די בעדייטונג פון יענעם חלום — דויערט שוין איבער דריי טויזענד יאָהר.

דער חלום און דער - פּתרון זיינען א ריכ־טיגעס און וואהרעס בילד פון יעקב'ס קינדער, א סימ־באָל פון זייער מעמד און שיקזאַל, א פּראָגראַם פון

זייער עקזיסטענץ אלס נאציאָן צווישען אנדערע נאַ־ציאָנען. אָט דאָס האָט געזעהען דער דריטער פון די אבות אין זיין חלום!

דער לייטער איז ניט קיין הויז, ניט קיין געביידע; ער האָט ניט קיין פונדאמענט אונטער זיך אין דער ערד, ער איז בלויז מוצב ארצה, ער שטעהט נור פון אויבען מיט זיינע פיס אויף דעם באָדען, ער האָט ניט קיין בעשטימטען אָרט, ער ווערט געטראָגען ווי אַ ווערקציינ פון איין פּלאַץ צום צווייטען. מען געברויכט איהם ווען מען בויט בנינים, די גרעסטע פּאַלאַצען, די שטאַרקסטע פעסטונגען, די שעהנסטע הייזער. קיין געביידע קען ניט פעריכט ווערען אָהן דעם לייטער. מיט איהם, נור מיט איהם, בויט מען אַלעס. מיט איהם שטעלט מען אריין די פענסטער אין די העכסטע טורמס, און מיט איהם בעפּוצט מען די שעהנסטע פּאַלאַסטען אינוועניג און אויסוועניג. אפילו דער מאהלער, דער קינסטלער און דעקאָרייטאָר קענען זיך אָהן דעם לייטער ניט בעגעהן.

און מיט דער צייט, ווען די אַלע שטאַרקע און מעכטיגע בנינים ווערען אַלט און זיי מוזען ארונטער־גענומען ווערען פון זייער פּלאַץ, דאַן איז דער לייטער ווידער דאַ, אָהן איהם ווערט גאָר ניט געטהאָן. דער זעלבער לייטער ווערט געברויכט ביים אויפבויען און ביים צושטערען.

מיט שטאָלץ קען דער לייטער זאָגען צו דעם גרעסטען שעהנסטען פּאַלאַץ:

„איך געדענק נאָך ווען מען האָט דיך געבויט, און יעצט בין איך דאָ ווען מען רייסט דיך אַרונטער; איך וועל נאָך זעהען ווי מען וועט אַן אַנדער בנין אַרויפשטעלען אויף דיין פּלאַץ, און איך האָף, אַז איך וועל נאָך דערלעבען זעהן ווי מען וועט דיזע געביידע פאַנאַנדערוואַרפען און מ׳וועט שטעלען ווידער אַ נייע אויף איהר פּלאַץ. און אַלץ מיט מיר: אָהן דעם לייטער וועט איהר גאָר ניט קענען טהאָן!".

שרעקליך און גרויזאַם איז די ביטערע לאַגע און עקזיסטענץ פון דעם לייטער; מען שעצט איהם נור דאַן, ווען מען בעדאַרף איהם, ווען ער ברייננט נוצען פיר אַנדערע; קוים אָבער איז די נאָבעלע געביידע אַוועקגעשטעלט, געענדיגט און דעקאָרירט איבעראַל, וואַרפט מען דעם אָרימען לייטער אַוועק אָן אַ זייט, ערגעץ אין אַ ווינקעל, אין אַ פינסטערען ווינקעל, איינזאַם, אַליין; בהמות, הינט און פערשיעדענע שרצים טראַמפּלען איבער איהם און בעשמוצען איהם, ביז עס קומט ווידער די צייט, ווען מען בעדאַרף איהם. דאַן הייבט מען איהם אויף, מען רייניגט איהם אויס און מען טראָגט איהם איבער אויף אַן אַנדער אָרט.

* * *

דער פּתרון צו דעם חלום איז די אידישע נאַציאָן! דער איד איז ווי דער לייטער, נור מוצב ארצה, ער שטעהט נור בלויז פון אויבען, ער האָט ניט אונטער זיך קיין ריכטיגען פונדאמענט, קיין בעשטימטען אָרט אויף דעם גאַנצען ערד־באָל; ער איז איבעראַל פול אין אַלע היסטאָרישע צייטען. ער איז געווען און פערבליע־בען ביי דער ענטוויקלונג פון די גרויסע נאַציאָנען און שטעהט אַלס עדות ביי זייער אונטערגאַנג. דער איד איז געווען און געבליעבען דער לייטער אַרום די גע־ביידען: מען ניצט איהם אויס ווען מען ברויכט איהם און נאכהער ווערט ער אוועקגעשליידערט אָן אַ זייט, אום צו זיין אַ מרמס לרגלי השור והחמור. מען פער־שפּאַרט איהם אין אַ ווינקעל־תחום המגבל אָדער ווי מען רופט איהם אין רוסיש — „טשערטאַ אָסיעדלאָ־סטי", און דאָרט ליגט ער און פוילט ביז עס קומט אַ צייט, און ער ווערט ווידער געפאָדערט צו ברייגגען נוצען פיר אַנדערע. דאַן לעבט ער ווידער אויף און ברייגגט נאָך אַ מאָל נוצען פיר דער מענשהייט.

אָ! ביי וויפיעל מעכטיגע נאַציאָנען, גרויסע פעל־קער האָט ישראל געדיענט ניט מעהר ווי אַ לייטער צו זייער ענטוויקלונג און אויפבליהונג, און דאַן האָט מען איהם אַוועקגעשליידערט, ביז ער איז ווידער אויפגעהויבען געוואָרען זיך צו בעטהייליגען שוין ביי זייער אונטערגאַנג און פערניכטונג.

„דער איד איז דער טערמאָמעטר פון יעדער

לאַנד וואו ער געפינט זיך", האָט געזאָגט אַ גרויסער דענקער, „וואָס פיר אַ לאַנד, אַזעלכע אידען; ווי עס קריסטעלט זיך אַזוי אידעלט זיך", און דאָס איז דער וואַהרער זין פון די בריליאַנטענע ווערטער: „ומלאכי אלהים עולים ויורדים בו"! און גאָט'ס טהאַטען— ווי: ומלאכיו רוחות עושי דברו — געהען אַרויף און אַרונטער, פונקט ווי דער קוועקזילבער אין טערמאָ־מעטר.

דער פּראָבע־שטיין, מאַסשטאַב, פון ציוויליזאַ־ציאָן פון יעדעם פאָלק, איז דער איד!

„סלם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה והנה מלאכי אלהים עולים ויורדים בו והנה ד' נצב עליו!".

דער לייפּער טראָגט זיך איבער יעצט אַהער צו אונז אין אַמעריקא. לאָמיר האָפען, אַז אין דיזען פרייען לאַנד וועלען מיר ענדיגען די טרויעריגע סדרה „ויצא", און מיר וועלען נאָך זוכה זיין צו לערנען די סדרה „וישב", און וואו? —

ב א ר ץ כ נ ע ן!!! —

וישלח

„וישקהו נקוד עליו, ר׳ ינאי אמר: מלמד שלא בקש לנשקו אלא לנשכו ונעשה צוארו של יעקב כשיש וקהו שניו של אותו רשע, ומה ת״ל ויבכו? זה בכה על צוארו וזה בכה על שניו. — אל תקרא וישקהו אלא וישכהו״.
(ילקוט שמעוני).

אין קרעמעניץ, אַ קליין שטעדטיל אין וואָהלין, איז דורכגעפאָהרען דער גובערנאַטאָר. די אידישע גע־מיינדע האָט אַרויסגעשיקט דעם רב מיט די ראשי הקהל. דער רב האָט געהאַלטען די ספר־תורה אין זיי־נע הענד אונטער אַ חופה. דער חזן מיט משוררים האָ־בען געזונגען „ברוך הבא!״, און די גבירים פון שטאָדט האָבען געהאַט די עהרע איבערצוגעבען דעם גובערנאַ־טאָר אַ זילבערנע טאַץ מיט זעהר אַ שעהנעם טאָרט, אויף וועלכען עס איז געווען אויפגעשריעבען מיט גאָל־דענע בוכשטאַבען: „מנחה היא שלוחה לאדוננו״.

דער גובערנאַטאָר האָט געצייגט זיין „גוט־הער־

ציגקייט" און האָט צוגענומען די זילבערנע טאַץ מיט דעם שעהנעם טאָרט — „ויפצר בו ויקח!".

אין גאַליציען, ניט ווייט פון לעמבערג, האָט דורכגערייזט דער קאַטוילישער בישאָף, נאָכדעם ווי ער האָט עמפּפאַנגען אַלע דעלעגאַטען פון די קריסט־ליכע קירכען, האָט ער בעוויעזען אַן „ערעלקייט" און געזאָגט עטליכע ווערטער צו דעם אידישען רב מיט די פּני העיר, צוגענומען ביי זיי די מתנה, וואָס זיי האָבען ספּעציעל פיר איהם געלאָזען מאַכען — אַ גרויסען זילבערנעם בעכער מיט גאָלדענע ווערטער אויסגעקריצט „מנחה היא שלוחה לאדוננו".

דער בישאָף איז זעהר אַ גוטער מענש. און ווי די אידען האָבען געמאַכט דעם אַלטען „ויפצר בו", האָט ער געענטפערט מיט דעם אַלטען און אימער נייעם „ויקח"!

אזעלכע מינים קאָרעספּאָנדענציעס פלעגען מיר לעזען טאָג־איין טאָג־אויס אין די רוסיש־העברעאישע צייטונגען, וואו די קאָרעספּאָנדענטען זאָגען אָן די גלות־לעזער מיט שמחה, אַז זיי לערנען נאָך עד היום די סדרה „וישלח". זיי טהוען נאָך יעקב׳ס שטיקעל אַרבייט גאַנץ ריכטיג מיט דער „מנחה שלוחה" און מיט דעם שטאַרקען „ויפצר בו", אַז עשו מאַכט זיין געזונטען „ויקח", אום מקיים צו זיין די גמרא: „מעשי אבות סימן לבנים!".

עס טרעפט אַפילו אויך, אַז מען דערגרייכט צו דער מדרגה פון „וישקהו", אָבער זעהר וועניג בעמערקען די פינטעלאַך אויף דעם בלוטיגען און גיפטיגען היסטאָרישען „וישקהו". יעדעס פינטעלע איז אָנגעגאָסען מיט בלוט און טרעהרען, יאָמער, קרעכצען און ביטערע געשרייען. עס זיינען די פערצווייפעלטע קולות פון דעם אויטאָ־דע־פע, פון דער שוואַרצער מגפה און פון די שרעקליכע קרייץ־ציגע. אונטער יעדעם פינטעלע ליגט אַ פינסטערע גזירה אָדער אַ בלוטיגער פּאָגראָם: — הונדערטער טויזענדער זיינען אויסגעשטאָרבען פון דיזער שרעקליכער מיתה — מיתת נשיקה.

דיזער געפינטעלטער „וישקהו", דערמאָהנט אַן אַלטען פּאַבעל:

אַ הונט האָט נאָכגעיאָגט אַ האָז. דער האָז ענטלויפט, דער הונט נאָך איהם. דער הונט חאַפּט איהם און בייסט איהם איין, דער האָז רייסט זיך אַרויס מיט אַ שרעקליכען שמערץ־געשריי, און דער הונט נאָך איהם. ער חאַפּט איהם ווידער און רייסט אָפּ פון איהם אַ שטיק פלייש. אַ שטראָם בלוט פליסט פון דעם אָרימען העזעלע; ער לויפט ווייטער. ער בלייבט קראַפטלאָז, ער פערבלוטעט זיך, פאַלט און בלייבט ליגען.

דער הונט בייסט איהם שוין ניט מעהר. רוהיג

און געלאַסען ליעגט ער זיך אַרויף אויף דעם האָז מיט אַלע פיער, און לאַנגזאַם לעקט ער דאָס וואַרעמע פלי־סענדע בלוט. עס זעהט אויס איינפאַך ווי ער קושט איהם.

„אַך, הונד, הונד!“ — שרייט אויס דער אָרימער האָז, ליגענדיג אונטער דעם קושענדען בייסער... — „הלא טוב לי נשיכותיך מנשיקותיך!“—עס איז מיר געוועזען גרינגער צו ליידען דיין בייסען ווי דיין קושען! ווען דו האָסט מיך געביסען האָב איך נאָך געהאַט האָפ־נונג זיך צו רעטען פון דיר; איך האָב נאָך געהאַט קרעפטען אַרויסצורייסען זיך פון דיינע צייהן און אַנטלויפען. אָבער וועה איז צו מיר יעצט, ווען איך ליג רוהיג אונטער דיר און דו קושט מיך און לעקסט מיך מיט דיין הינטישע צונג. דו לעקסט מיין וואַרע־מעס בלוט, וואָס פליסט פון מיר ווי וואַסער“...

יא, אין דער צייט פון פינסטערען מיטעל־אַלטער, אונטער דער אינקוויזיציאָן, זיינען מיר געביסען גע־וואָרען אונערבאַרמליך, מיר האָבען אָבער געהאַט האָפנונג צו רעטען זיך. מיר האָבען געקעמפפט פיר אונזער עקזיסטענץ און פיר אַלעס וואָס ביי אונז איז הייליג. מיר האָבען געהאָפט און געשטרעבט צו רעטען זיך. אָבער וועה איז אונז היינט, אין דער נייער צייט, ווען די נשיכות האָבען זיך געביטען אויף נשיקות. פון דער בייסענדער אינקוויזיציאָן, איז גאָר געוואָרען

אַ רוהיגע קושענדע מיססיאָן. היינט איז אונזער לאַגע געפעהרליכער, אונזער בלוט פליסט לאַנגזאַם, מיר ענטלויפען ניט, און דאַצו מאַכען זיי אויף אונז די שרעקליכע אָפּעראַציאָן פון דעם „וישקהו" מיט פינ־טעלאַך, פון וועלכער עס איז געבאָרען געוואָרען די גרויזאַמע קרענק (צייט פון אסימילאַציאָן), און דאָס קען חלילה ברייננען אויף אונז די מיתת נשיקה.

* * *

„ויותר יעקב לבדו ויאבק איש עמו עד עלות השחר, וירא כי לא יכל לו, ויגע בכף ירכו, ותקע כף ירך יעקב בהאבקו עמו. ויאמר שלחני כי עלה השחר. ויאמר לא אשלחך כי אם ברכתני".

און יעקב איז געבליעבען איינער אליין אין דער פינסטערער נאַכט. און אַ מאַן האָט זיך מיט איהם גע־ראַנגעלט, ביז עס איז אויפגעגאַנגען דער מאָרגענשטע־רען, און ווי דער מאַן האָט דערזעהען אַז אין גאַנצען בייקומען יעקב׳ן איז פיר איהם אונמעגליך, האָט ער איהם דערלאַנגט אַ „סאָלאַר־פּלעקסוס", דאָס הייסט, פּראָסט אַ גוטען קלאַפּ אין דיך און האָט איהם קער־פּערליך געבראָכען. ער האָט איהם געמאַכט הינקעדיג, ווען זיי האָבען זיך געראַנגעלט (גערעסעלט). און ער האָט געזאָגט צו יעקב׳ן: „לאָז מיך אָפּ, וואָרום

עס האָט אָנגעפאַנגען צו טאָגען, דער מאָרגענשטערען איז אויפגעגאַנגען". און יעקב ענטפערט איהם: „ניין, איך וועל דיך ניט אָבלאָזען, ביז דו וועסט מיך בענשען".

פראַנקרייכ'ס גרויסער פּאָליטישען, דער יודען־פריינד מיראבאָו, האָט גוט פערשטאַנען דאָס רייכע און ערהאַבענע בילד. ווען ער האָט געקעמפּפט פיר אידישע רעכטע אין דעם ערשטען פראַנצויזישען פּאַרלאַמענט און איינינע פּאַרלאַמענטס־מיטגליעדער האָבען גע'טענה'ט, אַז עס איז גענוג פיר די אידען, וואָס מיר וועלען זיי מעהר ניט פערפאָלגען, אָבער ווי קומען אידען צו האָבען בירגער־רעכטע? האָט מיראַבאָו זיי געענטפערט מיט אַ דונערענדע שטימע:

„פראַנצויזען, ווען עס איז געווען די פינסטערע נאַכט, האָט איהר יעקב'ס קינדער בעקעמפּפט; איהר האָט זיי ווי דער בייזער מלאך אין לבן'ס צייט געגעבען אַזעלכע קלעפּ, אַז איהר האָט זיי קערפּערליך געבראָכען. און יעצט, ווען עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען, דער מאָרגענשטערען פון דער ליכטיגער פרייהייט איז אויפגעגאַנגען, שרייט איהר אויך ווי יענער בייזער מלאך, אַז זיי, יעקב'ס קינדער, זאָלען אייך אָבלאָזען, ווייל איהר וועט זיי שוין מעהר ניט שלאָגען. זיי האַלטען אייך אָבער פעסט און זיי זאָגען: „ניין, פראַנצויזען, מיר לאָזען אייך ניט אָפּ, מיר האָ־

בען געגוג געליטען אין דעם גאַנצען מיטעל־אַלטער, יעצט ווילען מיר, אַז איהר זאָלט אונז זעגנען מיט גלייכע בירגער־רעכטע". און מיראַבאָ'ס ווערטער האָבען געווירקט, — אידען האָבען אין פראַנקרייך גע־קראָגען גלייכע רעכטע מיט אַלע מענשען צוגלייך.

* * *

„קום, מיין ברודער, מיט מיר, קום לאָמיר געהן צוזאַמען!".

ויאמר: „נסעה ואלכה נא לנגדך!" — האָט גע־זאָגט עשו צו יעקב'ן נאָך דעם וישקהו. איינפאַך, ער האָט איהם ניט געוואָלט אַבלאָזען, עס האָבען איהם זעהר גוט געשמעקט די געפינטעלטע נשיקות.

יעקב אָבער פיהלט די געפאַהר און ענטפערט:

„אדוני יודע, כי הילדים רכים... ודפקום יום אחד ומתו... יעבר נא אדני לפני עבדו ואני אתנהלה לאטי, לרגל המלאכה אשר לפני ולרגל הילדים..."

„ניין, ברודער, איך קען מיינע קינדער ניט לאָזען געהן צוזאַמען מיט דיר. אין איין טאָג קענען זיי אַלע גייסטיג אויסשטאַרבען פון דיינע נשיקות, געה דו פאָראויס, פאַר מיר, און איך וועל מיר געהן לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, ווי עס פאָדערט פון מיר מיין מאָראַלישע אַרבייט, און צום וואויל און בעסטען פיר דעם גייסט פון מיינע קינדער".

אַט אַזוי האָבען זיך די ברידער צושיידט יעדער אין זיין וועג: עשו נאָך שעיר, און יעקב נאָך כנען.

יעקב האָט זיך גאַנץ רוהיג געקויפט אַ שטיקעל לאַנד. ער האָט זיך אויסגעבויט אַ הויז, וואָס איז גע־וואָרען דער פונדאַמענט פון דעם גרויסען און אונ־שטערבליכען פאָלק ישראל.

מיר מוזען נאָכפאָלגען אונזער פאָטער'ס טריט, ווען דער וישקהו גרייפט אונז שטאַרק אָן, מוזען מיר געהן לרגל המלאכה ולרגל הילדים, צוליעב אונזער מאָראַלישע ארבייט און צוליעב אונזערע קינדער — שטרעבען צו געהן אין אונזער אַלטען פאַטערלאַנד, רוהיג קויפען לאַנד, בילדען הייזער, בעשאַפען אַ אי־דישע קולטור, פערשטאַרקען דעם גייסט פון אונזערע נביאים, אַוועקשטעלען דעם פונדאַמענט פון הומאַני־טעט אויף די פרינציפען פון תורת משה און אויסביל־דען דעם גייסטיגען מזבח מיט דעם אַלטען נאָמען, ווי אונזער פאָטער יעקב האָט איהם גערופען:

ויצב שם מזבח ויקרא לו: „אל אלהי ישראל״!

וישב

וישב יעקב: בקש יעקב לישב בשלוה וקפץ
עליו רוגזו של יוסף.

„כל מה שאירע ליוסף אירע לציון" (תנחומא)

געלויבט איז גאָט, וואָס מיר האָבען שוין דורכ־געלעבט די טרויעריגע סדרה „ויצא" און די גרויזאַמע סדרה „וישלח". מיר האָבען שוין אָבגעדיענט איבער צוויי צעהנדליג יאָהרען ביי לבן'ען; אַנטלאָפען פון דעם „געלען רמאי" און בעגעגענט זיך מיט דעם „רוי־טען מערדער"; גע'פועל'ט מיט דעם „ויפצר בו", ער זאָל מאַכען דעם „ויקח"; איבערגעטראָגען די אָפּעַ־ראַציאָן פון „וישקהו" מיט אַלע פינטעלאַך; געקראָ־גען אַ גוטען קלאַפּ אין דער גרויסער פינסטערער נאַכט פון דעם בייזען מלאך און פערבליעבען אַ קאַליקע אויף דעם גאַנצען לעבען — אַלעס, אַלעס שוין איבערגע־לעבט און איבערגעטראָגען מיט אידישער געדולד, ביז מיר האָבען דערלעבט די רוהיגע סדרה „וישב". און וואו איז געשעהן דער „וישב"? — אין אונזער פּאַ־

טערלאַנד, אין כנען. דאָ וואָלט דאָך שוין געווען אַ יושר מיר זאָלען אויסרוהען, אויסגלייכען אונזערע צובראָכענע גליעדער, אָבער, ליידער, איז נאָך אונזער מאָס ניט פול: אַ נייער וואָלקען האָט זיך פערשפּרייט איבער אונזער פאָטער ישראל'ס הימלען און אַ שרעק־ליכער שטורם האָט אויסגעבראָכען ביי איהם אין זיין אייגענער פאַמיליע. און פון וואָס?

פון אַ קלייניגקייט:

— צוליעב אַ זיידענע העמדיל מיט אַ פּאָר חלומות!

צעהן גרויסע און שעהנע ענטוויקעלטע זיהן האָט יעקב געהאַט, אָבער מעהר פון זיי אַלעמען האָט ער ליעב געהאַט דעם עלפטען — דעם בן־זקונים, יוסף'ן, וואָס זיין פיעל־געליעבטע רחל האָט איהם געשאַנקען. יוסף איז געווען קלוג, פיין און גוט. מיט זיין קלו־גער בענעהמונג האָט ער געוואונען דעם פאָטער'ס הארץ, ביז ער האָט איהם אויסגעצייכענט פון אַלע זיי־נע ברידער, און האָט פיר איהם געמאַכט אַ ספּעציעל זיידענע העמדעלע.

אַך, דאָס זיידענע העמדעלע! דאָס זיידענע העמ־דעלע איז נאָכהער איינגעטונקט געוואָרען אין בלוט. און ווי אַ היסטאָרישע בלוטיגע מגילה איז זי אויסגע־שפּרייט געוואָרען איבער די אידישע הימלען. אויף

איהר איז פערשריעבען די גאַנצע אידישע בלוטיגע גע־שיכטע מיט שרעקליכע רויטע טינט, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון שנאה, קנאה, פרוד הלבבות און ברודער־קריעג — פון א מאַטעריאַל, וואָס עקזיסטירט נאָך עד היום.

אויף דאָס בלוטיגע העמדעל לעזען מיר אַלע שרעקליכע צייטען פון שנאת־חנם, קריעג און צאַנקע־ריי פון אונזער גאַנצער געשיכטע. מיר זעהען דאָרט די קרח'ס, דתן'ס און אבירם'ס פון אַלע צייטען, דעם שטאַלצען שבט אפרים, מיר זעהען ווי יפתח האָט זיי עקזאַמינירט מיט'ן וואָרט „שבלת" און האָט אויס־געקוילעט פערציג טויזענד מאַן ביי דעם ירדן; מיר זעהען די בית־שאול און בית־דוד ווי זיי קעמפּפען און פערגיסען בלוט; מיר זעהען ווי ירבעם בן נבט האָט צוריסען דאָס אידישע קעניגרייך און א לאַנגע מלחמה האָט אויסגעבראָכען צווישען יהודה און ישראל; מיר זעהען ישמעאל בן נתניה, ווי ער האָט פערלאָשען די לעצטע אידישע פונק, ווען ער האָט גע'הרג'עט דעם פירשט גדליהו בן אחיקם, און דער גרויסער גרוב, וועל־כע ער האָט אָנגעפילט מיט חללים פון די אידישע פּאַטריאָטען נאָך דעם ערשטען חורבן.

אויף דאָס זעלביגע העמדעל לעזען מיר אונזער היסטאָריע פון בית שני, — מיט בלוט זיינען פער־שריעבען די נעמען פון טוביה און סנבלט, די גרויסע

שטערער פון נחמיה'ס נאָבעלע טהאט; נאכהער ווייטער זעהען מיר די העלעניסטען: יאָזאָן, אלקימוס און מענאליאוס מיט דער גאַנצער העלעניסטישער באַנדע, אַלע זייערע סקאַנדאַלען און גוואַלד־טהאַטען. אַלעס, אַלעס, זעהען מיר גאַנץ דייטליך אויף דער בלוטיגער „כתונת־הפסים", וועלכע איז איינגעטונקט אין גיפט פון „שנאת־חנם" און „פרוד־הלבבות".

אָט שטעהען פאַר אונזערע אויגען די דריי סעקטען, נעמליך: די פרושים, צדוקים און די איסיים, און זייערע צאַנקערייען; דער אונגליקליכער קריעג פון די צוויי חשמונאים־ברידער הורקנוס מיט אַריסתובול, דורך וועלכע דער שוואַרצער אָדלער פון רוים האָט פערשפּרייט זיינע שוואַרצע פליגלען אויף יהודה און האָט איינגעביסען מיט זיין שטאַרקען שנאָבעל טיעף אין הארץ די אָרימע טייבעלע און וואַרעמעס לעבענס־בלוט האָט פערפּליצט דאָס זיידענע העמדעלע. מיר זעהען אַן עקעלהאַפטעס בילד, ווי אין דעם יום־טוב סכות האָט דאָס פאָלק שטעהענדיג אין בית־המקדש בעוואָרפען מיט זיינע אתרוגים דעם קעניג ינאי, ווייל ער האָט זיך אויפגעפיהרט לויט די מנהגים פון אַ „צדוקי".

די דריי סעקטעס האָבען געקעמפּפט און בעשטריטען איינע די אַנדערע גאָר אָהן רחמנות. און די קלענסטע סעקטע — די שוואַכע **פאַנטאַסטישע** איסיים — האָט עס אונז איבערגעלאָזען די טעאָריע

פון „מלכות השמים", דורך דעם זאַגענאַנטען גאָט־מענש אָדער מענש־גאָט, וועלכער האָט מיט זיין מויל געפּרעדיגט ליעבע און מיט די הענד פערגיסען זיינע נאָכפאָלגער אונזער בלוט יאָהר־איין יאָהר־אויס גאָר אָהן אַן אויפהער.

דאָס זיידענע העמדיל האָט אויך געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע אין דעם חורבן פון דעם בית שני, ווען עס האָבען שטראָמען פון שנאת־חנם און מחלוקות בע־דעקט דאָס לאַנד. דאָס זיידענע העמדיל האָט אונז בעגלייט אין גלות און האָט זיך פערשפּרייט בכל ארצות פזורינו; מיר זעהען עס אין דער צייט פון די „ראשי גליות" מיט די נשיאים ביי דעם שרעקליכען אַקט ווי ענן מיט שאול האָבען געמאַכט דעם גוואַלד־רים אין אונזער אומה און האָבען בעשאַפען די פערשטיינערטע סעקטע „קראים".

אויף דעם אונשטערבליכען גרויסען אידישען לעהרער און דענקער, דער שיינענדער שטערן, וועל־כער בעלייכט שוין כמעט אַכט הונדערט יאָהר די אידישע הימלען אין דעם פינסטערען גלות מיט זיין תורה און חכמה, רבינו משה בן מימון (רמב"ם), אויך אויף דעם אידישען העלד האָט דאָס זיידענע העמדיל גיפטיגע טראָפּענס אַרויפגעטריפט: דאָס העלי־שע פייער האָט זיך צוברענט און האָט געשענדעט דעם „מורה־נבוכים" און נאָך אַנדערע פון זיינע הייליגע ספרים. אפילו שוין נאָך זיין טויט האָבען זיינע

געגנער איהם ניט געשאָנעוועט און אויף זיין מצבה האָבען זיי אויפגעשריעבען שענדליכע ווערטער, וועלכע זיינען פיר אונז אַ חרפה עד היום הזה.

צוויי גרויסע מענשען גאונים האָבען מיר געהאַט, און ביידע וואָלטען געוועזען אַ ציערונג פאַר אונזער פאָלק — איינער איז געווען אַ גרויסער תלמודיסט און דערצו אַ קריטיקער מיט דעם נאָמען ר׳ יעקב עמדן, און דער אַנדערער נאָך אַ גרעסערער תלמודיסט און אַ וועלט חכם ר׳ יהונתן פרעגער (אייבשיץ), ביידע וואָלטען זעהר פיעל נוצען בריינגען זייער אָרימער נאַציאָן, נור דאָס היסטאָרישע זיידענע העמדיל האָט זיך אריינגעמישט, און האָט פערפינסטערט זייער לעבען מיט אונזער ליטעראַטור צוזאַמען.

מיט הונדערט יאָהר פריהער האָט דאָס זיידענע העמדיל נאָך מיט מעהר שטאַרקייט זיך פונאַנדערגעלאָזען פון מעזשיבוזש, וואָהלין, ביז מעזעריטש, פוילין, און פון ווילנא, ליטא, ביז לאַדי, וויים־רוסלאַנד, און האָט געאַרבייט מיט אַזאַ פינסטערע קראַפט אין ביידע זייטען, ביז עס זיינען געבאָרען געוואָרען די שטאַרקסטע געגנער אויף ישראל׳ס לאַגער: די „חסידים” און „מתנגדים”.

אויך אין אונזער צייט, ווען מיר האָבען זוכה־געווען אויפצוהויבען אונזער ציון־פאָהן, אויך ביי דיזער נאָבעלער בעוועגונג האָט זיך דאָס זיידענע העמדיל אריינגעמישט און האָט אריינגעדרעהט „אוגאַנדא”.

ווייניג איז געווען **אַזיא** און **איראָפּא** האָט עס נאָך **אַפריקא** אריינגעמישט!

אָבער מעהר פון אַלע אידען אין אַלע גלות-לענ־דער, וואו זיי זיינען צוזעעט און צושפּרייט, ליידעט דער גרעסטער טהייל פון אונזער נאַציאָן אין דעם גרוי־זאַמען עמק הבכא, אין דעם שרעקליכען יאָמער-טהאָל וואָס רופט זיך „רוסלאַנד". וואוהין דער שיקזאַל האָט אריינגעוואָרפען איבער זעקס מיליאָן יעקב'ס קינדער. די בעסטע און די פעהיגסטע פון זיי צוגעהען אין טרע־רען און באָדען זיך אין טייכען בלוט, וואָס זייערע ווילדע שונאים, די חיות אין מענשען-געשטאַלט, די פערפלוכטע קאַצאַפּעס און חוליגאַנעס פערגיסען טאָג־טעגליך.

און אום דאָס אומגליק צו פערגרעסערען האָט זיך דאָס אַלטע, פיער טויזענד יאָהריגע „רויט-בלוטיגע העמדיל" צובושעוועט איבער דעם גאַנצען אידישען לאַגער און האָט ווידער מיט איהר טייפלישען קראַפט פון „שנאת-חנם" און „פרוד הלבבות" דאָס פאָלק אין שטיקער צוריסען: אָבגעריסען ברידער פון ברידער, קינדער פון עלטערען, און די שרעקליכע גוואַלד-ריסען האָט מען נאָך מיט'ן נאָמען „בונד" געקרוינט, בעפּוצט מיט אַזאַ קלינגענדען און פאַלשען נאָמען.

אונטער דיזען נאָמען האָט זיך די „כתנת הפסים", דאָס רויטע העמדיל פונאַנדערגעלאָזען און גע־מאַכט חרבות, געבראַכט צרות, קריעג, צאַנקערייען,

בלוט־פערגיסונג, קנאה, שנאה, נקמה, אכזריות, רוי־בעריי און מאָרד אין אַלע שטעדט און שטעדטלאַך וואו די שארית ישראל פון די חוליגאַנישע הענד וואָלטען נאָך פיעליכט קאָנען ווי עס איז דערהאַלטען זיך און פריי אטהעמען.

די „כתנת הפסים" מיט איהר „פרוד הלבבות" האָט פערגיפטעט אונזער יוגענד, פערקריפּעלט זייער גייסט, געמאַכט טעמפּ די געפיהלען און פערטומעלט זייערע מוחות אַזוי, אַז די העלדען וואָס וואָלטען מיט זייער מאַקאַבייערישען גייסט געקאָנט עטוואָס אויפ־טהאָן פיר זייער אָרעמע נאַציאָן, געהען גאָר אַוועק אין פרעמדע לאַגערען, און פון גרויס היץ טהוען זיי די אַרבייט פון „דאָן קיכאָט" — אַרבייט, וואָס בריינגט קיינע נוצען פיר קיינעם, נור בלויז שאַדען זייער אייגענעם פאָלק.

פון גרויס היץ קריכען זיי דורך „פעסער קרויט", אָפּפערען זייער לעבען פיר „קאַפּוסטע" אָנשטאָט דעם, וואָס זיי וואָלטען געקאָנט פיעל נוצען בריינגען פיר דאָס לאַנד, וואו ציטראָנען און „אתרוגים" וואַקסען...

אָ! דו זיידענע העמדיל! דו כתנת פסים! ווען וועסט דו שוין אויפהערען צו פּלאָגען דעם אָרימען ישראל?! — — —

מקץ

הנרות הללו.

(אן אָבהאַנדלונג לכבוד חנוכה)

„הנרות הללו קדש הם, ואין לנו רשות להשתמש בהם !".

הנרות הללו — דיעזע קליינע ליכטעלאַך זיינען אָנגעצונדען געוואָרען מיט צוויי טויזענד צוויי־און־זיעבעציג יאָהר צוריק, ווען אונזערע עלטערען זיינען נאָך געזעסען אין זייער לאַנד ; די גרויסע אונשטערב־ליכע העלדען, די „מכבים", האָבען זיי צום ערשטען מאָל אָנגעצונדען אין בית־המקדש, און זיי לייכטען נאָך עד היום אין אונזערע אַלטע גלות־לענדער.

דיעזע קליינע ליכטעלאַך דערצעהלען אונז גרויסע געשיכטעס, אַלטע פאַקטען פון דער אַלטער נאַציאָן, וועלכע צינדט אָן די ליכטעלאַך אין איהרע חושך'דיגע צייטען אין אַלע פינסטערע לענדער, וואוהין דאָס שיק־

זאָל האָט זי פּערטראָגען; דיזע קליינע ליכטעלאַך ערוועקען אין אונז דעם גרויסען נאַציאָנאַלען שטאָלץ פון די אַלטע אַלטע צייטען, ווען אונזער נאַציאָן איז געווען דאָס גרויסע ליכט פיר דער גאַנצער וועלט.

אַ שרעקליכע און גרויזאַמע צייט איז געווען פיר דעם לאַנד יהודה, ווען דער צורר אַנטיוכוס עפּיפאַנוס האָט דאָרט געהערשט. אין אַ ים בלוט פון אונשולדיגע מענער, פרויען און קינדער איז דיזע פּעריאָדע איינ־געטונקט. דער ערשטער קרבן איז געווען חוניו כהן גדול. זיין ברודער ישוע, אָדער מיט זיין גריכישען נאָ־מען „יאָזאָן", וועלכער איז געווען דער אָנפיהרער פון דער העלעניסטען־סעקטע, וואָס האָט געזוכט איינצו־פיהרען די גריכישע קולטור אין ארץ ישראל, די טענץ פון אָלימפּוס אויף דעם הר־הבית און די דעמאָ־ראַליזאַציאָן פון די אַלטע גריעכען אין ירושלים. דיזער פּייערדיגער העלעניסט, יאזאן, האָט געקויפט די כהונה־גדולה פיר אַ גרויסע סומע געלד ביי דעם צורר אַנטיוכוס.

יאזאן'ס נאָכפאָלגער, מענעלאוס, האָט נאָך פיעל ערגער געהאַנדעלט: ער האָט גע'פּועל'ט ביי דעם רשע אַנטיוכוס ער זאָל פערניכטען דאָס גאַנצע יודענטהום, אויף אַן אונערבאַרעמליכען אופן. ער האָט אַרויסגע־געבען אַ גזרה, אַז די אידען טאָרען ניט אָפּהיטען זייער שבת, אַז זיי מוזען עסען טרפות און דאַרפען ניט מל־

זיין זייערע קינדער. די אידען, וואס וועלען ניט פאל־
גען, וועלען בעשטראפט ווערען מיט טויט!

די העלעניסטען האבען אויסגעקליבען א גרויסען
פלאץ ארום בית־המקדש, האבען דארט אויפגעבויט א
גרויסע געביידע, וואו אידישע קינדער, יונגע לייט און
מיידלאך, זאלען אין אדם און חוה׳ס קאסטיו־
מען טאנצען דעם „באקכוס" (אלהי השכרות).
די יונגע לייט האבען זיך געמוזט מאכען א שענדליכע
אפעראציאן אויף זייער לייב, אום מען זאל ניט דער־
קענען אז זיי שטאממען פון אידען.

דאס פאלק איז געווען שרעקליך אויפגעבראכט,
אלטע לייט מיט װארעמע אידישע הערצער פלעגען זי־
צען אין זייערע הייזער און וויינען, אבער טהאן האבען
זיי גאר ניט געקענט, ווייל די מאכט פון אנטיוכוס
האט בעשיצט די העלעניסטען.

אנטיוכוס מיט מענעלאוס זיינען נאך פיעל ווייז־
טער געגאנגען: זיי האבען אויסגעבויט מזבחות אין
אלע שטעדט און שטעדטלאך, אויף וועלכע זיי האבען
מקריב געווען חזירים. דאס פלייש האט מען
מיט געוואלד געגעבען אידען צו עסען. מיט דעם
שמוציגען בלוט האבען זיי דעם קדשי־קדשים בע־
שפריצט און מטמא־געווען די ספרי־תורות!

אין אַ קליין שטעדטעלע, ניט ווייט פון ירושלים, „מודעית", אָדער „מאָדין", האָט געוואָהנט דער אַל־טער מתתיהו החשמונאי מיט זיינע פינף זיהן: יוחנן, שמעון, יהודה, אלעזר און יונתן, דיעזע הייליגע פאַ־מיליע האָט געראַטעט יהודה און אָנגעצונדען די ער־שטע „חנוכה־ליכטלאַך".

אין דיעזער אומגליקליכער צייט, ווען די ווילדע העלענער האָבען געטראָמפּעלט אויף ישראל'ס הייליג־טהום מיט די פיס און פערגאָסען אידיש בלוט ווי וואַסער, איז דער אַלטער פאַטער פון די מאַקאַבעיער מיט זיינע זיהן געזעסען אין זייער קליין שטעדטיל און געטראַכט וואָס צו טאָהן פיר זייער נאַציאָן. די חשמונאים זיינען געוועזען געבאָרענע העלדען, אין זיי האָט געפלאָסען דאָס בלוט פון די אַמאָליגע אידישע גבורים. קענען זיי שווייגען, זיצען רוהיג און זעהן ווי מען פערניכטעט זייער פאָלק, ווי מען לעשט אויס דעם לעצטען פונק פון זייער הייליגער נאַציאָן?

„וועה!" האָט דער אַלטער מתתיהו געקלאָגט,— „וואָס איך האָב דערלעבט אויף מיינע אַלטע יאָהרען! דער בית־המקדש איז טמא געוואָרען, אונזער הייליג־טהום צוטראָטען, דאָס לאַנד אַ בארג אַש, גאָט אין הימעל, נעהם אַוועק מיין נשמה און בעפריי מיך פון אַזאַ לעבען!".

ווי דער אַלטער איד איז געזעסען און געטרויערט איז אַריינגעקומען איינער פון זיינע שכנים און דער־

צעהלט, אַז צו זיי אין שטעדטיל מודעית איז געקומען איינער פון אַנטיוכס׳עס בעאַמטע, אַפּאַלעאוס איז געװען זיין נאָמען, און ער מיט זיינע בלוט־דורשטיגע סאָלדאַטען האָבען אויפגעבויט אַן אַלטאַר צו דעם גריכישען גאָט „יופּיטער״ און ווילען מקריב־זיין אַ קרבן פון אַ חזיר און צווינגען די אידען צו עסען חזיר־פלייש.

ווי צוויי פלאַמען פייער האָבען זיך אַנגעצונדען דעם אַלטען׳ס אויגען. מיט דעם מוטה פון אַ לייב, האָט ער זיך געווענדעט צו זיינע פינף זיהן און געזאָגט בזה הלשון: — „יעצט, קינדער, איז געקומען די צייט מיר זאָלען מעהר ניט שווייגען. אונזער פאָטערלאַנד רופט אונז, קומט, בני מתתיהו, לאָמיר געהן!״.

מיט דער שנעלקייט פון אַ בליטץ זיינען אַלע ערשיענען אויף דעם פּלאַץ, וואו דער העלעניסטישער שיקוץ משומם איז אוועקגעשטעלט געוואָרען.

איינער פון די אידישע העלעניסטען איז געשטאַנען ביי דעם אַלטאַר און געהאַלטען אין מקריב־זיין אַ חזיר פיר אַ קרבן.

ווי אַ רווישענדער ים האָט אויפגעקאָכט דאָס בלוט אין די אָדערען פון דעם אַלטען מתתיהו און ווי אַ צורייצטער טיגער האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָהן אויף דעם פערברעכער, און מיט אַ שאַרף מעסער האָט ער דורכגעבויערט זיין ברוסט. דאַן האָט ער אויסגע־

שריען: „מות בן בליעל!" — שטאַרב, דו ניעדער־טרעכטיגער מענש! — און נעבען חזיר איז געבליעבען ליעגען דער טויטער געטצענדיענער.

דאָס איז געוועזן דער ערשטער סיגנאַל פיר אַ קאַמפּף פון בעפרייאונג. און נאָך איידער אַפּאָלעאוס האָט צייט געהאַט זיך אַרומצוזעהען וואָס עס האָט פּאַסירט, האָבען איהם גלייך די פינף העלדישע זיהן פון דעם זקן בעפאַלען און צוזאַמען מיט זיינע סאָלדאַטען איז אַפּאָלעאוס אומגעבראַכט געוואָרען. דער אַלטאַר איז פערניכטעט געוואָרען און דעם אָבגאָט יופּיטער האָבען זיי צוהאַקט אויף שטיקער.

באַלד האָבען זיך אונטער דער פאָהן פון די מאַקאַבעער, אויף וועלכע עס האָבען געפלאַטערט די ווערטער „מי כמכה באלים יהוה", צוזאַמענגעקליעבען אַרום מתתיהו'ן און זיינע בראַווע זיהן אַלע אידישע העלדען פון אַלע שטעדטלאַך אַרום. דער אַלטער פעלד־מאַרשאַל האָט מתיר געווען צו שלאָגען דעם שונא זאָגאַר אום שבת. ווי דורך אַן עלעקטרישען שטראָם האָט דאָס גאַנצע פאָלק ערוואַכט און אַלע קרעפטיגע פּאַטריאָטען האָבען זיך איינגעשלאָסען אין דעם לאַגער פון די מכבים.

דער אַלטער מתתיהו האָט אָבער געשפּירט, אַז

זיינע קרעפטען ענדיגען זיך, זיינע טעג זיינען גע־צעהלטע. ער האט צוזאמענגערופען זיינע קינדער ארום זיין בעט און האט זיי אלעמען בעשווארען מיט דיעזע ווערטער:

„קינדער מיינע! איהר זעהט אז מיין סוף איז נאהענט. גאט פערלאנגט מיך צו זיך. דא איז געמאכט געווארען בלויז דער אנפאנג פון אונזער הייליגער אר־בייט. דאס פאלק ווארט אויף אונזער הילף. דאס לאנד איז נאך אין דעם שונא'ס הענד, דער בית־המקדש איז נאך בעשמוצט. אונזערע שוועסטער און ברידער זיי־נען אין געפאהר. איך באשווער אייך ביי גאט, דעם אל חי, איהר זאלט פארטזעצען דעם הייליגען קאמפף. איהר זאלט זיך מקריב־זיין פיר אונזער הייליגטהום. שמעון, מיין זוהן, דו וועסט זיין ־ער ראטהגעבער און וועג־ווייזער מיט דיין חכמה, און יהוו וועט זיין איי־ער פיהרער, אייער פעלד־מארשאל... — שווערט, קינדער!".

אלע פינף העלדען האבען אויפגעהויבען זייערע הענד און האבען געשווארען צו פיהרען די הייליגע מלחמה ביז דעם לעצטען טראפען בלוט.

דאן איז דער אלטער מתתיהו איינגעשלאפען אויף אייביג צופריעדען און רוהיג. זיינע קינדער האבען גע־קעמפפט ווי די לייבען. זיי האבען פערטריעבען פון דער הייליגער שטאדט דעם שונא צוזאמען מיט די הע־

לעניסטען; זיי האָבען אויסגערייניגט דעם בית־המקדש און כ״ה כסלו, פינף־און־צוואַנציג טאָג אין כסלו, האָבען זיי געמאַכט דעם חנוכת הבית און זיי האָבען אוועקגעשטעלט דאָס לאַנד, דאָס פאָלק און די רעליגיאָן צוזאַמען אויף אַ געזונדען פונדאַמענט. און יהודה האָט ווידער אויפגעבליהט ווי אין די גוטע אַלטע צייטען.

דיזער זיעג איז ניט געוועזען קיין געוועהנליכער פון איין נאַציאָן געגען דער צווייטער, נור דאָס איז געוועזען אַ היילינער זיעג פון וואהרהייט געגען בעטרוג, פון ליכט געגען פינסטערניס, פון מאָראַל און ריינליכקייט געגען דעמאָראַליזאַציאָן און שמוץ, פון יודענטהום געגען העלעניזמוס. פון תורת אלהים אויף'ן באַרג סיני געגען דעם געצענדיענסט פון אָלימפּוס — עס איז געוועזען דער זיעג פון דעם גייסט געגען דעם גראָבען חומר, פון לעבען געגען טויט!

דיזע קליינע ליכטעלאַך ברענען נאָך היינט אויך מיט אַ היילינען פייערעל איבער דעם גאַנצען ערד־באַל, וואו די אייניקלאַך פון די מאַקאַבעער זיינען צוזעעט און צושפּרייט. דיזער יום־טוב פון חנוכה האָט בעדאַרפט זיין אַ וועלט־יום־טוב פיר

אַלע נאַציאָנען, ווייל ווען ניט די מכבים מיט זייערע העלדענטהאַטען, וואָלטען די גריכען פערשפּרייט זייער געטצענדיענסט איבער דער גאַנצער וועלט און אַלע נאַציאָנען וואָלטען נאָך עד היום געטאַנצט מיט זייערע געטער ארום דעם אָלימפּוס, און עס וואָלט פון זיי קיין זכר ושארית ניט געבליעבען, פּונקט ווי עס האָט פּאַסירט מיט אַלע אַלטע און פערדאָרבענע פעלקער. אשור, בבל און מצרים זיינען דער בעסטער ביישפּיעל.

הנרות הללו קדש הם ואין לנו רשות להשתמש בהם!

דיעזע ליכטעלאַך, ליידער, זיינען געבליעבען נור הייליג און מיר האָבען ניט דאָס רעכט צו בענוצען זיך מיט זיי.

דאָס איז אָבער אונזער נאַציאָנאַלער אונגליק, וואָס די ליכטעלאַך האָבען ביי אונז אַ פּנים נור פון הייליגע יאָהר־צייט ליכט: 1) יאָהר־צייט נאָך די מכבים, 2) יאָהר־צייט נאָך דאָס לאַנד, 3) יאָהר־צייט נאָך דעם פאָלק, 4) יאָהר־צייט נאָך דער שפּראַך, 5) יאָהר־צייט נאָך דער ליטעראַטור, 6) יאָהר־צייט נאָך דעם טעמ־פּעל, 7) יאָהר־צייט נאָך אונזער קולטור, און 8) יאָהר־

צייט נאָך דעם נאַציאָנאַלען שטאָלץ. — אָט דאָס זיי־
נען די 8 חנוכה־ליכט! זיי זיינען געבליעבען בלויז
אַ טרוקענער מנהג. „ואין לנו רשות להשתמש בהם״—
און מיר קענען זיך ניט בענוצען מיט די העלדענטהאַ־
טען פון די מאַקאַבעיער אין דער צייט וואָס די אַנטיו־
כוס׳עס עקזיסטירען נאָך אין פערשיעדענע לענדער,
און די עהרע פון יהודה ווערט געטראָמפּעלט אונטער
זייערע פיס.

ציוניסטען! עס איז אייער פּפליכט אָנצוצינדען
די אמת׳ע ליכט פון די מכבים אין די אידישע הערצער.
ליכט וועלכע זאָלען ברייגגען טהאַטען און מיר זאָלען
קענען זאָגען:

„הנרות הללו קדש קדשים הן ויש לנו רשות
להשתמש בהם״.

ויגש

„אני יוסף אחיכם אשר מכרתם אותי
מצרימה !" (בראשית מ"ה ד').

מיט שעהנע, רייכע און לעבהאפטע פארבען האט אונזער תורה געשילדערט דאס לעבען פון אונזערע אבות, ווי אייביגע מאנומענטען פון ווירקליכקייט שטעהען זיי פאר אונזערע אויגען, ווען מיר לעזען זייער לעבענס-געשיכטע: מיר לערנען זייערע כאראקטערע, מיר זעהען זייערע מיט-מענשען, מיר שטודירען זייערע פערהעלטניסע און זייער פאמיליען-לעבען צווישען זייערע פרויען און קינדער, מיר בעמערקען זייערע ליידען און פריידען, זייער נאבעלע און גרויסמוטהיגע טהאטען אין די פערשיעדענע צייטען פון זייער האנדלען און וואנדלען אפילו זייער שוואכקייט ווערט פאר אונז ניט געשוינט. מיט ריינע וואהרהייט שטעלט די תורה אוועק פאר אונזערע אויגען די בילדער און זאגט: „זעהט, קינדער פון אברהם יצחק ויעקב! אט דיעזע גרויסע מענשען זיינען געווען אייערע עלטערען, זיי זיינען אבער נור געווען שטערבליכע מענשען, ניט

קיין מלאכים. לעזט, שטודירט און לערנט זייערע מעלות מיט די חסרונות צוזאמען און פערגעטערט זיי ניט, ווייל מיר האבען נור איין גאָט, איין אונפיהלבאַרעם וועזען, און דיזער איז עס דער אַרכיטעקט פון דער וועלט!".

אַלעס, אַלעס דערצעהלט אונז די תורה וועגען אונזערע אבות, אַפילו וועגען די גרויסע פערברעכענס פון ראובן'ען מיט יהודה'ן. — אַלעס, אַלעס ווערט געשילדערט עפענטליך און דער הויך פון דער געטליכער וואהרהייט שוועבט איבעראַל.

אָבער, אויב די העלדען פון דער תורה שיינען ווי די ליכטיגע שטערען אין דעם הימעל פון דער אידישער געשיכטע, שטראַהלט יוסף'ס כאַראַקטער ווי די פּרעכטיגע מאָרגען־זונן אין אַ שעהנעם זומערדיגען טאָג. מיר זעהען איהם אין גאַנצען ווי ער איז געווען פון זיין פריהער קינדהייט אָן ביז זיין לעצטען אטהעם צוג; מיר לעבען דורך מיט איהם צוזאַמען אַלע עפּאָכעס אין זיין לעבען; מיר שפּיעלען צוזאַמען מיט איהם אויף דער היסטאָרישער ביהנע די גרויסע אונשטערבליכע דראַמע פון „מכירת יוסף".

ערשטער אַקט.

אַ שעהנער, קלוגער און ליעבעסווירדיגער איננגלינג איז געווען דער זיעבעצעהן־יאָהריגער יוסף ביי

זיין אַלטען פאָטער יעקב. דער אַלטער און ערעלער טאַטע האָט איהם געליעבט מעהרער פון אַלע זיינע צעהן דערוואַקסענע קינדער. אין זיידענם האָט ער איהם בעקליידט. נעבען זיך האָט ער איהם געהאַלטען, און האָט זיך ניט געקענט אָנזעטיגען מיט זיין ליעבער און זיסער געשטאַלט, וואָס האָט איהם ערלאינערט אָן זיין גוטע און צאַרטע מוטער רחל, וועלכע איז גע־שטאָרבען אין איהר בליהענדער יוגענד.

„געה, יוסף מיין קינד", האָט געזאָגט דער אַלטער יעקב צו איהם, „געה, מיין ליעבלינג, און ווער גע־וואָהר וואָס מאַכען דיינע ברידער מיט די שעפּלאַך דאָרט אין די גרינע לאָנקעס".

ווי אַן אונשולדיגער מלאך'ל איז ער געקומען בע־גריסען זיינע ברידער אין דעם פאָטער'ס נאָמען, און האָט ניט פערשטאַנען אז קנאה און שנאה ברענט אין זייערע הערצער ווי אַ העלישער פייער.

אָבער זיינע ברידער, פערפיהרט פון ווילדען צאָרן און גיפטיגע קנאה, האָבען באַלד פון איהם אראָבגע־צויגען זיין זיידען העמדעלע, איהם אריינגעוואָרפען אין אַ טיעפער גרוב און זיך גאַנץ רוהיג אוועק־געזעצט עסען זייער מאָהלצייט.

אַ קאַראַוואַן פון ישמעאלים, שקלאַפען־הענדלער, זיינען גראַדע אין דעם מאָמענט אָנגעקומען און שנעל איז דער שרעקליכער פערברעכען געשעהען: די צעהן

דערוואקסענע מענער האָבען יוסף׳ן, זייער ברודער און דעם אַלטען פאָטער׳ס ליעבלינג, פערקויפט צו די ישמעאלים און האָבען איהם טראנספאָרטירט נאָך מצרים.

צווייטער אַקט.

אין תחפנחס, די רעזידענץ פון עגיפּטען (מצרים), אויף דעם גרויסען שקלאַפען־מארק זעהען מיר יוסף׳ן ליגענדיג צוזאמען מיט הונדערטע אַנדערע שקלאַפען געבונדען מיט שטריק איינער צום צווייטען. די גרויסע מאַגנאטען און די קעניגליכע בעאַמטע געהען אַרום און בעטראַכטען די שקלאַפען — וויפיעל יעדער בעזונדער האָט די ווערטה. יוסף מיט זיין הערליכער און שעהנער געשטאַלט האָט אַרויסגעשיינט ווי אַ ליכטיגער שטערן צווישען אַלע זיינע אונגליקליכע קאַמעראַדען.

פּוטיפר, פּרעה׳ס אַדיוטאַנט, האָט איהם גלייך בעמערקט, ער איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען, האָט גלייך בעצאָהלט פיר איהם דעם פּרייז און האָט איהם אוועקגעפיהרט אין זיין פּאַלאַץ.

אַ דאַנק זיין גלענצענדער פעהיגקייט, האָט זיך יוסף אין זעהר אַ קורצער צייט ענטוויקעלט, און אַנשטאָט אַ שקלאַף האָט איהם פּוטיפר געמאַכט אַלס פערוואַלטער איבער זיין גאַנצען רייכטהום.

דריטער אקט.

אבער זיין גליק איז אין אן אונגליק פערוואנ־דעלט געווארען, זיין שעהנהייט האט איהם געפיהרט אין געפענגנים. זליכה, פוטיפר׳ס פרוי, די אריענטא־לישע מטרונא, האט זיך שטערבליך פערליעבט אין דעם שעהנעם שקלאף, און פיר דיזער „זינד״, וואס א פרוי האט איהם געליעבט און ער איז געבליעבען פעסט ביי זיין מאראלישער ריינקייט, איז ער ארייג־געווארפען געווארען אין א פינסטערעם געפענגנים.

מיר זעהען איהם ווידער אין א שרעקליכער לאגע ליגענדיג אויף א ביסעל שטרוי אין דער געזעלשאפט פון פערברעכער.

אך! מיט וויפיעל האס און פיינדשאפט האט זיך געדארפט אנפילען זיין יונגע ברוסט צו זיינע ברידער, וועלכע האבען אויף איהם געבראכט אזוי פיעל אונ־גליק? אבער וואס זעהען מיר ווייטער?

פיערטער אקט.

א בריליאנט שיינט ארויס זאגאר ווען ער ליעגט אין א שווארצע קויל, יוסף האט אויך אין געפענגנים זיך אויסגעצייכענט איבער אלעמען, און מיט זיין גרא־דען שכל האט ער זיך פערשאפט א גרויסען נאמען אלס חכם און פותר־חלומות. און די השגחה האט איהם ניט פערלאזען.

גראָדע אין יענער צייט האָט זיך דעם עגיפּטישען אַ־יטאָקראַט פּרעה פאָרגעשטעלט אַ חלום, און יוסף איז פון געפענגניס אַרויסגענומען געוואָרען און איז אַריין אין דעם קייזערליכען פּאַלאַץ. פּרעה האָט אין איהם גלייך דערקענט זיינע גרויסע פעהיגקייטען און פון אַ געפאַנגענעם איז ער געוואָרען אַ פּרינץ, אַ שני־למלך. אַנשטאַט דעם אידישען נאָמען „יוסף" האָט איהם פּרעה געגעבען אַן עגיפּטישען און אַן אַריסטאָ־קראַטישען נאָמען: „צפנת פענח". און יוסף איז געוואָרען דער ווירקליכער הערשער פון דעם רייכען און מעכטיגען לאַנד מצרים.

די השגחה האָט געפיהרט דערצו, דאָס אַ הונגער האָט אויסגעבראָכען אין דעם לאַנד כנען. ניט ווי־לענדיג האָט דער אַלטער יעקב געמוזט שיקען זיינע זיהן נאָך עגיפּטען צו בעזאָרגען ברויט פיר דער פאַמי־ליע. זיי זיינען געקומען צו יוסף'ן. ער, דער הערשער, האָט זיי דערקענט. זיי איהם — ניט. זיי זיינען גע־שטאַנען ניעדערגעשלאָגענע און אויסגעהונגערטע און געקניעט פאַר איהם און געבעטען ברויט צום לעבען.

וואָס וואָלט אַ געוועהנליכער מענש אויף יוסף'ס פּלאַץ געטהאָן? זיי האָבען איהם אָוועקגעריסען פון זיין ליעבען פאָטער, אַריינגעוואָרפען אין אַ גרוב, פער־קויפט פאַר אַ שקלאַף און פערגיפטעט זיין יונגעס און בליהענדעס לעבען. ראַכע, שרעקליכע ראַכע, וואָלט ער

גענומען פון אזעלכע ברידער און וואלט מיט זייער בלוט געלאשען די העלישע פלאמען פון זיין בעליידיג־טער עהרע און פון זיין פערוואונדעטע ברוסט.

אבער יוסף, דער וויצע־קעניג פון מצרים, דער נאבעלער זוהן פון דער גוטער רחל, האט גאר אנדערש געהאנדעלט.

ניט האס, ניט פעראכטונג, ניט נקמה האט אבער דאמאלס בעהערשט די עדעלע נשמה פון עגיפטישען וויצע־קעניג און אברהם׳ס אייניקעל. זאנדערן מיטלייד פערצייהונג און ברודער־ליעבע האבען אין איהם ער־וואכט און אנגעפילט זיין גאנצע עדעלע הארץ. די טרעהרען האבען אנגעפילט זיינע אויגען און מיט ציטערענדע ליפען האט ער אויסגעשריען:

„דערקענט איהר מיך ניט? איך בין דאך יוסף, אייער ברודער! — „אני יוסף אחיכם אשר מכרתם אותי מצרימה!" — איך בין עם דער זעלבער יוסף, יעקב און רחל׳ס זוהן, ניט צפנת פענח!".

און ווען ער האט זיך שוין מיט זיי איבערגעבעטען און געצייגט אלע מעגליכע פריינדליכקייטען און זיי אויסגעשטאטעט מיט אלעם גוטען פיר זייערע הונגע־רענדע פאמיליען, האט ער זיי בעגלייט און געזאגט: „ברידערלאך, „אל תרגזו בדרך!", איהר זאלט געהן רוהיג צו אונזער אלטען פאטער און ברייננגען איהם צו

מיר. איהר זאָלט קיין עגמת־נפש ניט האָבען, וואָס איהר האָט מיך שלעכט בעהאַנדעלט, ווייל דאָס איז געווען גאָט'ס ווילען, און מיר, פּראָסטע מענשעלאַך, דאַרפען זיך ניט מישען אין זיינע געהיימניספאָלע דרכים".

דאָס איז אַ פאָלקאָמענער כאַראַקטער פון אַן „אדם העליון" אַן „איבערמענש". — און ווען מיר אידען זאָלען נאָר האָבען דעם איין טיפּ אין אונזער געשיכטע קענען מיר מיט רעכט רופען זיך מיט דעם נאָמען „עם הנבחר" — אויסגעוועהלטע נאַציאָן.

זאָל דיזער כאַראַקטער זיין אַ מוסטער, אַ פאָר־בילד, פיר אונזערע היינטיגע „צפנת־פענח'ס", וועלכע דער שיקזאַל הויבט־אויף אויף אַ העכערע שטופע אין לעבען און אין געזעלשאַפט; העכער פון זייערע ניע־דערגעשלאָגענע ברידער, און קריגען אַנדערע נעמען אין דער גרויסער וועלט, דורך זייער קענטניס און רייכ־טהום, — זאָלען אונזערע געלעהרטע, אונזערע מיליאָ־נערען, דיזע אַלע הערען „צפנת־פענח'ס", וועלכע שעהמען זיך מיט זייער אידישער אָבשטאַמונג, לערנען פון יוסף דעם פּרינץ, פון דעם וויצע־קעניג, און אויס־שרייען צו זייערע אָרימע ברידער: „אני יוסף אחיכם!".

יוסף! דו זאָלסט זיין דער שפּיעגעל, דאָס בילד

און דער מוסטער, נאָך וועלכען אונזערע מעכטיגע, אונזערע שטאַרקע און אונזערע גרויסע מענער זאָלען זיך ריכטען.

אמת, פיעלע ברידער האָבען ניט געהאַנדעלט גוט געגען זייערע אייגענע בלוט און פלייש; פיעלע האָבען פערבראָכען געגען יושר, מענשהייט און די היילינגע פרינציפּען פון אונזער הייליגער רעליגיאָן, אָבער אונזער העכסטע מדה דאַרף אימער זיין ניט אָבצושטויסען, ניט צו טראָגען קיין האַס און ראַכע, זאָנדערן האַנדלען ווי יוסף און זאָגען:

„פערגעסט, ברידערלאַך, אָן דעם, וואָס עס איז געוועזן. קומט אַהער צו מיר, דאָ האָט איהר אַ וואַרעמע ברוסט, וואָס קלאַפּט מיט ריינער ברודער־ליעבע! — קומט אַהער, זייט מיינע ווילקאָמענע געסט, און דאַן ברייננט אויך דעם טאַטען אַהער — דעם טאַטען, און לאָמיר זיין אַלע צוזאַמען, ווייל — אני יוסף אחיכם!"

ויחי

„וישלח ישראל את ימינו וישת על ראש
אפרים והוא הצעיר ואת שמאלו על ראש
מנשה, שכל את ידיו, כי מנשה הבכור".

און דער ווינטער שטעהט ניט אויף איין אָרט. ער שוועבט אַלץ ווייטער און ווייטער, און מיט איהם צוזאַמען געהען אויך די שעהנע אינטערעסאַנטע ווינטערדיגע סדרות, און אַט האַלטען מיר שוין ביי דער סדרה „ויחי".

אַלע סדרות צוזאַמען שטעלען פאַר אַ הערליכע געטליכע דראַמאַ פול מיט הייליגע שעהנע בילדער איבערהויפט פונ'ם לעבען פון יעקב'ן מיט זיינע קינדער, די „שנים עשר שבטי יה". נור העכער פון זיי אַלע איז די סדרה „ויחי", וועלכע ענטהאַלט דעם לעצטען אקט פון דער ערהאַבענער דראַמאַ: דער אַקט, וועלכער צייגט אונז צום ערשטען מאָל די געטליכע פּאָעזיע פון יעקב'ס ברכה צו זיינע קינדער איידער ער שליסט זיינע אויגען אויף אייביג. אַלע סדרות זיינען נור איין ריינע פּראָזא, וועהרענד די לעצטע פון דעם ספר בראשית

איז כולל אין זיך דאָס גלענצענדע מייסטער־שטיק פון דעם דריטען פּאטריארך, — דעם „הקבצו ושמעו בני יעקב!" דיזע פּאָעמא האָט דער גרייז געשפּראָכען אויף זיין שטערבע־בעט איידער ער האָט אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה.

כל־זמן איך וועל לעבען וועל איך ניט פערגעסען דעם איינדרוק וואָס די פּרשה האָט אויף מיר געמאכט, ווען איך בין נאָך געווען א קליין קינד. גאָר מיט אַן אַנדער שטימע האָט מיין „רבי" געלערנט מיט אונז די סדרה; עפּעס דער גאנצער חדר האָט גאָר אַנדערש אויסגעזעהען. א הייליגע און ערהאבענע בעגייסטערונג האָבען מיר בעמערקט אויף דעם רבי'ס געזיכט, ווען ער האָט אָנגעפאנגען צו זאָגען גאָר מיט אַ נייעם נגון דעם „האספו ואגידה לכם את אשר יקרה אתכם באחרית הימים!" — „קומט אהער, קינדער, איך וועל אייך זאָגען עטוואָס וואָס עס וועט מיט אייך געשעהן גאָר אין די לעצטע דורות, אין די שפּעטערע צייטען!".

און דעם רבי'ס נגון איז געווען אַזוי געשמאַק, אַ מחיה! עס איז צוגאנגען איבער אונזערע יונגע הערצעלאך, אַז טרעהרעלאך האָבען זיך בעוויזען ביי אונז אַלעמען אין די קליינע אויגעלאך; מיר האָבען ניט געוואוסט דעם אונטערשיעד פון פּראָזא ביז פּאָעזיע,

גור מיר האָבען געפיהלט אַז אַלע מעשיות אין אַלע סדרות זיינען געווען גוטע, שעהנע און אַנציהענדע פיר אונזערע הערצער, אָבער דאָ איז עטוואָס בעזאָנדערס, עטוואָס שטאַרקערעס ווי געוועהנליך, יעדעס וואָרט איז פול מיט רוח הקדש. יעדעס וואָרט רייסט די נשמה מיט דער פולער קראַפט און מאַכט פון דעם הייליגען צויבער; יעדעס וואָרט געהט אַרויס אַזוי שטאַרק ווי פון גאָט אַליין; עס קריכט אַריין טיעף, טיעף אין האַרצען און נעהמט אָן ביי דער נשמה; מויל און אויערען האָבען מיר געעפענט און געשלונגען מיט חשק יעדע זילבע פון דעם רבי׳ס מויל.

און דאָס בילד — ווי הייליג דאָס איז! פאַר אונזערע אויגען איז עס געשטאַנען ווי אַ לעבעדיגע קאַרטינע.

אָט זעהען מיר ווי דער אַלטער קראַנקער פאָטער ליעגט אויף זיין בעט, זיינע הענד טרייסלען זיך, די אויגען האַלב אויסגעלאָשען, ער האַלט ביים שטאַרבען. יעקב אבינו וועט שוין מעהר ניט לעבען. נאָך אַ ביסעל און ער וועט זיך אָבשיידען פון אונז אויף אייביג. מיר פיהלען ווי מיר זעלבסט דאַרפען זיך געזעגענען מיט אונזער גוטען אַלטען בעקאַנטען, מיט וועלכען מיר האָבען צוזאַמען געלעבט אַ היבשע צייט, וועלכען מיר האָבען געעהרט און געשעצט און געליעבט.

מיר דערמאָהנען זיך נאָך וועגען איהם, ווען ער איז

געוועזן אַ קרעפטיגער יונגער מענש, ווי ער האָט גע־קעמפּפט אין דער פינסטערער נאַכט מיט דעם בייזען מלאך; מיר הערען נאָך זיין שטימע ווי ער אַרגומענ־טירט מיט זיין אָנקעל לבן הארמי; מיר הערען נאָך זיין געוויין און יאָמערליכען געשריי, ווען זיינע קינ־דער ברייננגען איהם די פינסטערע בשורה, אַז זיין ליעבער מוזיניקעל יוסף׳קע איז צוריסען געוואָרען פון אַ ווילדע בעסטיע; מיר זעהען נאָך זיין שמחה, ווען מען האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז זיין ליעבער זוהן לעבט און רעגיערט דאָס לאַנד מצרים.

און פּלוצלונג פאַלט אַרונטער דער פאָרהאַנג און אַן ענדע צו אַלעם!

יעקב דער העלד, וואָס האָט בעקעמפּפט אַלעם אין זיין לעבען, ליגט יעצט קראַנקלאַז, אָהנמעכטיג קראַנק און שלאַף, האַלט ביים שטאַרבען...

נעבען בעט שטעהט זיין ליעבלינג, יוסף זיין זוהן, מיט זיינע צוויי אייניקלאַך — יוסף׳ס זיהן אפרים און מנשה; יוסף האָט זיי צושטעלט אין אָרדנונג לויט זייערע יאָהרען: מנשה׳ן ביי יעקב׳ס רעכטע האַנד, ווייל ער איז דער עלטערער, און אפרים׳ען ביי זיין לינקער האַנד. דער אַלטער פּאַטריאַרך האָט זיי געלאָזען שטעהן אויף זייערע ערטער, נור ער האָט זיינע הענד איבערגעלייגט איינע איבער די אַנדערע אַזוי, אַז עס איז אויסגעקומען זיין רעכטע האַנד אויף אפרים׳ען און זיין לינקע האַנד אויף מנשה׳ן.

יוסף, דענקענדיג אַז זיין עלטער פּאָטער האָט געמאַכט אַ טעות, האָט בעמערקט מיט אַ פּאָר ווערטער אַז מנשה איז דער בכור, און דערביי געוואָלט איבער־לייגען זיין פּאָטער'ס הענד.

אָבער יעקב האָט געענטפערט: „ניין, מיין קינד, איך ווייס אַז ער איז דער עלטערער. ער וועט זיין גרויס, אָבער דער אינגערער וועט איהם איבערשטייגען אין זיין גרויסקייט!".

וואָרום האָט יעקב איבערגעלייגט זיינע הענד? מיט וואָס האָט אפרים ביי איהם מעהר נושא־חן געווען פון מנשה'ן?

ווען מיר זאָלען גוט בעטראַכטען די געשיכטע, דאַן וועלען מיר געפינען אַז די נעמען זייערע — „אפרים" און „מנשה" — שפּיעלען דאָ אַ הויפּט־ראָליע.

יעקב האָט מיט דעם אויסגעדריקט אַ פּראָטעסט געגען דעם נאָמען „מנשה" און סימפּאַטיע צו דעם נאָמען „אפרים".

מיר לערנען אין דער סדרה „מקץ" דיזע צוויי פּסוקים:

„ויקרא יוסף את שם הבכור מנשה כי נשני אלהים את כל עמלי ואת כל בית אבי".

„ואת שם השני קרא אפרים, כי הפרני אלהים בארץ עניי".

דאָס הייסט: און יוסף האָט אַ נאָמען געגעבען

דעם עלטערען זוהן „מנשה" — ווייל „מנשה" מיינט אין העברעאיש „פערגעסען". דאָס מיינט: ער איז צופריעדען וואָס ער האָט פערגעסען זיין אַלטע היים, און זיין פאָטער'ס הויז, פון וואַנען ער איז אָבגעריסען געוואָרען.

און דעם צווייטען האָט ער אַ נאָמען געגעבען „אפרים" — ווייל „פרה" מיינט אין העברעאיש „פרוכטבאַר". דאָס הייסט: ער איז צופריעדען, וואָס זיין פאַמיליע ווערט גרעסער אין דעם פרעמדען לאַנד.

יעצט, ווען מיר ווייסען די בעדייטונג פון די ביי־דע נעמען, קענען מיר זיך לייכט פאָרשטעלען, וואָס פיר אַ ווירקונג זיי האָבען געמאַכט אויף דעם אַלטען אידישען פאַטריאַרך.

דער נאָמען „מנשה", וואָס בעדייט „פערגעסען" און קלינגט מיט אַסימילאַציאָן, מיט אָברייסען זיך פון אייגענעם שטאַם און אויסמישען זיך מיט אַ פרעמדע נאַציאָן — האָט ניט געקענט פערשאַפען פערגעניגען דעם ישראל סבא. און אום צו פּראָטעסטירען געגען אַסימילאַציאָן, געגען התבוללות בין העמים, האָט ער די לינקע האַנד אויף מנשה'ן אַרויפגעלייגט.

אָבער דער נאָמען „אפרים", וואָס בעדייטעט „פרוכטבאַרקייט", פערמעהרונג פיר דער נאַציאָן, — דיזער נאָמען האָט צופריעדענגעשטעלט דעם אַלטען פאָטער, און אום צו ווייזען זיין צופריעדענהייט, האָט

ער אויף אפרים'ס קאָפּ אַרויפגעלייגט די רעכטע האַנד.

גליקליך איז אַ נאַציאָן מיט אפרים'ס און אונ־גליקליך מיט מנשה'ס.

אָבגעבענדיג די ברכה יוסף'ן מיט זיינע זיהן און פּעראייביגענדיג זייערע נעמען אין דער אידישער נאַ־ציאָן מיט דער ברכה פון „ישימך אלהים כאפרים וכמנשה!" — האָט דער גוסס יעקב גערופען צו זיך אַלע זיינע צוועלף זיהן.

זיי זיינען ערשיענען. זיי זיינען געקומען, די הויכע און געזונטע מענער מיט די ברוינע געזיכטער, גרויסע דונקעלע אויגען, לאַנגע שוואַרצע בערד און זיינען גע־בליעבען שטעהן מיט אַראָבגעלאָזענע קעפּ און מיט עהרנפורכט, אום צו הערען די לעצטע ווערטער פון זייער הייליגען שטערבענדען פאָטער, וועלכער וויל זיי ערקלעהרען וואָס עס וועט מיט זיי פּאַרקומען אין דער וייטער צוקונפט.

מיט פיעל מיה הויבט־אויף דער אַלטער זיין קאָפּ און מיט אַ צאַרטער און שטילער שטימע פאַנגט ער אָן צו ריידען. וואָס ווייטער אָבער שטאַרקט זיך זיין שטי־מע, דער רוח הקדש בעגייסטערט דעם הייליגען מאַן, און די ווערטער זיינע זיינען קורץ און שאַרף.

„ראובן, מיין בכור!" — שרייט ער אויס מיט אַ

געטליכער שטימע און נעהמט־צו פון איהם — לויט ווי רש"י זאגט — אלעס, אלעס פיר זיין פערברעכען אין „טהרת המשפחה"; ער נעהמט צו פון איהם כהונה לויה און אויך די מלוכה... — ארימער ראובן, ווי שרעקליך איז דיין שטראף! ...

ראובן געהט אוועק אין א זייט מיט אראבגעלא־זענע אויגען, און שמעון ולוי געהען צו. אט דיזע צוויי העלדען, וועלכע האבען זיך אבגערעכענט מיט שכם בן חמור, פיר די עהרע פון זייער ליעבע שוועס־טער „דינה". הערען יעצט פארווירפע פון זייער שטער־בענדען פאטער, פיר זייער איבערגעאיילטען שריט צו פערגיסען אזוי פיעל מענשען־בלוט... ניין! יעקב גע־פינט ניט קיין ענטשולדיגונג פיר א מארד!

יהודה געהט צו מיט שרעק נעהמען זיין טהייל, אבער ווי איבערראשט איז ער געווארען זעהענדיג ווי דעם אלטענס געזיכט איז אויסגעלייטערט געווארען, און פול מיט ליעבע רעדט ער צו איהם און בענשט איהם, ער הויבט איהם אויף איבער אלע זיינע ברידער און פראפעצייהעט פיר איהם די גליקליכע צייט פון דוד און שלמה... און אזוי פליעסען די ברכות ווי א הימלישער באלזאם פון דעם אלטען יעקב'ס מויל צו יעדען קינד נאך זיין ווערטה.

„קינדער, איך שטארב", מורמעלט דער פאטרי־ארך נאך זיינע ברכות, „טראגט אוועק מיין קערפער

אהין, אהין, דאָרט צו דעם „מערת המכפלה״, וואו מיי־
נע עלטערען רוהען. דאָרט שלאָפט אברהם און שרה,
יצחק און רבקה, דאָרט האָב איך בעהאַלטען מיין
לאה״...

א הייליגער און רוהיגער שמייכעל האָט זיך בע־
וויעזען אויף זיינע ליפּען און זיין גרויסע נשמה האָט
זיך אָבגעשיידט פון זיין קערפּער און זיך פעראייניגט
מיט דער אונשטערבליכקייט.

דאָס איז דער לעצטער אַקט פון דער הייליגער
דראַמאַ פון ספר בראשית. דערמיט שליעסט זיך דאָס
בילד פון דער גרויסער האַנדלונג, ווען די גרונד־זיילען
זיינען פערפעסטיגט געוואָרען פיר דער צוקונפט פון
אונזער נאַציאָן.

דער פאָרהאַנג פאַלט, און אַ שוידער פון הייליגער
בעגייסטערונג ציטערט אויף אונזערע גליעדער.

שמות

משה׳ס פריהעסטע יוגענד פערגליכען צום שטורמישען לעבען פון אונזער אונגליקליכער נאציאָן.

„כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו וכל הבת תחיון" (שמות א׳ כ"ב).

„ותתצב אחותו מ ר ח ו ק לדעה מה יעשה לו" (שמות ב׳ ד׳).

עס איז ווירקליך מערקווירדיג, אַז מִיר בע־טראַכטען אויפמערקזאַם משה׳ס ביאָגראַפיע, גע־פינען מיר אין איהר אַ פּאַראַלעל צו אונזער געשיכטע אויף אַזוי ווייט, דאָס מיר קענען זיך דערביי בעדיענען מיט אַ תלמודישען אויסדרוק: „משה וישראל חד הוא".

אין זעהר אַ פינסטערער צייט איז געבאָרען געוואָ־רען דער גרויסער געטליכער מאַן, וועלכער האָט גע־בראַכט דאָס ערשטע ליכט אויף דער וועלט; אין פינ־

סטערען מצרים, וואו דער בלוטיגער אויטאָקראַט פּרעה האָט דער ערשטער פערשקלאַפּט אונזערע עלטערען, האָט משה דער בעפרייער געעפּענט זיינע אויגען. אין דער צייט, ווען פּרעה — דער גרויסער און גרויזאַמער הערשער — האָט זיך געבאָדען אין אידיש בלוט און געגעבען דעם באַרבאַרישען בעפעהל: „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו וכל הבת תחיון”, דאָס הייסט: יעדעס קינד פון מענליכען געשלעכט זאָל מען אריינ־וואַרפען אין טייך און יעדע טאָכטער — לאָזען לעבען.

אָט דיזע גזרה פערפאָלגט אידען נאָך עד היום הזה. פון דעם עגיפּטישען אויטאָקראַט פּרעה ביז דעם רוסישען סאַמאָדערזשעץ ניקאָלאי האָט נאָך די דע־מאָראַליזירענדע באַרבאַרישע גזרה פון אונז ניט אָב־געטראָטען. אין דער צייט, וואָס איבער דעם גאַנצען ערד־באָל באָדען זיך אונזערע שונאים — די פערשיע־דענע טיראַנישע פערפאָלגער — אין בלוט פון אונזערע זכרים, בעציהען זיי זיך מיט גרויס „סימפּאַטיע” — מיט ליידענשאַפט צו אונזערע טעכטער. חמור מעג זיך פיינט האָבען יעקב'ן מיט אַלע זיינע זיהן, אָבער שכם האָט „ליעב” דינה'ן, יעקב'ס טאָכטער! — דער אַלטער פּרינציפּ פון פּרעה'ס אוקאַז: „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו וכל הבת תחיון”.

ווער פון די רוסישע אידען ווייסט דאָס ניט, אז אין דער צייט וואָס עס איז שטרענג פערבאָטען א

אידען איבערנעכטיגען אין די הייליגע רוסישע שטעדט ווי פעטערבורג, מאַסקווא אָדער קיעוו, איז פריי פיר אידישע טעכטער צו וואָהנען אין די זעלבע „הייליגע" שטעדט ווען זיי בעזאָרגען זיך מיט א „געלען בילעט", יעם אבשייליכען צייכען פון שאַנדע און שמוץ, אויף וועלכען עס איז אויפגעשריבען מיט קאַצאַפּ׳ס שפּראַך „וכל הבת תחיון" !

וועה איז צו די ריינע ציון׳ס טעכטער, די סטו־דענטינס אָדער שניידערינס, וואָס זיצען אין פּאַניעס „הייליגע" שטעדט אונטער דעם שמוציגען שוץ פון דעם „געלען בילעט", ווען ניקאָלאַי׳ס שכור׳ע טשי־נאָווניקעס דערוויסען זיך אז זייער בעשעפטיגונג איז גאָר אַן אָרענטליכע — זיי ווערען באַלד ארויסגעטרי־בען פון שטאָדט.

אָט אזוי בעהאַנדעלט מען אונז יעצט אין צוואַנ־ציגסטען יאָהרהונדערט אין רוסלאַנד און אזוי האָט פּרעה מיט דריי טויזענד יאָהר צוריק איינגעפיהרט אין מצרים !

* * *

אין דער טרויעריגער אומגליקליכער צייט האָט יוכבד געבראַכט אויף דער וועלט איהר זוהן משה. אומ־זאָנסט האָט די צערטליכע מוטער גאַנצע דריי מאָנאַ־טען פּרובירט בעהאַלטען איהר געליעבטעס קינד פון די געהיימע שפּיאָנען. די אונגליקליכע מוטער איז

ענדליך געצוואונגען געווען מיט איהרע אייגענע הענד צו מאכען א קבר פיר איהר הערצענסגעליעבטען קליי־נעם זוהן: זי האט איהר שאץ, איהר קליינעם משה׳לען, פערפאקט אין א קעסטעלע און מיט איהרע אייגענע הענד איהם אין שרעקליכען טייך נילוס אריינגעלאזען.

דער שטורמישער טייך האט אויפגעברויזט. די וועללען האבען גענומען שליידערען דאס קליינע קעס־טעלע מיט דעם הילפלאזען שווימער הין און צוריק; איין מאמענט האבען זיי איהם אויפגעהויבען הויך, און אין דעם צווייטען מאמענט האבען זיי איהם א ווארף געטהאן צום טיעפען אבגרונד. שרעקליכע קראָ־קאדילען מיט אפענע גרויסע מיילער, מיט שארפע שניידענדע צייהן זיינען ארויסגעשפרונגען פון תהום, מיט א ווילדע מארד־זוכט האבען זיי געשוועבט פון אלע זייטען איינצושלינגען דאס קליינע קעסטעלע מיט דעם שווימער צוזאמען. א געהיימעם אויג וואכט אבער פון אויבען, א פערבארגענע שטארקע האנד פיהרט דאס קעסטעלע דורך אלע שרעקליכע געפאהרען, און דער קליינער הילפלאזער משה׳לע ווערט ענדליך גע־רעטעט.

איז דען דאס פאלק ישראל ניט פערזעצט אין אזא לאגע און אונטערווארפען אזא שיקזאל? שווימט דען ניט דער איד פון דעם טאג פון זיין געבורט פונקט אזוי ווי זיין געזעצגעבער אין דעם גרויסען וועלט־טייך,

וועלכער ווערט איבערפילט פון זיין בלוט און פון זיינע טרעהרען זייט טויזענדער יאהרען? שפּרינגען איהם ניט נאָך אליגאטארען, ווילדע קראָקאָדילען, מזיקים, בלוט־דורשטיגע חיות אין מענשען־געשטאלט, וואָס ווילען איהם איינשלינגען לעבעדיגערהייט? און דאָך זעהען מיר, אז מיט אונז פּאסירט דאָס זעלבע, וואָס האָט געטראָפען מיט אונזער היילינגען גרויסעגעבער: גאָט'ס אויג בעוואכט אונז, א געהיימע האנד פיהרט אונז דורך אלע געפאהרען; ווי שארף עס זיינען די צייהן פון אונזערע פיינד אויף דעם גאנצען ערד־באל, זיינען זיי דאָך ניט אימשטאנד אונז צו פערניכטען, וויל „משה וישראל חד הוא".

* * *

„ותתצב אחותו מרחוק לדעה מה יעשה לו", זיין שוועסטער איז געבליעבען שטעהן פון וויטען זעהן, וואָס עס וועט דא פון איהם ווערען. די פּראָ־פעטין מרים, די שוועסטער פון דעם אדון כל הנביאים, האָט געוואוסט, פערשטאנען און געפיהלט, אז איהר קליין ברודער'ל איז ניט קיין איינפאך קינד, אז ער איז ניט גלייך צו די אלע אומגליקליכע פון זיינע ברידער, וועלכע די וועללען פון נילום האָבען שוין פערשלונגען. זי האָט מיט איהרע גייסטיגע אויגען געזעהן, אז אין דעם שיקזאל פון איהר קליינעם ברודער'ל משה'לע שפּיעגעלט זיך אָפּ דאָס שיקזאל

פון איהר גאַנצע נאַציאָן, אַז דאָס וואָס פּאַסירט יעצט מיט איהם, וועט דאָס פאָלק ישראל פערזוכען שפּע־טער, דאָס די קריטישע, פערצווייפעלטע לאַנגע וועט אָנהאַלטען זעהר לאַנג, — דאָס איז די ריכטיגע בע־דייטונג פון וואָרט „מרחוק".

אין העברעאישען הייסט „מרחוק" ניט נור ווייט אין פּלאַץ, זאָנדערן אויך אין דער צייט. „ותתצב אחותו מרחוק" — זי איז געבליעבען שטעהן פערווירט, בעטראַכטענדיג, דענקענדיג און פאָרשענדיג דאָס אי־דישע שיקזאַל אין דער צוקונפט: „לדעה מה יעשה לו", אום צו וויסען וואָס די השגחה האָט בעשטימט פיר דאָס פאָלק, ווייל „משה וישראל חד הוא".

דאָס קליינע קעסטעלע, אין וועלכען דער גרעסטער פון אַלע מענשען ליעגט פערפאַקט, קעמפּפט אונטער־דעסען מיט שטורמישע וועללען, מיט די ווילדע קראָקאָדילען, וועלכע ווילען איהר פערשלינגען. די בע־טריעבטע מרים שטעהט פון ווייטען, און זעהט ווי פּרעה'ס טאָכטער די פּרינצעסין אין בעגלייטונג פון איהרע הויפדאַמען געהען זיך באָדען. איינע פון זיי האָט צופעליג דאָס קעסטעלע בעמערקט, אויס נייגע־ריגקייט האָט זי עס געחאַפּט און איבערגעגעבען דער פּרינצעסין, וועלכע האָט עס גלייך געעפענט, און פאַר איהר איז ערשיענען אַ קליין וויינענדעס קינד. דער מדרש מאָהלט דערביי זעהר אַ גייסטרייכעס בילד:

די פּרינצעסין האָט אויף דעם אָרעמען קינד רחמנות געהאַט, זי האָט גלייך געשיקט נאָך אַ פרוי זי זאָל אָנזויגען דאָס קינד און שטילען זיין הונגער. דאָס קינד עפענט אויף זיינע קליינע אויגעלאַך און דערזעהענדיג אַ שוואַרצע פרעמדע פרוי (כושית), האָט ער פעסט צוגעשלאָסען זיין מיילכעלע. ווי מיט אַ שוידער האָט ער זיך אָבגעקעהרט פון איהר ברוסט, און צומאַכענדיג זיינע אויגען האָט ער ציטערענדיג פון קעלט און פון הונגער גענומען ווייטער שרייען.

די פּרינצעסין האָט גלייך בעפוילען, אַז מען זאָל ברייננען אַן אַנדער אַמע. די צווייטע איז שוין געווען אַ מדינית, אָבער אפילו דער קליינער משה׳לע איז געווען הונגעריג און פערשמאַכט, האָט ער זיך ענטזאַגט אויך פון דער צווייטער פרוי׳ס ברוסט. אומזאָנסט האָט די מיטליידענדע פּרינצעסין געביטען איין אַמע אויף אַ צווייטע, דער קליינער משה׳לע איז געבליעבען ביי זיינע האַרטנעקיגקייט, און האָט פיר קיין פאַל ניט געוואָלט זויגען פון אַ פרעמדע ברוסט.

— „אַך, מיין קליינער ערהאַבענער ברודער׳ל!" — האָט מרים די היילינע פּראָפעטין מיט ציטערענדע ליפּען געמורמעלט, און ניט פערלירענדיג קיין איבעריגע צייט, איז זי צוגעגאַנגען צו דער פּרינצעסין, און מיט אַ טיעפע פערנייגונג האָט זי זיך געווענדעט צו איהר מיט די ווערטער:

„זאָל איך פּיעלייכט געהן רופען אַ אידישע אַמע פיר דאָס אונגליקליך קינד?“.

„יא“, האָט די פּרינצעסין צופריעדען ערווידערט.

שנעל ווי אַ בליטץ האָט מרים געאיילט צו יוכבד׳ן איהר מוטער.

„מוטער!“, האָט זי מיט בליצענדע אויגען אויס־גערופען, „מוטער! דאָס קינד איז געראַטעט! ער איז אין דער פּרינצעסין׳ס הענד. טראָטץ דעם וואָס ער איז אויסגעהונגערט, האָט ער ניט געוואָלט אָננעהמען קיין ברוסט פון די פרעמדע פרויען, ווי עס שיינט וואַרט ער נור אויף דיר, ליעבע מוטער!“.

די איבערראַשטע מוטער איז געוואָרען אויסער זיך פון פרייד, זי האָט אָבער בעהערשט איהר אויפ־רעגונג, אום די פּרינצעסין זאָל ניט פערשטעהן אַז זי איז די מוטער פון קינד, און מיט אַ קינסטליכע רוהיגע קאַלטע מינע איז זי מיט איהר טאָכטער געגאַנגען צו דער פּרינצעסין.

ווי ערשטוינט און איבערראַשט זיינען אָבער די פּרינצעסין מיט איהרע הויפדאַמען געוואָרען זעהענדיג ווי דאָס קינד האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער ברוסט פון דער אידישער פרוי, און מיט זיינע קליינע ליכטיגע אויגעלאַך האָט ער מיט אַ זאַנפטען, מילדען שמייכעל געקוקט איהר אין געזיכט.

פרעה׳ס טאָכטער איז פון יוכבד׳ן געוועזן זעהר צופריעדען און זי האָט זיך גלייך געווענדעט צו איהר

מיט דעם וואונש, אַז זי זאָל מיטנעהמען דאָס קינד מיט זיך און איהם ערציהען, פיר וואָס זי וועט איהר בעצאָהלען. יוכבד, נאַטירליך, האָט איהר מאַיעסטעטישען בעפעהל געהאָרכזאַם אויסגעפיהרט, און צוזאַמען מיט איהר גערעטעטען משה'לען איז זי צוריק געגאַנגען אַהיים.

ווען מיר זאָלען אויפמערקזאַם בעטראַכטען די אידישע געשיכטע, זעהען מיר דאָס זעלבע בילד: די זעלבע סצענע פון משה'ס ביאָגראַפיע האָט ניט איין מאָל זיך אָבגעשפּיעלט מיט אונזער פאָלק, וועלכעס שווימט אַרום אין אַ ים פון צרות זייט צוויי טויזענד יאָהר!...

ניט איין מאָל האָבען אונז פּרינצעסינס פאַרגעלייגט פערשיעדענע פרעמדע אַמען אום אונזער הונגער צו שטילען: די גריכען און די רוימער — אין די אַלטע צייטען; די שפּאַניער און נאָך פיעלע אַנדערע נאַציאָנען — אין מיטעל־אַלטער; די רוסען, די רומעניער און נאָך אַנדערע יודענפיינדליכע פעלקער—אין די נייע צייטען! וויפיעל מאָל האָבען די פעלקער אין פערשיעדענע צייטען פאַרגעלייגט דעם אויסגעהונגערטען ישראל אַ פרעמדע ברוסט? וויפיעל גרויזאַמע הערשער האָבען געפּלאַנט דעם ביישפּיעל פון פערדינאַנד און איזאַבעללאַ, און האָבען געוואָלט אונז אָברייסען פון אונזער ריינער קוועלע? אָבער מיט דעם זעלבען העלדען־מוטה, מיט די זעלבע הייליגע ענערגיע

מיט וועלכע אונזער ערהאבענער געזעצגעבער האָט זיך צוריקגעצויגען פון די אַלע פרעמדע אמען, האָבען מיר אויך מיט אונזער ריינעם נאַציאָנאַלען שטאָלץ גענוג אָפּפער געבראַכט אום פרעמדע בריסט ניט צו זויגען. און אַבוואָהל אונזערע ביינער זיינען אויסגעטריקענט פון מאַרך, וועלכען אונזערע שונאים האָבען אויסגעזויגען און אונזערע פיס זיינען געשוואָלען פון אונזער לאַנגען וואַנדערען זוכענדיג אַ רוהיגען ווינקעלע, וואו מיר זאָלען קענען אונזערע קעפּ אַוועקלעגען, — דאָך האָבען מיר אונזערע האָפנונגען ניט אויפגעגעבען. מיר האָפען, אַז די פערשפּרעכונג פון אונזערע נביאים וועלען מקוים ווערען, און מיר וועלען זיך צוריקקעהרען צו אונזער מוטער ציון — צום וויעגעלע פון אונזער יוגענד, וואו גאָט'ס הערליכע פּראַכט האָט זיך אויף אונז בעוויעזען.

דער קליינער משה'לע האָט מיט געדולד געוואַרט אויף זיין מוטער יוכבד, און מיר, בני ישראל, וואַרטען מיט דעם זעלבען געדולד אויף ציון.

ווייל — „משה וישראל חד הוא!".

וארא

משה שטודירט זיינע ברידער אין גלות.

„ו י ג ד ל מ ש ה ו י צ א אל אחיו וירא איש מצרי מכה איש עברי מאחיו, ויפן כה וכה וירא כי אין איש ויך את המצרי, ויטמנהו בחול, ויצא ביום השני והנה שני אנשים עברים נצים, ויאמר לרשע: למה תכה רעך? ויאמר: מי שמך לאיש שר ושופט עלינו? הלהרגני אתה אומר כאשר הרגת את המצרי? ויירא משה ויאמר אכן נודע הדבר".

(שמות ב׳).

און ווי משה איז גרויס געוואָרען, איז ער אַרויס־געגאַנגען צו זיינע ברידער צו בעקענען זיך מיט זייער לאַגע. לײדער ווייזען אונז ניט אַלע פון אונזערע יעצ־טיגע גרויסע אידישע ברידער דעם זעלבען ביישפּיעל. ווי זיי ווערען „ויגדל׳ס" ווערען זיי „ויצא׳ס", דאָס הייסט, ווען זיי ווערען גרויס, געהען זיי אויך אַרויס,

אָבער אין וועלכען זין? אונטער וועלכע פאָרם? זיי טהוען גראַדע אומגעקעהרט ווי משה האָט געטהאָן: ויגדל משה ויצא אל אחיו; ויגדל קארל ויצא מן אחיו. משה איז אַרוים צו זיינע ברידער, אָבער ווי אונזערע „קלמן׳ס״ ווערען „קארל׳ס״, אונזערע „יונה׳ס״ ווע־רען „איוואַן׳ס״ און אונזערע „בצלאל׳ס״ ווערען „טשאַלי׳ס״, דאַן מאַכען זיי דעם „ויצא״ ניט „אל״ צו אחיו, נור „מן״ פון אחיו, און זיי אינטערעסירען זיך ניט מעהר מיט זייערע עלענדע ברידער.

ווי אונאַבהיינגיג משה איז געווען פון זיין פאָלק, זייענדיג אַ פּרינץ פון קעניגליכען הויף, רייך און גע־בילדעט, האָט ער אויף זיך גענומען די הייליגע שליחות צו געהן צו זיינע אונטערדריקטע ברידער, צו לערנען און צו שטודירען זייער טרויעריגעס לעבען אין דער שקלאַפעריי, וויסען זייערע מעלות מיט זייערע חסרונות, אום צו געפינען אַ מיטעל מיט וואָס זיי צו רעטען פון זייער יאָמערליכער לאַגע.

* * *

זעהר אינטערעסאַנט זיינען פיר אונז די צוויי לעקציאָנען, וועלכע די תורה גיט אונז איבער פון משה׳ס בעזוכען זיינע ברידער אין צוויי טעג. אין די עטליכע שורות שפּיעגעלט זיך אָפּ אונזער גאַנצער כאַ־ראַקטער עד היום הזה.

אין דעם ערשטען טאָג ווען ער איז געגאַנגען זע־

העז און שטודירען זייער פערשקלאפונג, האט זיך אב־געשפיעלט פאר זיינע אויגען זעהר א טרויעריגע און ריהרענדע סצענע, ער האט פלוצלונג דערזעהען ווי א שווארצער עגיפטער (מצרי) האלט*) אין איין שלאָ־גען א אידען, וועלכען ער האט מיט געוואלד ארויסגע־שלעפט פון זיינע ברידער**), און איהם געמאטערט מיט מכות רצח. די איבעריגע ברידער זיינען געשטא־

---

*) דאס איז די וואהרע בעדייטונג פון דעם ווארט „מכה" אין בינוני פועל. עס שטעהט ניט „הכה" אין עבר.

**) דאס ווארט „מאחיו" שיינט צו זיין אבסאלוט איבעריג. ווען די תורה דערצעהלט אונז אז דער געשלאגענער איז געווען א „איש עברי", פערשטעהט מען דאך שוין אז ער איז געווען פון משה׳ס ברידער, צו וואס דארף נאך די תורה זאגען „מאחיו" ? אין אמת אבער בעדייט דאס ווארט „מאחיו", אז דער מצרי האט ארויסגענומען דעם אידען פון זיינע ברידער, וואס האבען די מערדעריי צוגעקוקט גלייכגילטיג און האבען זיך פיר איהם ניט אנגענומען ; משה אבער, דער גרויסער פאטריאט, האט זיך ניט געקענט בעהערשען, און זעהענדיג אז עס איז ניטא קיינער וואס זאל זיך פיר דעם אומגליקליכען אננעהמען, אבוואהל ער האט געוואוסט אז זיינע הייליגע הענד וועלען האלטען די הייליגע לוחות, אין וועלכע עס וועט שטעהן „לא תרצח !", נור זעהענדיג אז ער איז דער איינציגער אויף׳ן פלאץ צו רעטען א אידען פון מצרי׳ס הענד, האט ער געטויטעט דעם מערדער.

נען פון דער ווייטען און ניט געאײלט זײער געפלאג־טען ברודער צו הילף, דען זײענדיג ניעדערגעשלאגענע שקלאפען, זײנען זײ גאנץ גלײכגילטיג געבליעבען צו אזעלכע סצענעס, וועלכע זײ האבען גאנץ אפט געזע־הען. אבער דאן האט זיך אין משה'ן ערוועקט דער העלדישער פרײער גײסט און ער אלײן מיט זײנע אײגענע הענד האט דעם שווארצען ברוטאלען מערדער טויט געשלאגען, און האט איהם בעהאלטען אין זאמד, ניט ווײל ער האט מורא געהאט, אז מען זאל זיך דער־וויסען פון דעם מארד וואס ער האט בעגאנגען, ניט דערפאר האט ער דעם קערפער בעהאלטען. ער האט געוואוסט אז קײן סוד וועט ניט בלײבען, ער האט עס אבער געטהאן אוים רעספעקט צו א מענשליכען קער־פער, וואס איז א נברא בצלם אלקים.

דא זאגט דער מדרש, אז משה איז פון דעם טרויעריגען צופאל זעהר אויפגערעגט געווארען און ער איז ארוים מיט דער פראגע: „רבונו של עולם! שבעים אומות יש בעולם, וכולם אינם משועבדות ואומה זו מפני מה היא משועבדת?".

א, גאט, זיעבציג פעלקער זײנען דא אויף דער וועלט און קײנע פון זײ איז ניט פערשקלאפט, ווארום גראדע איז דיזע נאציאן אונטעריאכט?

די פראגע האט משה'ן ניט געלאזען רוהען, ביז ער האט זיך ענטשלאסען דעם צווײטען טאג ווידער

צו מאַכען אַ „ויצא אל אחיו״, אום צו שטודירען בע־סער זייער כאַראַקטער, אויסצופאָרשען די וואהרע אור־זאַכע פון זייער שוואַכקייט, און וואָרום זיי זיינען אַזוי ניעדערגעשלאָגען. דער ערהאַבענער געטליכער מאַן האָט איבערהויפּט געצווייפעלט אויב ער וועט קענען עפּעס טהאָן פיר זיי, נאָכדעם ווי ער האָט זיך דעם ערשטען טאָג איבערצייגט, אַז זייער מוטה איז אַזוי ווייט געזונקען, דאָס זיי בלייבען רוהיג און גלייכגילטיג איינער צום צווייטען, אין דער צייט ווען זייערער אַ ברודער ווערט אַזוי פירכטערליך געשלאָגען.

גאַנץ אַנדערש האָט זיך אָבער משה איבערצייגט דעם צווייטען טאָג, ווען ער איז ווידער אַרויסגעגאַנ־גען צו זיינע ברידער, ער האָט אויסגעפונען אַז זיי האָבען נאָך גענוג מוטה און ענערגיע, נור זיי געברוי־כען די וואפען ניט וואו מען דאַרף.

ער האָט בעמערקט ווי צוויי אידען, דתן ואבירם, שלאָגען זיך *), קריעגען זיך און שימפּפען איינער דעם צווייטען מיט אַזאַ ווילדער וואוטה, אַז ער איז פער־וואונדערט געוואָרען זעהענדיג אַזאַ משונה׳דיגע סצע־

*) די תורה האָט דאַ געברויכט דעם וואָרט „נצים״ ניט „מריבים״, ווייל דער צייט־וואָרט „נצה״ בעדייט אויף דעם שטאַרקסטען אַרט געשלעג, אַזוי ווי: „כי ינצו שני אנשים ונגפו אשה הרה״.

נע. אַנבאַנגס האָט משה׳ן הנאה געטהאָן, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז דאָס איז אַ געשלעג צווישען אַ אידען מיט אַ מצרי, און עס האָט איהם געפרעהט צו זעהן אַ אידען קעמפּפען פיר זיינע רעכטע. ער האָט זיך אָבער באַלד איבערצייגט, אַז די קריעגער זיינען ביידע אידען. מיט אַ שרעקליכער אויפרעגונג האָט ער זיך דאַן געווענדעט צום שטאַרקערען און אויסגעשריען:

„וואָרום שלאָגסט דו דיין ברודער, וועלכער איז פּונקט אַזוי אונגליקליך ווי דו? ווערט ער דען ניט געדריקט, געשלאָגען און געטראַמפּעלט מיט די פיס פון די מחבלים גראַדע ווי דו? וואָלט ניט געווען פיעל בעסער, ווען דו זאָלסט דיינע קרעפטען געברויכען, ווען די מצרים שלאָגען זיך מיט דיינע ברידער? ווען איהר וואָלט אייערע געמיינשאַפטליכע קרעפטען אָנווענדען געגען אייערע אונטערדריקער, וואָלט איהר אייך געקענט רעטען פון אייער שקלאַפעריי און אויסבעסערען אייער לאַגע, אנשטאָט אָבער צו זאַמלען אייער מאַכט געגען אייער אַלגעמיינעם שונא, שלאָגט איהר זיך איינער מיט דעם צווייטען, און דערמיט פערגרעסערט איהר אייער אומגליק, און איהר פערלעשט אַליין דעם לעצטען פונק פון האָפנונג צו אייער בעפרייאונג!”.

משה האָט די ווערטער געזאָגט מיט אַ הייליגע

גער בעגייסטערונג. די תורה האָט עס אָבער אויסגע־
דריקט קורץ אין איין זאַץ: „למה תכה רעך?״.

קוים האָט אָבער דתן דער אונמענש בעמערקט
ווער איז דער שטראָפער, וואָס האָט זיי געפּרעדינט
מאָראַל, קוים האָט ער משה׳ן דערקענט אַלס
עמרם׳ס זוהן, דער פּרינץ פון אידישע עלטערען, —
האָט ער דעם גאַנצען רעספּעקט פאַר איהם פערלאָרען,
און מיט געוועהנליכע חוצפּה, וועלכע איין איד
האָט צום צווייטען, האָט ער איהם גראָב געענטפערט:

„זאָג מיר, איך בעט דיך, ווער האָט דיך געמאַכט
פיר אַ בעל־הבית און פיר אַ ריכטער איבער אונז?
ווילסט דו מיך אפשר אויך טויט שלאָגען אַזוי ווי דו
האָסט געטהאָן מיט דעם מצרי?״.

הערענדיג דעם פרעכען ענטפער, האָט זיך משה
דערשראָקען און האָט אויסגערופען: „אכן נודע
הדבר!״, דאָס הייסט, יעצט איז מיר שוין די פראַגע
בעאַנטוואָרטעט געוואָרען „וואָרום זיינען אַלע פעלקער
פריי און נור מיין נאַציאָן איז פערשקלאַפּט?״ —
יעצט פערשטעה איך די אורזאַכע וואָרום, ווייל זיי
האָבען פערלאָרען זייער נאַציאָנאַלען גייסט, זייער
זעלבסטבעוואוּסטזיין, זייער עהרענגעפיהל, און די גו־
טע מדות פון זייערע עלטערען, און אנשטאָט זיך
זעלבסט צו פערטהיידיגען געגען זייערע פערפאָלגער,
פערשווענדען זיי זייערע קרעפטען אויף צאַנקערייען,

אינטריגעס און מחלוקות, וואָס מאַכט זיי אַלץ שוואַ־
כער און שוואַכער.

דער ערשטער נאַציאָנאַליסט, דער געטליכער מאַן
איז געוואָרען שטאַרק פערצווייפעלט, ער האָט דעם
גאַנצען מוטה פערלאָרען, ביז גאָט האָט איהם געציינט
דאָס בילד פון דעם סנה: „וירא מלאך ד׳ אליו בלבת
אש מתוך הסנה, וירא והנה הסנה בוער באש והסנה
איננו אכל״. דורך דיזען ערהאַבענעם בילד האָט
איהם גאָט פאָרגעשטעלט די גאַנצע אידישע לאַגע, דאַן
אין דער געגענוואַרט און שפּעטער אין דער צוקונפט.
משה האָט דערזעהן אַ דאָפּעלטען פייער — אַ פלאַם
שפּאַרט אויס פון סנה פון דרויסען און אינערליך
האַלט דער סנה אויך אין ברענען.

דאָס בילד האָט משה׳ן געציינט, אַז דער אידי־
שער אונגליק איז אַ צווייפאַכער, מבית ומחוץ, אינער־
ליך ברענט, עס שרפה׳ט דער פייער פון שנאת־חנם,
פון ניט פערגינען, פון מחלוקות לשם שמים, פון פרוד
הלבבות, פון פערשיעדענע קלייזלאַך, און פון אויס־
ווענינ ברענט דער העלישער פייער פון אונזערע
שונאים, וועלכע שלאָפען ניט, רוהען ניט, טהוען אַלעס
וואָס עס ליענט נור אין זייערע קרעפטען צו פערגרע־
סערען דעם העלישען פלאַם פון פערפאָלגונגען, און
דאָך — דער ברענענדער סנה ווערט פון די פלאַמען
ניט פערצערט!

בעגייסטערט פון דיזער געטליכער סצענע האָט משה פערוואונדערט אויסגערופען: „אסורה נא ואראה את המראה הגדול הזה מדוע לא יבער הסנה?" — איך וועל צוגעהן און זעהן, וואָס איז דאָס אייגענט־ליך מיט דעם סנה וואָס ווערט ניט פערברענט פון אזעלכע פלאַמען?!

דאַן האָט זיך גאָט צו איהם בעוויזען פון דעם ברענענדען סנה; דאָס הייסט, משה האָט דאַן דער־זעהן, אז די עקזיסטענץ פון יודענטהום איז איבער־נאַטירליך, עס שטעהט העכער פון דעם געזעץ פון דער נאַטור, ווען גאָט וואָלט אין דעם סנה ניט געווען — וואָלט ער שוין לאַנג פערניכטעט געוואָרען, וואָס פיר א בעטרעף האָט א סנה, א יעגלענעם בוימעלע געגען אזעלכע צוויי פייערען! „ויקרא אליו אלהים מתוך הסנה... ויסתר משה פניו כי ירא מהביט אל האלהים". משה האָט שוין מעהר קיינע פראַגען ניט געשטעלט, ווייל דעם מענשענס פערשטאַנד קען ניט בעגרייפען די געטליכקייט.

די זעלבע כאַראַקטעריסטיק פון די צוויי בילדער, וואָס די תורה שטעלט אונז פאָר, פון וועלכע אונזער געזעצגעבער האָט פיעל געלערענט, זעהען מיר נאָך היינט ביי אונזער פאָלק און אויף זיין פראַגע פון דעם ערשטען טאָג: „שבעים אומות יש בעולם וכלן אינן משועבדות, ואומה זו מפני מה היא משועבדת?" —

דיענט אויך יעצט דער זעלבער אנטוואָרט: „אכן נודע הדבר!", וועלכען משה האָט אויסגערופען דעם צווייטען טאָג, ווען ער האָט געזעהן, ווי דתן שלאָגט זיין ברודער אבירם מיט אזא ברוטאַלער גוואַלד.

יא, מיינע ליעבע ברידער! פונקט ווי אמאָל האָבען מיר אויך היינט געגנוג אזעלכע עקזעמפּלערע ווי דתן איז אמאָל געווען; מיר האָבען דתן'ס מיט קרעפּטיגע מוסקולען, וועלכע געברויכען אָבער זייער מאַכט צו שלאָגען די אבירם'ס.

ווען עס געפינט זיך אַן איש מצרי מכה איש עברי, דאַן איז קיין איש ניטאָ, וואָס זאָל אַרויסטרעטען העלפען זיין געשלאָגענעם ברודער; די זעלבע פויסט-העלדען, וועלכע האָבען אזעלכע שטאַרקע קולאַקעס צו שלאָגען זייערע אייגענע ברידער, ווערען פערוואַנדעלט אין פייגלינגע, טרוסען, דערזעהענדיג אַן איש מצרי מכה איש עברי, און זייער פּאַטריאָטיזמוס איז כקצף על פני המים, ווי שוים וואָס שלאָגט אַרוים אויף וואַסער.

אלזאָ, מיינע ליעבע ברידער! ווען מיר ווילען ווירקליך אַז אונזער נאַציאָן זאָל איינאַטהעמען נייעס לעבען און פרישע ענערגיע, מוזען מיר אונזערע דתן'ס ערקלעהרען און געבען צו פערשטעהן, אַז עס איז ניט ראַטזאַם זיי זאָלען געברויכען זייערע קרעפטען צו

שלאָגען איינער דעם צווייטען, עס איז פיעל וויכטיגער פאַר אונז אַלעמען אז מיר זאָלען ליעבערסט אַנווענדען אַלע אונזערע קרעפטען צו רעטען אונזער אָרימע, פערפאָלגטע און אונגליקליכע נאַציאָן; צו לעשען דאָס פייער, וואָס די אַנטיסעמיטען צינדען אָן אימער שטאַרקער און שטאַרקער — דאַן ערשט וועט די וועלט זעהן, כי הסנה איננו אכל; דאַן וועלען מיר זיך אומקעהרען צוריק צו אונזער מוטער ציון גראַדע אזוי, ווי אונזער מחוקק האָט זיך פון די שטירמישע וועללען צוריקגעקעהרט צו זיין מוטער יוכבד, ווייל — „משה וישראל חד הוא!".

ב א

א פאנטאזיע וועגען דעם אידישען פאָלק און א האָפ־נונגספאָלע ווירקליכקייט וועגען זיין עקזיסטענץ.

ישראל סבא.

„והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל וכאשר יניח ידו וגבר עמלק; וידי משה כבדים ויקחו א ב ן וישימו תחתיו, וישב עליה" (שמות י"ז).

„וכי ידיו של משה עושות מלחמה, או שוברות מלחמה? אלא לומר לך: כל־זמן שהיו י ש ר א ל מסתכלים כלפי מעלה ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים היו מתגברים, ואם לאו היו נופלים" (ראש השנה, פ"ג, משנה ח').

אויף דעם גרויען קאָפּ פון א הויכען שפּיציגען פעלז, וועלכער איז שווארץ פון אַלטקייט, שטעהט אן אַלטער מאַן אָנגעטהאָן אין צוריסענע קליידער, דורך וועלכע מיר זעהען די שרעקליכע וואונדען אויף זיין קערפּער, — וואונדען! — אָה, גאָט! — אַלטע

פערטריקענטע און פרישע, פון וועלכע עס פליסט נאך ווארעמעס לעבענס־בלוט! — דער אלטער עלענדער שטעהט וואקלענדיג און אונזיכער אויף דעם שפיץ פון דעם אלטען היסטארישען פעלז. א שווארצער לייוונד־טענער זאק הייגגט אויף זיינע איינגעבויגענע שולטע־רען, און אין דעם זאק ליגט א קליינס, זעהר אלט ביכעלע און א שטיקעל טרוקענע ברויט. אין די הענד האלט ער אן אלטען שטעקען, אויף וועלכען עס איז דא ביינאהע 4 טויזענד קארבען. פון דיזען שטעקען ברייטען זיך אויס צוויי שטאנגען. אויף איינעם איז אויפגעשריעבען „די פערגאנגענהייט" און „די ער־אינערונג", אויף דעם צווייטען — „די צוקונפט" און „די האפנונג". ווען ער ווערט ענטקרעפטעט און קען זיך אויף זיינע פיס ניט האלטען, נעהמט ער אן מיט דער רעכטער האנד די פערגאנגענהייט און מיט דער לינקער האנד די צוקונפט, און אין אזא פאָ־זיציאָן הענגט ער אין לופטען צווישען עראינערונג און האפנונג.

עס פאסירט מאנכע מאל א קורצע צייט, א מאָ־מענט, ווען דער אונגליקליכער אלטער בערוהיגט זיך, דאן נעהמט ער מיט זיינע אויסגעמאטערטע הענד זיין שטיקעל טרוקענעם ברויט צו זיין מויל, און דעם קליינעם ביכעלע פעררוקט ער הינטער זיך און דאן וועה! דאן ווערט גרויס זיין אומגליק!...

פון אונטער דעם פעלז פליסט ארויס א טיי־

בעלע, אַ מערקווירדיגעס טייבעלע, וואָס זעהט אויס אַזוי ווי בעצויבערט: זילבערנע וועלכען בעוועגען זיך און טראָגען קליינע רוהיגע שיפעלאך מיט פערשיעדע־נע נעמען אונגעפעהר ווי: „ליעבע", „גנאדע", „גע־רעכטיגקייט", „הימלישעס קעניגרייך", „הייליגער גייסט", „דריי איינינקייט", און אַזוי ווייטער.

אַרום דיזען טייבעלע איז זעהר אַ שעהנע גע־גענד מיט גרויסע וועלדער, גרינע פעלדער, וועלכע בעפוצען די ריעזיגע שטעדט פון די טויזענדער און מיליאָנען מענשען, וועלכע האָבען זיך דאָרט בעזעצט, און פיהרען זעהר אַ לוסטיגען לעבען. דער אַלטער שטעהט אויף דעם שפּיציגען פעלז, זיינע אויגען זע־העו אַלעס, ער זעהט ווי זיי געניסען פון לעבען, באָדען זיך אין לוקסוס, זינדיגען אָהן אויפהער, בעזוכען זיי־ערע פּראַכטפאָלע קירכען. די גלעקער קלינגען, די גייסטליכע זינגען און ביי פערשיעדענע צערעמאָניעס פערצייהען זיי זינד און די מענשען נעהמען זיך אָן מיט מעהר מוטה און ענערגיע צו זינדיגען ווייטער מיט מעהר פרישקייט.

דער אַלטער גיט אַ טיעפען זיפץ, נעהמט ארויס זיין קליין ספר'ל, דריקט איהם צו זיין הארץ, עפענט איהם אויף, קושט איהם, לעזט איהם מיט אַ טיעפען שמערץ, וויינט זיך גוט אויס, בערוהיגט זיך, לעגט איהם אריין צוריק אין זיין זאק אָן אַ זייט, נעהמט זיין שטיקעלע דארען ברויט צו שטילען זיין הונגער.

פלוצלונג פערוואלקענט זיך זיין הימעל מיט א שווארצע גרויזאמע פינסטערנים, און שטיינער, אייזענס, שטיקער האלץ ווערען געשליידערט אויף איהם פון אלע זייטען. ער הערט די אומגעלומפערטע מערדערישע געשרייען פון א שיכור'ע באנדע, וועלכע שלאגט איהם אהן רחמנות. ער הערט דעם יאמער און געוויין פון זיינע קינדער און אייניקלאך פון ארום און ארום, וואו זיי זיינען צוזעעט און צושפרייט געווארען אין פרעמדע געגענדען שוין ביינאהע צוויי טויזענד יאהר; ער זעהט ווי זיינע שעהנע, פרומע טעכטער ווערען ענטעהרט פון שמוציגע מערדער, און נאכהער ווערען זיי געמאטערט. די אלטע און טרוקענע וואונדען פאנגען אן צו בלוטען; ער ווערט ענטקרעפטעט און פאלט אנידער ווי אן אונטערגעשניטענער בוים און א טויט-קרעכץ רייסט זיך ארוים פון זיין פערבלוטיגטען הארץ...

* * *

„והיה כאשר ירים משה ידו — וגבר ישראל".

דער געפאלענער אלטער לעבט וויעדער אויף מיט יונגע קרעפטען. ער גיט זיך פלוצלונג א הויב, דאן א שפרונג, און האפט וויעדער אן די פערגאנגענהייט מיט דער רעכטער האנד, און גלייך בעקומט ער די צוקונפט אין דער לינקער (ווייל די געגענווארט האט ער ניט), די עראינערונג פון דעם עבר ברייגנט

איהם גלייך די האָפנונג אין דעם עתיד. און דאַן פאַנ־
גען אָן זיינע אויגען שיינען מיט אַ הייליגער בעגייס־
טערונג, ער קוקט זיך אַרום, און מיט הימלישע גע־
פיהלען נעהמט ער אַרויס זיין קליין ספר׳ל פון זיין
זעקיל, דריקט איהם צום האַרצען, קושט איהם מיט
זיינע פערשמאַכטע ליפּען, וויינט זיך אויס; עס ווערט
איהם לייכטער און ער שטעלט זיך ווייטער אויף זיין
פּלאַץ.

* * *

צווישען דעם אַלטענס גרויסער מענגע שונאים
געפינען זיך מאַנכע אין וועלכע עס ערוועקען זיך
מענשליכע געפיהלען, און אַ פונק פון רחמנות שיינט
אַריין אין זייערע הערצער, צוזעהענדיג דעם עלענ־
דענס פינסטערע אומגליקליכע לאַגע. זיי געהען צו
איהם צו מיט גלאַטע רייד און מיט פערגלאַצטע אוי־
גען צום הימעל ריידען זיי צו איהם און בעטען זיך:

„אַלטער אומגליקליכער! ווי לאַנג וועסטו זיך
פּלאָגען? ביז ווי לאַנג וועסטו קענען עקזיסטירען אָהן
אַ פעסטען באָדען אונטער דיינע פיס? פאָלג אונזער
ראַטה, געה אַרונטער פון דעם אַלטען פעלז, מיר ווע־
לען דיר געבען אונזער האַנד, מיר וועלען דיך אויס־
באָדען אין דעם שעהנעם ריינעם טייכעלע. מיר ווע־
לען אַרומוואַשען דיינע וואונדען, דו וועסט ווערען
פריש, יונג, גלייך מיט אונז; מיר וועלען דיך אַריינ־

זעצען אין דעם שיפעלע „דריי איינינקייט", מיר ווע־לען דיך צונעהמען מיט דיין גאַנצע פאַמיליע צו אונז און מיר וועלען אַלע ווערען גליקליך, אַלטער וואַנדע־רער! האָב מיטלייד אויף דיינע קליינע אייניקלאַך! ביז ווי לאַנג וועט איהר זיך אַזוי שרעקליך פּלאָגען?".

אַט אַזעלכע מאַנאָלאָגען הערט אויס דער אַלטער טאָג־איין טאָג־אויס, און ער בלייבט שטעהן אויף זיין אָרט און קוקט מיט אַ שפּאָטישען בליק אויף זיינע בעלי־עצות און „גוטע פריינד".

אַ היבשע צאָהל פון זיינע קינדער און אייניקלאַך הערען זיך צו און פעראינטערעסירען זיך אין די עצות און די מאָנאָלאָגען, געהען אַרונטער פון דעם פעלז, זעצען זיך אַריין אין די פערשיעדענע שיפעלאַך „ליעבע", „בארעמהערציגקייט", „הימלישעס קעניג־רייך" און „דריי־איינינקייט" און פאָהרענדיג איבערן טייכעלע שפּריצען זיי זיך אָפּ, באָדען זיך אויס, און געהען אַריין אַלס מיטגליעדער אין דעם שונא׳ס לאַגער.

דער אַלטער זעהט דאָס אַלעס צו און שמייכעלט און קוקט מיט פעראַכטונג אויף דיזער סצענע.

* * *

איך, אַלס איינער פון דעם אַלטען׳ס פאַמיליע, האָב געפרעגט דעם אַלטען צוויי פראַגען: ערשטענס, וואָרום הערט ער ניט דיזען ראַטה פון זיינע „גוטע

פריינד״? און צוויטענס, וואָרום קוקט ער אזוי קאַלט ווען זיינע אייניקלאַך פערלאָזען איהם און געהען אַוועק אין דעם אַנדערען לאַגער?

„קום מיט מיר, מיין קינד! — זאָגט צו מיר דער אַלטער — „קום, וועל איך דיר ערקלעהרען, וועסטו אַלעם פערשטעהן״. ער נעהמט זיין שטעקען אין האַנד, צעהלט אָפּ פיער הונדערט קאַרבען און געהט צו מיט מיר צו דעם טייכעלע; „דו מיינסט, מיין קינד, אַז דאָס טייכעלע איז טאַקע אַזוי שעהן און רוהיג ווי דיר שיינט, און די נעמען פון די שיפען וועלכע שווימען דאָרט זיינען ריכטיגע און פון מיר איז בלויז אַן עקשנות וואָס איך וויל מיך ניט ריין וואַשען אין זיין ריינעם וואַסער? — ניין, מיין קינד, דאָס איז ניט קיין וואַסער, דאָס איז מענשליכעם בלוט, און דאָס בלוט איז פון מיינע הייליגע קינדער, וועלכע זיינען געמאַטערט און געמאָרדעט געוואָרען אויף „קדוש השם״.

ער האָט גלייך אַריינגעשטעקט דעם שטעקען אי־בער פיער הונדערט קאַרבען אין דעם טייך און האָט אַ מיש געטהאָן.

אָ, גאָט, אַלמעכטיגער! וואָס פיר אַ שרעקליכע סצענע איך האָב ערבליקט: שטראָמען בלוט, מאַרך מיט טרעהרען געמישט און מענשליכע קעפּ, הענד, פיס און שטיקער קערפּער שווימען אין דיזע שטראָ־

מען; שוואַרצע יעזואיטען רייסען שטיקער פלייש פון לעבעדיגע מענשען...

„געװאַלד! געװאַלד, אַלטער!" האָב איך אַ געשריי געטהאָן און אַ קאַלטער שוויים האָט בעדעקט מיין גאַנצען קערפּער.

„יעצט, מיין קינד, פערשטעהסט דו שוין, וואָרום איך וויל זיך ניט און קען זיך ניט באָדען און ריין וואַשען אין בלוט פון מיינע קינדער?".

„און די צווייטע פראַגע וואָס דו האָסט מיר געפרעגט, וואָרום איך בין גלייכגילטיג ווען מאַנכע פון מיינע קינדער געהען אַוועק אין דעם צווייטען לאַגער, — יאַ, מיין קינד, האָסטו ווען געזעהען וואָס אַ גערטנער טהוט אין פריהלינגס צייט מיט די בוימער, ער שניידט אַרום די פערפוילטע צווייגען, ער טרויסעלט אָפּ די פערוועלקטע בלעטער, אום זיי זאָלען ניט שטערען צו דער ענטוויקלונג פון דעם בוים.

„איך פיהל, מיין פריהלינג קומט אָן, און ווער ווייטער יונג, יעצט פאַלט אַראָפּ, פאַלט אַראָפּ פערוועלקטע בלעטער מיט די אָבגעבראָכענע צווייגען!... איך לעב, איך פיהל נייעס לעבען, איך האָב איבערגע-

לעבט אזוי פיעל צרות און אומגליקען; עס ווערט טאָג, עס פאנגט אָן צו שיינען אין מזרח זייט!״...

דער אַלטער האָט זיך אויסגעגלייכט, און האָט אָנגענומען דעם זכרון אין דער רעכטער האנד און די תקוה אין דער לינקער האנד און שטעהט פעסט אין זיין פּאָזיציאָן. די פערוואנדלונג איז געוועז מערקוויר־דיג: א ריעז איז פאר מיר ערשיענען!

„כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל!״.

„משה וישראל חד הוא!״.

בשלח

אין משה'ס קבר ליעגט דער סוד פון דער גאַנצער אי־ דישער נאַציאָן און איהרע שונאים.

„בז׳ באדר מת משה ובז׳ באדר נולד משה".

(קדושין ל"ח).

„דעם זיעבעטען אדר איז משה געשטאָרבען און אין דעם זיעבעטען אדר איז משה געבאָרען גע־וואָרען" — אזוי לערענט אונז דער תלמוד, און ווי זאָנדערבאַר איז דער אויסדרוק! א קינד זאָגאַר ווייסט אויך אַז פריהער ווערט אַ מענש געבאָרען און דאַן שטאַרבט ער, היינט ווי קומט דער תלמוד צו דערמאָה־נען פריהער זיין טויט ווי זיין געבורט?

אָבער אין דיזער שילדערונג איז פערוויקעלט די גאַנצע געהיימע קראַפט פון דער אידישער נאַציאָן; דאָס בעווייזט, אַז די עקזיסטענץ פון דעם פאָלק ישראל האָט ניט קיין ענדע. אין דעם זעלבען טאָג וואָס משה איז געשטאָרבען איז ער איבער אַ נייעס געבאָ־

רען געוואָרען, דאָס הייסט, זיין גייסט, זיין לעהרע, זיינע אידעאַלען לעבען אימער און אייביג און ווען מיר דיינקען אַז זיי זיינען שוין אין גאַנצען טויט — לע־בען זיי ווייטער אויף גאָר אויף דאָס ניי.

דאָס זעלבע איז מיט דעם יודענטהום, ווייל — „משה וישראל חד הוא“, אין דעם זעלבען טאָג ווען מיר רעכנען אַז מיר זיינען טויט, ווערען מיר צוריק גע־באָרען. ווי דורך אַ געהיימער קראַפט בענייען מיר זיך מיט פרישע קרעפטען, מוטה, האָפנונג און געדולד, און צו להכעיס אונזערע פיינד, פייניגער און פערפאָלגער לעבען מיר ווייטער...

אַזוי לערנט אונז אונזער געשיכטע:

כששקעה שמשה של ארץ ישראל, זרחה שמשה של בבל; כששקעה שמשה של בבל, זרחה שמשה של פרס; כששקעה שמשה של פרס, זרחה שמשה של יון; כששקעה שמשה של יון, זרחה שמשה של רומא; כששקעה שמשה של רומא, זרחה שמשה של ספרד; כששקעה שמשה של ספרד, זרחה שמשה של צרפת; כששקעה שמשה של צרפת, זרחה שמשה של אשכנז; כששקעה שמשה של אשכנז, זרחה שמשה של פולניא, ו כ ש ת ש ק ע ש מ ש ה ש ל פ ו ל נ י א, ת ז ר ח ה ש מ ש ב א ר צ ו ת ה ב ר י ת ב א מ ע ר י ק א, — ו מ א מ ע ר י ק א ת ז ר ח ש נ י ת ב א ר ץ י ש ר א ל.

דאָס הייסט: ווען די אידישע זונן איז אונטער־

געגאַנגגען אין ארץ ישראל איז זי אויפגעגאַנגגען אין בבל, ווען זי איז אין בבל פערדונקעלט געוואָרען איז זי אויפגעגאַנגגען אין פערזיען, ווען זי איז אין פערזיען פינסטער געוואָרען האָט זי אויפגעשיינט אין גריכענ־לאַנד, ווען זי איז אין גריכענלאַנד אונטער־געגאַנגען, איז זי נאָך רוים איבערגעגאַנגגען; ווען רוים איז אויך פערניכטעט געוואָרען האָט די אידישע זון אין שפּאַניען אויפגעשטראַהלט; ווען מען האָט אונז פון שפּאַניען פערטריבען האָט אונ־זער זונן נאָך פראַנקרייך איהרע שטראַהלען געשיקט; און אַזוי האָט זי אימער אַרומגעוואַנדעלט זוכענדיג הכנסת אורחים מגוי אל גוי, פון פראַנקרייך נאָך דייטשלאַנד, פון דייטשלאַנד נאָך פּוילען, און פון פּוי־לען געהט זי ערשט איבער נאָך די פעראייניגטע שטאַאטען פון אַמעריקא, אין וועלכע מיר האָבען געפונען אַ רוהיגען זיכערען אָרט אויסצורוהען אונ־זערע קראַנקע ביינער; אין דיעזען פרייען גאָט־גע־בענשטען לאַנד האָבען מיר איינגעאַטהעמט נייעס לע־בען, נייע קרעפטען, מוטה, גערולד, ענערגיע, און האָפ־נונג, אַז מיר וועלען זיך נאָך אומקעהרען מיט דער צייט צוריק צו אונזער אַלטער הייליגער היימאַטה, צו־ריק צו אונזער אַלטען לאַנד, וואו אונזער זון האָט אָנגעפאַנגגען צו שיינען — אין ארץ ישראל! דען אין דעם זעלבען טאָג וואָס מיר שטאַרבען ווערען מיר ניי געבאָרען, ווייל „משה וישראל חד הוא".

ולא ידע איש את קבורתו.

„שלחה מלכות לשאול, הראנו היכן משה קבור? עמדו למעלה, נדמה להם למטה, למטה — נדמה להם למעלה; נחלקו לשתי כתות: אותן שעמדו למעלה, נדמה להם למטה, ואותם שעמדו למטה, נרמה להם למעלה" (סוטה ל"א).

זעהר אַ זיעגרייכעס און פאַנטאַסטישעס בילד שטעלט אונז פאַר דער תלמוד מיט די ווערטער: ווען משה איז געשטאָרבען האָט די רעגיערונג געשיקט פרעגען די יעניגע וועלכע האָבען געוואָהנט אויף יענעם בארג, אַז זיי זאָלען צייגען דעם אָרט וואו משה איז בעערדיגט. ווען זיי זיינען אַרויף אויף דעם בארג אין דער הויך, האָט זיך זיי געדאַכט אַז אונטען איז משה געקומען צו קבר ישראל, און ווען זיי זיינען אַרונטערגעגאַנגען אונטען, האָט זיך זיי געדאַכט אַז אויבען אין דער הויך איז משה'ס קבר, דאַן האָבען זיי זיך צוטהיילט אויף צוויי כתות, אָבער די יעניגע וועלכע זיינען אַרויף אין דער הויך האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זעהען דעם קבר אונטען, און די יעניגע וועלכע זיינען געבליעבען שטעהן אונטען האָבען געגלויבט אַז זיי זעהען דעם קבר אין דער הויך...

איך האָב דיעזע מערקווירדיגע פאַרשטעלונג ניט בעגריפען, ביז אַ געוויסער צופאַל האָט מיר געעפענט

די אויגען צו פערשטעהן דעם טיעפען זין, וועלכער ליעגט בעהאַלטען אין דער גייסטרייכער שילדערונג.

פאַהרענדיג אַמאָל אין רוסלאַנד אין א באַהן, איז מיר אויסגעקומען צו זיצען צוזאַמען מיט צוויי פאָר־נעהמע קריסטען: איינער איז געווען א דירעקטאָר פון א רוסישען גימנאַזיום, א געבילדעטער, טאַלעראַנטער מענש, דער צווייטער איז געווען א רוסישער פּאָפּ, א פינסטערער גייסטליכער מיט א העסליכער געשטאַלט, און פאַהרענדיג מיט זיי צוזאַמען אין איין וואַגאָן, האָב איך געהערט ווי זיי האָבען צווישען זיך געפיהרט פאָלגענדען געשפּרעך:

„איהר מוזט עס וויסען, באַטיושקאַ!", האָט דער דירעקטאָר געזאָגט צום פּאָפּ, „אַז דער יונגער אידי־שער דור איז גאָר אַנדערש ווי דער אַלטער. איך, אַלס דירעקטאָר פון גימנאַזיום קען איך עס בעשטעטיגען".

„מיט וואָס איז ער אַנדערש?", האָט דער פּאָפּ געפרעגט מיט א פינסטערע מינע.

„דערמיט", האָט דער דירעקטאָר ערנסט געענט־פערט, „וואָס זיי זיינען פלייסיגע, פעהיגע, רוהיגע יונגע לייט. איך האָב מיך גענוג איבערצייגט, אַז זיי מאַכען פיעל בעסערע פאָרטשריטע ווי אונזערע קריסטליכע קינדער; איך בין דעריבער אין דער מיי־נונג, אַז מיט דער יונגער גענעראַציאָן וואָלטען מיר זיך געקענט לייכט צופריעדען שטעלען, און עס וואָלט

איבערהויפט קיין יודענפראגע ניט געדארפט עקזיסטי־
רען... דאס אונגליק איז נאר מיט די פאנאטישע אי־
דען פון דער אלטער וועלט: זיי האלטען זיך נאך אן
זייערע אלטע זיטען, מיט זייערע פערשימעלטע מא־
ניערען, זיי פערהייליגען נאך זייערע אלטע טראדיציא־
נען, לעבען אפגעזונדערט פון אלע פעלקער, און לאזען
ניט צו זיך קיין שטראהלען פון דער אייראפעאישער
ציוויליזאציאן, ווערענד דער יונגער דור האט זיך
גאנץ אנדערש ענטוויקעלט, דער פאנאטיזמוס פון זיי־
ערע עלטערען איז שוין ביי זיי לאנג פערשוואונדען".
„אומגעקעהרט, מיין הערר!", האט דער שוואר־
צער גייסטליכער מיט א פערדריסליכער מינע ערווי־
דערט, „איך מוז פראטעסטירען געגען אייער מיינונג,
איך בין גראדע דאס געגענטהייל איבערצייגט, די יו־
דענפראגע פאנגט ערשט אן ביי דעם יונגען דור, די
אידען פון דער אלטער וועלט זיינען רעליגיעז, גאטס־
פארכטיגע, רוהיגע מענשען, און פון זיי קען קיין ביי־
זעס געשעהן. גאנץ אנדערש איז עס אבער מיט דעם
יונגען דור, זיי זיינען אלע אטהעאיסטען, אנארכיסטען
ניהיליסטען, זיי פערגיפטען אונזערע קינדער, זיי ער־
וועקען דעם רעוואלוציאנערען גייסט, און גראבען אונ־
טער די הייליגע פראוואסלאוונע קירכע. און ווענען
האבען מיר עס צו פערדאנקען ווען ניט דער יונגער
אידישער גענעראציאן?!".
הערענדיג די פערשיעדענע מיינונגען פון דעם

אויפגעקלעהרטען דירעקטאָר און פינסטערען פּאָפּ אין זייער געשפּרעך, איז מיר ניט ווילענדיג ארויף אויף מיינע געדאַנקען די פראַגע: היכן קבור ישראל?" (ווייל „משה וישראל חד הוא"), וואו איז ישראל'ס קבר? „עמדו למעלה נדמה להם למטה, עמדו למטה נדמה להם למעלה, נחלקו לשתי כתות, אותן שעמדו למעלה נדמה להם למטה, ואותן שעמדו למטה — נדמה להם למעלה", דאָס הייסט אַלזאָ, ישראל איז בעגראָבען, נאָר מען ווייסט ניט וואו זיין קבר איז.

אונזערע שונאים צוטהיילען זיך אין זייערע מיי־נונגען, די יעניגע וועלכע שטעהען אין דער הויך, די פאָרשטעהער פון דער ציוויליזאַציאָן גלויבען, אַז ישראל'ס קבר ליעגט אונטען ביי דעם אַלטען דור, וועלכער האַלט זיך פעסט אָן זיינע טראַדיציאָנען, און די וועלכע שטעהען פון אונטען, די פינסטערע גייסט־ליכע, וועלכע גראָבען אונטער די פרייהייט און פער־שקלאַפען די מענשהייט, זעהען ישראל'ס קבר אויבען אין דעם יונגען דור.

מאַנכע פון אונזערע שונאים זעהען אונזער קבר אין אונזערע קבצנים, וועלכע מיר האָבען געליפערט אין גלות, און אַנדערע זעהען דעם קבר אין דער הויך,

ביי די אייניגע מיליאָנערען אונזערע. וועלכע שטעהען זיי ווי ביינער אין האלז.

דער רעזולטאט איז ענדליך אז א קבר איז דאָ, נאָר מען וויים ניט וואו, אזוי ווי ביי משה'ן, ווייל — „משה וישראל חד הוא".

די ציוניסטישע אידעע שרייט צו אונז ישעיה'ם ווערטער: יחיו מתיך, הקיצו ורננו שוכני עפר! — ווערט לעבעדיג איהר, וועלכע ליגען אין היהנער־פלעט, וואָס זיינען פערדעקט מיט דעם שטויב פון טויט — ערוואכט, און דאן וועלען מיר זעהען ישראל'ס אונשטערבליכע מאכט!

יתרו

משה'ס לעבענסבוך פון וויעגעלע ביז'ן קבר.

עפּילאָג צו די פריהעריגע 4 דרשות וועגען משה רבנו.

דעם מענשען'ס לעבען איז פערגליכען צו א בוך; דאָס וויעגעלע און דער קבר זיינען די טאָוולען, די יאָהרען פון'ם מענשענס לעבען זיינען קאַפּיטלאַך און די טעג — בלעטער.

ניט אַלע ביכער זיינען גלייך. מאַנכע זיינען רייך אין כמות (קוואַנטיטעט) און אָרים אין איכות (קוואַליטעט), זיי האָבען אַ סך בלעטער, פיעל פּאַפּיער, אָבער ווייניג אינהאַלט. אַנדערע, די בעסערע, זיינען קליין אין כמות, אָבער אין איכות גרויס. זעהר ווייניג ביכער זיינען דאָ, וואָס האָבען ביידע מעלות — גרויס אין כמות און רייך אין איכות.

דאָס זעלבע איז מיט די מענשען. זעהר ווייניג מענשען האָבען די זכיה געהאַט זייער לעבען זאָל זיין לאַנג און אינהאַלטס־רייך מיט מעשים טובים.

זעהר גרויס אין צאהל זיינען די מענשען וואס זייער גאנצעס לעבען קען פערגליכען ווערען צו א בוך אנגעפילט מיט דורכאוים ליידיגע, גלאטע בלעטער, אהן דאס מינדעסטע אינהאלט: געגעסען, געטרונקען, געשלאפען — ויולד בנים ובנות וימת — אבגעלעבט די יאהרען ווי א חיה. — דאס הייסט, א פוסט בוך, וואס אין איהם איז גאר ניט אנגעשריעבען, עס פערנעהמט בלויז אן אומזיסטען ארט, עס ברייננט קיינעם קיין נוצען.

עס איז אבער אויך דא א סארט ביכער וואס זיינען רייך אין אינהאלט. אבער דער אינהאלט איז א געפעהרליכער, פול מיט גיפט, סם המות, זיי פערוואוסטען נור שאדען, זיי פערגיפטען זייערע לעזער, זיי מאכען זיי פאר גייסטיגע קריפעלס.

דאס זעלבע איז מיט די שלעכטע מענשען, וועמעס לעבען איז אינהאלטס-רייך, אבער וואס פיר אן אינהאלט! דורכאוים מעשים תעתועים, בייזע טהאטען, וואס זיינען מחריבי עולמות, מאכען אומגליקליך זייערע מיטמענשען, זייער גאנצען לעבען.

פאעטיש האבען אונזערע חכמי התלמוד געשילדערט אין „פרקי אבות" דיעזען גרויסען געדאנק אין איינינע ווערטער: „הפנקס פתוח, היד כותבת וכל מעשיך בספר נכתבים". דאס הייסט, דאס גאנצעס לעבען און אלע דיינע מעשים ווערען אין בוך פערשריעבען.

גוט איז דעם מענשען וועמעס לעבענס־בוך איז א נאָרמאַלעס, זיינע קאַפּיטלאַך—די יאָהרען — זיי־נען אינהאַלטס־רייך; זיינע אַלע בלעטער — די טעג— זיינען פול פערשריעבען מיט גוטע, אינטערעסאַנטע מעשים, אָפּען פאַר אַלעמען צו לעזען.

וועה איז אָבער צו דעם מענשען, וועמעס לע־בענס־בוך איז ניט אין אָרדנונג: מאַנכע פרקים פער־שמוצט און גאַנצע בלעטער פערשמירט מיט מעשים רעים.

געוועהנליך זיינען אין יעדען בוך די פּאָר בלעטער נעבען די טאָוולען, ביים אָנפאַנג בוך און ביים ענדע בלאַנק, ליידיג, עס איז אויף זיי גאָר ניט אָנגעשריע־בען. ריכטיג אַזוי איז מיט אונז מענשען, אונזערע ער־שטע קינדער־יאָהרען זיינען פאָדער־בלעטער, ליידיג, מיר האָבען גאָר ניט אויפגעטהאָן, און אַזוי איז ביי פיעלע בלאַנק די לעצטע בלעטער פון זייער לעבענס־בוך. גענוג גרויס איז דער מענש אַז זיין מיטען בוך איז גוט אויסגעפילט, עס איז ניט ליידיג און אויך ניט פערשמוצט.

אין אַלע ביאָגראַפיען פון דער וועלט'ס גרויסע מענשען, זיינען געוועהנליך נאָר די ערשטע צייט פון זייער לעבען דורכגעלאָזען, ווייל עס איז ניטאָ פון זיי וואָס צו שרייבען.

אָבער אַנדערש, גאָר אַנדערש איז מיט אונזער געטליכען געזעצגעבער משה רבנו. זיין ביאָגראַפיע,

זיין לעבענס־געשיכטע פאַנגט זיך אָן ניט נור פון אָנ־פאַנג, ניט אַפילו פון דעם ערשטען טאָוועל, נור די תורה פאַנגט אָן משה׳ס ביאָגראַפיע נאָך פאַר׳ן ערש־טען טאָוועל פון זיין לעבענסבוך, דאָס הייסט, איידער ער איז נאָך געבאָרען געוואָרען, נאָך פון דעם טאָג אין וועלכען זיינע עלטערען, עמרם און יוכבד, האָבען זיך פעראייניגט און געוואָרען מאַן און ווייב. און די תורה ענדיגט צו דערצעהלען פון משה׳ס לעבען מיט׳ן לעצטען טאָוועל — ביז זיין לעצטען אָטהעם־צוג און פיהרט איהם צו זיין געהיימניספאָלען קבר. זיין גאַנצעס לעבענס־בוך איז דורכאויס אָנגעפילט מיט בריליאַנטען ווי אַ קעניגליכע קרוין, עס איז ניטאָ קיין איין בלאַנק.

אין אונזער תורה איז ניטאָ קיין איין איבעריגע זילבע. יעדער בוכשטאַב איז געוואויגען און יעדעס וואָרט איז געמאָסטען, ווי קומט עס אַלזאָ, ווען די תורה פאַנגט אָן צו דערצעהלען משה׳ס ביאָגראַפיע, ערקלעהרט זי אונז מיט די ווערטער:

„וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי ותהר האשה ותלד בן״.

אין איבערזעצונג לויטעט עס אַזוי: „עס איז גע־גאַנגען אַ מאַן פון לוי׳ס פאַמיליע און האָט גענומען

לוי'ס טאָכטער, און די פרוי איז שוואַנגער געוואָרען און זי האָט געבוירען אַ זוהן".

וואָרום האָט אייגענטליך די תורה אַזוי פיעל גע־שריעבען וועגען דעם? וואָלט דען ניט גענוג געוועזען ווען מיר זאָלען וויסען אַז משה'ס פאָטער האָט גע־הייסען עמרם, און זיין מוטער — יוכבד? דאָס איז ווערטה צו בעטראַכטען און נעהנטער שטודירען.

ווען די תורה שילדערט דעם טויט פון דעם געט־ליכען מאַן, ערצעהלט זי אונז דערביי:

„ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה".

דאָס הייסט: קיינער האָט ניט געוואוסט וואו עס געפינט זיך זיין קבר ביז היינטיגען טאָג.

ניט ווילענדיג שטעלט זיך אונז די פראַגע, צו וואָס האָט עס אייגענטליך גאָט געמאַכט, אַז מען זאָל ניט וויסען דעם אָרט אין וועלכען עס רוהט דער קער־פער פון דעם היילינגען געטליכען מאַן? וואָלט ניט גע־ווען פיעל בעסער פאַר אונז אידען ווען מיר וואָלטען גראַדע יא געוואוסט דעם ריכטיגען אָרט וואו אונזער געטליכער רועה נאמן רוהט? מיר וואָלטען דאַן דעם היילינגען קבר עפטער געקענט בעזוכען, אויסגיסען אונ־זערע הערצער אויף די היילינגע ערד, און איהם מאַכען פאַר אַ קוריער פון אונז צום בורא.

די צוויי פראַגען וועגען משה'ס געבורט, און וועגען זיין קבר, קענען מיר פערשטעהען אונטער פאָל־גענדע ערקלעהרונג:

מען דאַרף נור נעהמען אין אַנבעטראַכט די היס־טאָרישע לעגענדע, וועלכע דערצעהלט אונז פון דער געבורט און פון דעם טויט פון דעם זאָגענאַנטען צוויי־טען געזעצגעבער, דער יונגער איסי פון דער שטעדטעל נצרת, אין וועלכענס נאָמען מענשען האָבען אויפגע־בויט די שטאַרקסטע רעליגיאָן אויף דער וועלט, די רעליגיאָן וועלכע האָט פערקערפערט גאָט אין אַ מענ־שען און אַ מענשען אין אַ גאָט, און טראָטץ איהר פאַ־בעלהאַפטען און לעגענדאַרישען פונדאַמענט, האָט זי אין פערלויף פון איהר עקזיסטענץ, ערוואָרבען אַ גע־וואַלדיגע צאָהל אנהענגער אויף דער וועלט: דער פינ־סטערער אבערגלויבען האָט בעזיעגט די ריינע פער־נונפט, און די פאָלגען זיינען היסטאָריש בעקאַנט.

דאָס יודענטהום אָבער, וועלכעס האָט צום ערש־טען פראָדוצירט די לעהרע פון מאָנאָטהעאיזמוס (אחדות הבורא), איז זעהר וייט געווען פון נאַרישע אונגלויבליכע לעגענדען, וועלכע פערקערפערען די גאָטהייט און פערגעטערען שטערבליכע מענשען, אום צו בעשאַפען אַ מין בריאה פון האַלב־גאָט און האַלב־מענש, אַ ילוד־אשה, וועלכער איז געשטאָרבען און לעבט אייביג. אזא מין באַשעפעניש קען דאָס יודענ־טהום ניט פראָדוצירען און קען דאָס אויך ניט דולדען.

אונזער הייליגע תורה, וועלכע האָט געוואָלט איינפלאַנצען אין אונז דעם ריינעם גלויבען אין איין

בורא, האט עס פאראויס געזעהען און בעזארגט, און אום אידען זאלען ניט פערגעטערען דעם הייליגען גע־זעצגעבער, אום מען זאל ניט גלויבען, אז ער איז גע־בארען געווארען אנדערש ווי אלע איבעריגע מענשען, דערצעהלט אונז די תורה מיט דייטליכע פערשטענדלי־כע ווערטער:

„וילך איש מבית לוי ויקח את בת לוי ותהר האשה ותלד בן”.

„עס איז געגאנגען א מאן פון לוי׳ס פאמיליע, און האט גענומען לוי׳ס טאכטער, און די פרוי איז שוואנגער געווארען און זי האט געבוירען א זוהן”.

דאס איז אפען און דייטליך ערקלעהרט, אז דער ערהאבענער אונפערגעסליכער לעהרער איז געבארען געווארען פון צוויי גלייכע מענשען אויף א גאנץ נא־טירליכען אופן.

און נאר ביי זיין לעבען איז ער געווען גרויס און הייליג ביי זיין נאציאן, קוים אבער האט ער ווי אלע שטערבליכע מענשען, געשלאסען זיינע אויגען אויף אייביג, האט זיין טויטער קערפער פערלארען יעדע הייליגקייט. און לויט דעם אידישען דין, איז א קליין שטיקעלע ביינדעלע, גרויס ווי א לינז (עצם כעדשה), מטמא במגע ומשא — דאס לעבעדיגע יודענטהום פערגעטערט ניט קיין טויטע.

— „ולא ידע איש את קבורתו” — ערקלעהרט

אונז די תורה, אום מען זאָל ניט פערגעטערען זיין קבר, ווי עס האָט פּאַסירט מיט די קברים פון אַנדערע גע־זעצגעבער, צוליעב וועלכע דער פינסטערער אבער־גלויבען האָט מקריב געווען אונצעהליגע אָפּפער. אָך, ווי שוידערהאַפט און גרויזאַם איז די געשיכטע פון דעם בעוואוסטען קבר, אין וועלכען די נאַרישע לעגענ־דע האָט בעגראָבען דעם מענש־גאָט, דעם פּעראוּר־טיילטען פון די רוימער, דעם סטאָליער׳ס זוהן פון׳ם שטעדטעל נצרת!...

גענוג איז צו דערמאָהנען דעם שרעקליכען היס־טאָרישען נאָמען „מסע הצלב״, די „קרייץ־ציגע״ פון דעם מיטעל־אַלטער, וועלכע האָבען פערגאָסען ימים מענשליכע בלוט. און מענשען־בלוט ווערט נאָך פער־גאָסען עד היום, ווען עס קומט דער אבערגלויבישער טאָג פון „תחית המת״ אין אונזער פסח־צייט. יע־דעם יאָהר ברעכט אויס אַ צוזאַמענשטויס פון די פער־שיעדענע רעליגיעזע קריסטליכע סעקטעס, יעדע פון זיי האָט פּרעטענזיעס, אַז זי איז די וואהרע גלויביגע, און נאָר זי האָט דאָס רעכט צו בעזוכען דעם „גאָט׳ס־גראָב״. יאָהר־יעהרליך קומען זיך צוזאַמען אין דיזען טאָג די דריי הויפּט־צווייגען פון דיזער גאָט־שטערב־ליכער רעליגיאָן : די רוימיש־קאַטוילישע, די גריכיש־וואַנגעלישע און די פּראָטעסטאַנטישע. דער העלישער פייער פון פאַנאַטיזמוס צינדט זיך אָן אין זייערע גיי־סטליכע, און עס ברעכט אויס אַ שרעקליכע בלוט־פער־

גיסונג ביים אריינגאַנג פון קבר, דאָס דער פעטער ישמעאל מוז שיקען זיינע מיליטער צו מאַכען אָרד־נונג.

גאָט ווייסט, וויפיעל בלוט ועט נאָך פערגאָסען ווערען צוליעב דיזען קבר!...

סנחריב, נבוכדנצר, נבוזראדן, אלכסנדר, הורדוס, טיטוס, נירון, גראַזני און נאַפּאָלעאָן מיט די פיעלע אַנדערע היסטאָרישע מלאכי־חבלה — אלע צוזאַמען האָבען ניט פערגאָסען אזוי פיעל מענשליכע בלוט ווי דער קבר פון זייער מענש־גאָט!

אום צו פערמיידען דיזען אומגליק, אום עס זאָל זיך ניט פערשפּרייטען אַ פינסטערער אַבערגלויבען, האָט די תורה אַבזיכטליך געשריבען, אַז משה'ס קבר איז ניט בעוואוסט, — דער אדון כל הנביאים איז נור היילינג אַלס מחוקק, אלס טרייער, גוטער הירט פון זיין פאָלק. ער איז אָבער געוועזן אַ שטערבליכער מענש ווי יעדער בשר־ודם, און מיט געשטאָרבענע האָט דאָס לעבעדיגע יודענטהום ניט צו טהאָן!...

* * *

אָ, ווי קליין, ווי נידעריג, ווי אונבעדייטענד ביזט דו, גרויסער באַרג סיני, געגען דעם גרויסען ערהאַבע־

נעם מאַן, וועלכער איז אויף דיר געשטאַנען! דיין באַ־
דען איז הייליג געוואָרען דורך די טריט פון דעם פאַ־
טער פון די נביאים — פון דעם הייליגען און טרייען
הירט פון זיין פאָלק, פון דעם גרעסטען גערעכטען גע־
זעצגעבער, פון דעם געטליכען מאַן משה בן
עמרם! — —

משפטים

די בעדייטונג פון פרייהייט לויט תורת משה אין פערגלייך מיט די רציחות, וואָס די אומות־העולם־„ציוויליזאציאָן" לערנט.

„כי תקנה עבד עברי, שש שנים יעבוד, ובשביעית יצא לחפשי חנם" (שמות כ"א).
„כל הקונה עבד עברי, כאלו קונה אדון לעצמו" (קדושין כ').

שרעקליך און טרויעריג איז די אָרמוט. אומגליקליך איז דער אָרימאַן, פינסטער איז זיין מזל, אָבער נאָך שרעקליכער און ביטערער איז די לאַגע פון דעם אָרימען ערפינדער, וועלכער האָט מיט זיינע גרויסע פעהיגקייטען ענדעקט אַ גרויסע ערפינדונג און נאָר ווייל ער איז אָרים האָט ער זי געמוזט איבערגעבען אין פרעמדע הענט, וועלכע זיינען גליקליך געוואָרען דורך דער ערפינדונג און וואַקסען פון טאָג צו טאָג. דער

עלענדער ערפינדער זעהט דאָן זיין גליק און רייכטהום ביי פרעמדע. בעטראַכטענדיג זיין אומגליקליכען שיק־זאַל, פערפינסטערט איהם זיין הארצוועהטאָג דאָס לעבען.

שרעקליך און גרויזאם זיינען די גייסטיגע שמער־צען פון דיזען עלענדען פעהיגען אָרימען ערפינדער!...

ווער איז דער ערשטער, וואָס האָט פּראָקלאַמירט פרייהייט פאַר דער גאַנצער וועלט? ווער איז דער יע־ניגער, וואָס האָט פּראָטעסטירט געגען שקלאַפעריי, און האָט געגעבען גלייכע רעכטע צו אַלע בירגער פון זיין לאַנד, אָהן אויסנאַהמע פון אייגענע אָדער פרעמ־דע? ווער איז דער פערפאַסער פון דעם הייליגען אויס־רוף, וואָס איז אויסגעקריצט אויף דעם „פרייהייטס־גלאָק" (ליבערטי־בעלל), וועלכער הייננט אין דעם היס־טאָרישען זאַל אין פילאַדעלפיא: „וקראתם דרור בארץ לכל יושביה"?

ווער איז ער, אויב ניט דער אַלטער אָרימער ער־פינדער, דער אוראַלטער פרייהייטס־קעמפּפער, ישראל סבא?!...

— און יעצט?

יעצט איז זיין לאַגע טרויעריג, זיין צושטאַנד ער־נידעריגט, צושפּרייט און צוזעעט איבער אַלע לענדער, איבער דעם גאַנצען ערד־באַלל; פערשקלאַפט איז ער און אונטערדריקט צווישען אַלע נאַציאָנען; ער איז

געשלאָגען און געפייניגט פון אַלע נידעריגע ברואים, פערהאַסט און פעריאָגט — פון ווילדע באַרבאַרען; זיינע אויגען זעהען ווי זיינע שונאים בענוצען זיך מיט זיין ערפינדונג; זיינע אויערען הערען זיין לעהרע פון פרעמדע מיילער און ער זעלבסט ווערט געטראָמ־פעלט אָהן רחמנות אונטער די פיס פון ווילדע חיות אין מענשען־געשטאַלט.

„העבד ישראל אם יליד בית הוא? מדוע היה לבז?!".

„איז ער דען אַ שקלאַף ישראל אָדער אַ פרעמד־לינג? וואָרום איז ער צו שאַנד איבעראַל?".

דיזע טרויעריגע ווערטער האָט אויסגעשריען מיט טויזענדער יאָהר צוריק איינער פון ישראל׳ס בעסטע קינדער, דער פּראָפעט און כהן ירמיה, ווען ער האָט בייגעוואָהנט דאָס טרויעריגע בילד, אַז דאָס ליכט, וואָס האָט בעלויכטען די וועלט, איז פינסטער גע־וואָרען.

די גריכען, וועלכע זיינען גערעכענט אין דער וועלט־געשיכטע אַלס די ציוויליזירטעסטע און די קול־טורעלסטע פון אַלע אַלטע נאַציאָנען, האָבען געפּיי־ניגט און געשטראָפט זייערע קנעכט און דיענער מיט שרעקליכע אונבעשרייבליכע ענויים און יסורים. פּלאַ־טאָן און אַריסטאָטעלעס, זייערע גרויסע פילאָזאָפען, האָבען מסכים געווען צו די מעשים תעתועים.

די רוימער האָבען געהאַט דאָס גרעסטע פער־געניגען צו געהן אויף מענשען־יאַגד אַזוי ווי אויף חיות: זיי האָבען די געפאַנגענע פערשקלאַפט אויף אייביג.

טיטוס „די קרוין פון דער מענשהייט" און דער מלאך־המות פון יהודה, האָט אויך געקליעבען נחת און פערגעניגען פון דעם ווילדען מערדערישען מענשען־יאַגד. זייערע נאָבעלע אדעל־לייט האָבען זיך לוסטיג געמאַכט איבער די אומגליקליכע שקלאַפען, אָוועק־געבענדיג זיי לעבעדיגערהייט צו ווילדע בעסטיעס, צו קראָקאָדילען, וועלכע פלעגען זיי אויפפרעסען לעבע־דיגערהייט. דער רוימער, ווען ער האָט בעגאַנגען אַ פערברעכען און ער האָט מורא געהאַט, אַז זיין שקלאַף זאָל ניט דערצעהלען וועגען דעם פערברעכען די ריכ־טער, פלעגט ער גלייך געפינען אַ מיטעל זיך צו פער־זיכערען און גאָר פשוט — ער פלעגט דעם שקלאַף אויסשניידען די צונג!... דער רוימער פלעגט שוין דאַן זיין זיכער, דאָס דער שקלאַף וועט שוין ניט ארויסגעבען זיין געהיימנים; ער האָט זיך גאַנץ פיין בערוהיגט, פערזיכערט, אום צו קענען זינדיגען אויף'ן נייעם חשבון...

די אַלטע שקלאַפען, וועלכע האָבען מעהר קיין קרעפטען ניט געהאַט צו אַרבייטען, האָבען די רוימישע אדעל־לייט ניט געלאָזען שטאַרבען מיט אַ נאַטירליכען

טויט, נור מען פלעגט זיי אריינוואַרפען אין טיער־גאָרטענס, וואו די לייבען מיט די לעאָפּאַרדען פלעגען זיי צורייסען, און צוקנאַקען זייערע אַלטע ביינער. — דאָס איז אויך געווען אַ רוימישע פּערוויילונג... די אַריסטאָקראַטישע מטרנות פון רוים, ווען זיי האָבען געוואָרפען אַן אומ'חן אויף אַ שקלאַף, פלעגען זיי קריי־ציגען די עלענדע: די הענט צושפּרייט, די פיס צו־זאַמענגעלייגט און צוגעשלאָגען לעבעדיגערהייט מיט לאַנגע נעגעל צו אַ קרייץ. און מיט גרויס פערגעניגען פלעגען די רוימער צוקוקען, ווי די אומגליקליכע צאַפּ־לען זיך, ווי זיי פלעגען די נשמות אויסהויכען.

יעצט לאָמיר מאַכען אַ פערגלייך ווי אונזער תורה בעהאַנדעלט די שקלאַפען:

„וכי יכה איש את עבדו, או את אמתו בשבט ומת תחת ידו נקם ינקם".

„ווען איינער וועט שלאָגען זיין קנעכט אָדער זיין דיענסט, און ער אָדער זי וועט שטאַרבען אונטער זיין האַנד, מוז מען זיך מיט איהם אָברעכענען".

קומט דער תלמוד און ערקלעהרט דייטליכער דאָס וואָרט „נקם". — דאָס הייסט „בחרב נוקמת", דאָס מיינט „בסיף" — טויטען מיט אַ שווערד.

„כי יכה איש את עין עבדו או את עין אמתו ושחתה — לחפשי ישלחנו תחת עינו, ואם שן עבדו או שן אמתו יפיל — לחפשי ישלחנו תחת שנו".

„ווען איינער וועט אויסשלאָגען אַן אויג פון זיין קנעכט אָדער פון זיין דיענסט און ער וועט עס פער־דאַרבען — מוז ער איהם פריי אַרויסלאָזען. דאָס זעל־בע איז אויך מיט אַ צאָהן".

„שש שנים יעבוד, שומע אני כל עבודה במשמע ? ת"ל לא תעבוד בו עבודת עבד, מכאן אמרו: לא ירחץ לו רגליו ולא ינעול לו סנדליו, וכל הקונה עבד עברי כאלו קונה אדון לעצמו" (ילקוט שי"א).

„זעקס יאָהר זאָל ער דיענען". וואָלטען מיר מיי־נען, אַז ער ברויכט צו טהאָן אַלע סאָרט אַרבייט, האָט אונז די תורה אָנגעזאָגט: דו זאָלסט איהם ניט לאָזען אַרבייטען שקלאַפען־אַרבייט. דאָס מיינט, ער זאָל איהם ניט וואַשען די פיס, ער זאָל איהם ניט אָנטהאָן די שיך און נאָך אַזעלכע נידעריגע אַרבייט, ווייל ווער עס קויפט אַ אידישען קנעכט איז גלייך ווי ער קויפט אַ האַר אויף זיך".

לויט דעם אידישען דין האָט דער שקלאַף געהאַט דאָס רעכט צו בעפרייען זיך פון זיין לאַגע, ווען ער האָט נור געהאַט מוטה צו ענטלויפען פון זיין האַר. קיינער האָט איהם ניט געקענט פערהאַלטען און אי־בערגעבען צוריק צו זיין האַר, ווייל די תורה האָט דאָס שטרענג פערבאָטען:

„לא תסגיר עבד אל אדוניו אשר ינצל אליך מעם אדוניו, עמך ישב בקרבך במקום אשר יבחר באחד שעריך בטוב לו לא תוננו" (דברים כ"ג).

„דו זאָלסט ניט איבערגעבען אַ קנעכט צו זיין האַר, ווען ער וועט אַנטלויפען פון איהם. מיט דיר זאָל ער זיצען צוזאַמען אין דעם אָרט, אין וועלכען ער וועט זיך אויסוועהלען אין איינע פון דיינע שטעדט וואו עס וועט איהם געפעלען; דו זאָלסט איהם ניט נאַרען״.

די גריכען און די רוימער האָבען ניט געגעבען קיינע רעכטע די פרעמדע איינוואָהנער אין זייער לאַנד און האָבען זיי גערופען מיט דעם נאָמען באַרבאַרען. אין ציצעראָ׳ס צייט האָבען זייערע געזעצגעבער גע־וואָלט אַרויסטרייבען אַלע פרעמדע פון זייער לאַנד. אין אונזער תורה שטעהט אָבער געשריבען:

„וגר לא תונה ולא תלחצנו, כי גרים הייתם בארץ מצרים״ — „און אַ פרעמדען זאָלסט דו ניט נאַרען און ניט דריקען, ווייל איהר אַליין זייט געווען פרעמדע אין מצרים״.

פלאַטאָן, דער גרויסער גריכישער פילאָזאָף אין זיין בעריהמטען בוך „רעפובליק״ לייגט פאָר אַ פּלאַן דער רעגיערונג, אז זי זאָל אַרויסטרייבען אַלע אָרימע לייט — „אום זי זאָל רייניגען דאָס לאַנד פון דיזע חיות (ענימעלס)״. און אויב דער אָרימאַן ווערט קראַנק, לערנט דער גריכישער פילאָזאָף, זאָל די רע־גיערונג איהם לאָזען שטאַרבען און איהם ניט היילען.

און אונזער תורה לערנט אונז, אז די הויפּט־פּרינ־ציפּען פון יודענטהום איז צו העלפען די אָרימע, צו

שטיצען זיי און מיט אלע מעגליכקייטען פערבעסערען זייער לאגע. דאס אלעס, לערנט די תורה, איז ניט קיין חסד, נור א חוב, א פליכט אויף יעדען אידען.

שוין באלד 4 טויזענד יאהר, אז מיר האלטען אין איין לערנען די גאנצע וועלט די טהעאריע פון פריי־הייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט. —

— און מיר אליין ?

מיר זיינען פרעמדע און שקלאפען צוזאמען; מיר ווערען געטריבען אהן רחמנות פון איין לאנד אין דעם צווייטען.

ווי ריכטיג האט זיך דער גרויסער אידיש־דייטשער שריפטשטעלער בערנע אויסגעדריקט אין א ביי־סענדער סאטירע: „צום ווייניגסטען גיט אונז דאס רעכט פון די הינט מיט די קעץ צו אטהעמען לופט איבעראל און צו נעכטיגען וואו מיר ווילען!" — די טיערע (ענימעלס) האבען מעהרער רעכט פון אונז אין די זאגענאנטע ציוויליזירטע לענדער.

אלכסנדר דער צווייטער, דער בעסטער מא־נארך פון רוסלאנד, דער איינציגער גוטער מענש פון דער פאמיליע ראמאנאוו האט בעפרייט זיינע דריי־צעהן מיליאן שקלאפען (פאנשציזניקעס) פון די באר־בארישע פריצים אין 1862, און דער אונשטערבליכער פרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען אברהם

לינקאָלן האָט בעפרייט די שוואַרצע שקלאַפען אין 1863, אָבער דער אידישער פּראָפעט ירמיהו האָט פער־זאָגט נאָך מיט צוויי טויזענד יאָהר בעפאָר: „לשלח איש את עבדו ואיש את שפחתו העברי והעבריה חפשים לבלתי עבד בם ביהודי אחיהו איש", דאָס הייסט: „יעדער פון אייך זאָל בעפרייען זיין קנעכט אָדער זיין דיענסט, און עס זאָל זיך ניט דערוועגען קיין איד צו פערשקלאַפען זיין ברודער".

אָה, באַרבאַרען פון דעם צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט, רעספּעקט פאַר דער סדרה משפטים!...

רעספּעקט פאַר דעם אָרימען ערפינדער פון פריי־הייט!...

תרומה

די בעדייטונג פון שבת, פון דעם אידען׳ס נשמה יתרה, און ווי דאָס איז געשטערט געוואָרען אין דעם אידען׳ס לעבען פון דער נייער וועלט.

„ועשו לי מקדש — זה השבת; ושכנתי בתוכם— זו היא הנשמה היתרה״.

„תניא: ר׳ יוסי ב״ר יהודה אומר: שני מלאכי השרת מלוין לו לאדם בערב שבת מבית הכנסת לביתו: אחד טוב ואחד רע; וכשבא לביתו ומצא נר דלוק, שלחן ערוך ומטתו מוצעת, מלאך טוב אומר: יהי רצון שתהיה לשבת אחרת כך, ומלאך רע עונה אמן בעל כרחו, ואם לא — מלאך רע אומר: יהי רצון שתהא לשבת אחרת כך, ומלאך טוב עונה אמן בעל כרחו״ (שבת כל כתבי).

אַן ערהאַבענעם פאַנטאַסטיש בילד שטעלט אונז פאַר דער תנא ר׳ יוסי אין דער מסכתא שבת. מיר זע־

הען, ווי ער האָט איינגעפּאַסט די הייליגקייט פון דעם ערהאַבענעם טאָג שבת אין דעם גליק און זעגען, וואָס דער שבת האָט געבראַכט דעם אידישען פאָלק און האָט איהם אַריינגעגעבען הימלישע קרעפטען צו אויפהאַל־טען זיין עקזיסטענץ אין די אומגליקליכע, ביטערע צייטען; ער האָט געגעבען מוטה און כח דעם אידישען פאָלק צו בעקעמפּפען זיינע שונאים אין אַלע צייטען און אין אַלע לענדער.

ר׳ יוסי זאָגט נעמליך אַזוי:

„צוויי מלאכים בעגלייטען דעם אידען יעדען פרייטאָג אבענד פון שוהל ביז זיין הויז: איינער — אַ גוטער מלאך און דער צווייטער — אַ שלעכטער. און אַז דער איד קומט צו זיך אין הויז און געפינט די ליכט ברענען, דער טיש געגרייט, און זיין בעט אין אָרדנונג, זאָגט דער גוטער מלאך: „גאָט זאָל געבען, אַז איבער־אַכט־טאָג־שבת זאָל אויך זיין אַזוי״ און דער שלעכטער מלאך מוז ניט־ווילענדיג ענטפערען: „אָמן״. אָבער אויב דער איד טרעפט ניט דאָס אַלעס אין זיין הויז, זאָגט דער שלעכטער מלאך: „גאָט זאָל געבען אַז איבער־אַכט־טאָג־שבת זאָל אויך זיין אַזוי״. און ניט־ווילענדיג מוז דער גוטער מלאך ענטפערען: „אָמן״.

די ליכט, דער טיש און זיין בעט (בעאָבאַכטעט דאָס וואָרט „ומטתו״: עס שטעהט ניט נרו, שלחנו, נאָר „ומטתו״) זיינען די דריי געגענשטענדע, די מעכ־

טיגע און שטאַרקע זיילען, וואָס האַלטען־אויף די גאַנ־
צע געביידע פון יודענטהום; די ליכט — תורה, דער
טיש — כשרות, און דאָס בעט —טהרת המשפחה,
דאָס ריינע אידישע פאַמיליען־לעבען. דיזע דריי זאַכען
האָבען אויפגעהאַלטען דעם אידען אין אַלע צייטען און
האַלטען איהם אויך יעצט צוגעבונדען צו זיין רעליגיאָן
און זיינע הייליגע קבלות.

דער נאַציאָנאַלער גייסט, די וואונדערבאַרע פע־
הינקייטען, די גוטע זיטען, מיטלייד און ערבאַרעמקייט
אויף די אונגליקליכע, דאָס כשר'ע ריינע און נאָבעלע
פאַמיליען־לעבען — די אַלע בריליאַנטען זיינען איינ־
געפאַסט אין דעם שבת. א הייליגער צויבער ליגט אין
דיזען וואָרט; עס בעצויבערט דעם אָרימען אידען, עס
פערוואַנדעלט איהם אין אַ פירסט, זיין אומגליקליכע
ליידענדע פרוי — אין אַ פירסטין, זייערע אָרימע
שוואַכע קינדערלאַך — אין פרינצעלאַך; זיי ווערען
אַלע ניי־געבאָרען; נייע, שפּאָגעל־נייע נשמות בע־
לעבען און ערמונטערען זייערע קראַנקע און פערמאַ־
טערטע קערפּערס. זייערע קליינע שולכעלאַך און
מנינים ווערען פערוואַנדעלט אין טעמפּלען. אַ הייליך
געם ליכט בעלייכט זיי; מיט ערהאַבענע הימלישע גע־
פיהלען זינגען זיי דעם „לכו נרננה", מיט בעגייסטע־
רונג דעקלאַמירען זיי דעם „לכה דודי" און מיט
פרעהליכע הערצער געהען זיי בעגריסען מיט דעם אַל־

טען הייליגען גרוס: „גוט־שבת!" זייערע פאמיליעס, וועלכע ערווארטען זיי מיט אונגעדולד. — — —

און דער תנא ר' יוסי מיט זיין רייכער פאנטאזיע בעגלייט דעם אידען פון שול מיט צוויי מלאכים. ער ווענדעט זיך צו זיי, צו די מלאכים פון מנוחה פון שמחה און צופריעדענהייט מיט א „שלום עליכם, מלאכי השלום!"; ער זאגט דעם „שלום עליכם" מיט א מונטערע שטימע, ער בעגריסט זיי און בעט זיי — „ברכוני לשלום", זיי זאלען איהם בענשען איידער זיי שיידען זיך מיט איהם, און נאכהער ווענדעט זיך דער שבת־פירסט צו דער שבת־פירסטין מיט דעם בריליאנטענעם „אשת חיל", וואס דער דיכטער, קעניג שלמה, האט געווידמעט צו זיין מוטער בת־שבע. אה! וויפיעל הייליגקייט, ליעבע, רייכע און ערהאבענע געפיהלען ליגען אין דיזען פראכטפאלען שיר „אשת חיל מי ימצא"! נאכהער פאנגט זיך ערשט אן דער פירסטליכער ערשטער מאהלצייט! אין א ריינעם פערגאלדעטען זילבערנעם בעכער גיסט ער אן דעם ריינעם וויין מאכט דעם שבת'דיגען קידוש, צוטהיילט דעם וויין פיר זיך זעלבסט, פיר דער פירסטין, פיר די קליינע פרינצעלאך.

גאר עפעס א בעזונדערער געשמאק איז אין די שבת'דיגע מאכלים: אנדערש שמעקען די פיש, פראכטפאל איז די לאקשען־זופ, דער טעם פון גן־עדן

איז אין דעם צימעס. די פאמיליע .עסט צוזאמען מיט אפעטיט, זייערע הערצער זיינען פרעהליך, די אויגען גלאנצען מיט דעם היילינגען גלאנץ פון ליעבע, און דאס גאנצע הויז איז אנגעפילט מיט רוה, פרייד און וואהרע גליקזעליגקייט אויף אזוי ווייט, אז דער מלאך רע, דער שלעכטער מלאך פון קנאה, שנאה, קאפריז און ניט־פערגינען, זאגאר דיזער ביטערער, גרויזאמער מלאך, וועלכער פערפינסטערט דעם מענשען׳ס לעבען, מוז אויך אנשוויגען ווערען און מוז ניט־ווילענדיג ענט־פערען „אמן״ אויף דעם גוטען מלאך׳ס „יהי רצון״.— גליקליך איז דער שבת־פירסט, דער וואהרער שומר־שבת, וועלכער גיט אב א זיעבעטע טהייל פון זיין לע־בען פיר זיין נשמה, פיר זיין תורה, פיר זיין גייסט און אידעאל. און יעדען שבת, ווען ער קומט אהיים און גע־פינט די ליכט ברענען, דער טיש געגרייט און זיין בעט אין ארדנונג, ווינשען איהם די גוטע מלאכים ער זאל דעם צווייטען שבת אויך אזוי פייערען. זיי גיבען איהם קרעפטען• צו ארבייטען די קומענדע זעקס וואָ־כעדיגע טעג. און אזוי לעבט ער אב זיין לעבען גליק־ליך און צופריעדען. — — —

אומגליקליך איז אבער דער יעניגער, וואס ברעכט נור איין מאל זיין שבת: די ליכט — ניט אנגעצונדען, דער טיש — ניט געגרייט, זיין בעט — ניט אין ארד־נונג; עס ווערט צושטערט זיין פאמיליען־לעבען, די נשמה יתרה שטארבט אפ; קיין רוהע, קיין פריעדען,

קיין פרייד — דער שלעכטער מלאך אדער די שדים ומחבלים פון צאנקעריי, אונצופריעדענהייט, האס און אייפערזוכט רואינירען איהם. זיי ווינשען איהם ער זאל איבער אכט־טאג דעם שבת אויך קיין בעסערען ניט האבען. און די גוטע מלאכים מוזען ניט־ווילענדיג ענט־פערען „אמן", ווייל אזוי שנעל ווי ער ברעכט נור אפ איינמאל די הייליגקייט פון שבת, איז שוין אלעס פער־לארען: דאס ליכט פון יודענטהום ווערט פערלאשען אין גאנצען.

ביי אונז אין ניו־יארק האט די פרינצעסין־שבת, ליידער, פערלארען איהר חן; ניטא די אמת'ע בעגייס־טערונג, ניטא די אמת'ע הייליגקייט אפילו ביי די זאג־גענאנטע פרומע, ארטאדאקסישע אידען; ניטא די נשמה יתרה, ניטא דאס געטליכע, פאטריארכאלישע פערגעניגען פון דעם פרייטאג־צו־נאכט. די שוהל, דער פרעזידענט מיט זיינע טראסטיעס, די חזנים מיט די „לכה־דודי'ס", דער שנדר'ן מיט די עליות, דאס איז אלעס טרוקענע איבערגעפוילטע נאכמאכונגען, „אימיטיישענס", וואס שמעקען בלויז מיט אמעריקא־נער ביזנעס.

ווי איבעראשט בין איך געווארען דעם ערשטען פרייטאג־צו־נאכט, ווען איך בין געקומען אין ניו־יארק און איך בין געגאנגען דאווענען אין איינע פון די היגע גרויסע שוהלען. דער חזן האט געזונגען „ושמרו בני

ישראל את השבת" מיט אַ גרויסען כּאָהר, און ביי דעם אַריינגאַנג זיינען געשטאַנען אַ מחנה קליינע קינ־דער און האָבען פערקויפט צייטונגען. די קינדערלאַך אָבגעריסענע, באָרפיסע, ציטערען פון קעלט און שריי־ען מיט קולות: „צוויי צייטונגען פאַר איין סענט!"— דער „טאָג" און דער „אבענד" פיר איין פעני!... און די אַריינגעהער, און די אַרויסגעהער קויפען די בלעטער מיט גרוים פליים. פון שוהל קלינגט אָפּ דעם חזן'ס הויכע און מעכטיגע שטימע, און דער כּאָהר ענטפערט נאָך איהם: „כי ששת ימים עשה ד' את השמים ואת הארץ וביום השביעי שבת וינפש"!

שבת־פריה, נאָך דעם „דאַוונען", בין איך געגאַנ־גען פון שוהל אין ברום קאָרנער נאָרפאָלק סטריט פער־ביי אַ סאָדאַ־וואַסער סטענד. אַן אַלטער איד איז גע־זעסען ביים סטענד; אויף זיין געזיכט איז נאָך געלע־גען דער היימישער פרומער מאָן; אין זיינע קנייטשען אויפ'ן שטערן האָבען נאָך דורכגעשיינט די תלמודישע ערקלעהרונגען און פּלפּולים, אין וועלכע ער האָט זיין גאַנצען לעבען פערבראַכט. ער זיצט אומעטיג, האַלט איין חומש און איז מעביר די סדרה „שנים מקרא ואחד תרגום" און זינגט־צו שטילערהייט מיט'ן טראָפּ דעם פסוק: „ששת ימים תעשה מלאכה ויום השביעי שבת לה' אלהיך!" — „מיט לעמאָן?" „מיט סטראָבע־ריס?" — פרעגט דער אַלטער איינעם, וואָס איז צו־געגאַנגען צו דעם סטענד קויפען אַ גלאָז וואַסער...

אין מיין ערשטער וואָהנונג אין ניו־יאָרק האָט געוואָהנט אַן אַלטער פרומער איד. ער אַליין האָט שוין גאָר נישט געטהאָן, זיינע קינדער האָבען געאַרבייט און האָבען איהם ערנעהרט. שבת פריה איז ער אויפ־געשטאַנען, האָט מעביר געווען די סדרה און געלערענט אַ פּרק משניות. און ווען דער זייגער האָט באַלד גע־שלאָגען „זעקס", איז ער אַריינגעגאַנגען אין שלאָף־צימער און האָט אויפגעוועקט די קינדער צו דער אַר־בייט:

„סעמי, טשאַלי, דזשעני, מיימי! שטעהט אויף, עס איז שוין ניט פריה, עס איז צייט געהן צו דער אַר־בייט, עס הערט זיך באַלד דער וויסעל! עס הערט זיך באַלד דער וויסעל! שטעהט אויף, קינדער! איך געה אין שוהל אַריין!".

טרויעריג, די הייליגע רוה פון שבת איז פערניכ־טעט געוואָרען און מיט איהר איז אויך אונזער לע־בענס־רוה פערשטערט געוואָרען. אויף זייער אָרט האָ־בען מיר דערפאַר בעקומען אומרוהיגקייט, קומער, זאָרג און טומעל.

„לא שלותי ולא שקטתי ולא נחתי ויבא רגז!".

תצוה

„ואתה תצוה את בני ישראל ויקחו אליך שמן זית זך כ ת י ת ל מ א ו ר להעלות נר תמיד — חקת עולם לדרותם מאת בני ישראל" (שמות כ"ז).

„שמן זית זך כ ת י ת ל מ א ו ר: זית רענן יפה פרי תואר קרא ד' שמך, מה הזית הזה עד שהוא באילנו, מגרגרין אותו, ואחר כך מורידין אותו מן הזית ונחבט; ומשחובטין אותו מעלין אותו לגת, ונותנין אותן במטחן ואחר כך טוחנין אותן, ואחר כך מקיפים אותם בחבלים ומביאין אבנים ואחר כך נותנין את שמנו, כך ישראל, באין אומות העולם וחובטין אותן מ מ ק ו ם ל מ ק ו ם וחובשים אותם וכופתים אותם בקילורין ומקיפים אותם טרטיוכלין, ואחר כך עושים תשובה והקב"ה עונה להם".

(רבה תצוה).

א לאָגישען פּאָעטישען פּאַראַלעל ציהט דער מדרש צווישען ישראל און די אוילבערטען (מאַסלי־נעס).

„גרינער אוילבערט־בוים, וואָס איז פול מיט

שעהנע אוילבערטען, האט גאט דיך אנגערופען" — האט ירמיה הנביא געזאגט.

„פונקט ווי מען בעגעהט זיך מיט דעם אוילבערט בעגעהט מען זיך אויך מיט דיר" — זאגט דער מדרש — „אזוי ווי די אוילבערטען, ווען זיי זיינען נאך אויף דעם בוים, נעהמט מען זיי ארונטער און מען פרעסט זיי, נאכהער נעהמט מען זיי אין קעלטער און מען בינט זיי ארום מיט שטריק און מען ליגט אן גרויסע שטיינער אויף זיי, דאן גיבען זיי ארוים דעם בוימאייל, אזוי איז מיט די אידען צווישען אלע נאציאנען: מען יאגט זיי פון איין ארט צום צווייטען, מען בינט זיי מיט שטריק, מען שמידט זיי אין קייטען, מען פרעסט זיי מיט פערשיעדענע דריקונגען, נאכהער צייגען זיי זייער קראפט און רופען צו גאט און ער ענטפערט זיי"...

און ווי ריכטיג און ערהאבען איז דיזער פאראלעל, אזוי ווי דער אוילבערט גיט ניט ארוים זיין בוימאייל נור ווען מען דריקט איהם — דאס הייסט, ווען „כתית" דאן איז „למאור", אזוי איז מיט די אידען— ווען זיי ווערען געדריקט און געשטויסען, דאן לייכטען זיי מיט זייער הערליכער געטליכער פראכט און גלאנץ.

און מיט דעם „כתית", מיט דעם דריקען און שטויסען איז פערנומען אונזער גאנצע געשיכטע זייט מיר זיינען געווארען א נאציאן ביז צום היינטיגען טאג.

ווען מיר עפענען אונזער תנ"ך און מיר לעזען אונזער געשיכטע פון אנפאנג אז נאך אין דער פעריאָ־דע, ווען מיר זיינען געווען א פרייע רעפובליק אין דער „תקופת השופטים", זעהען מיר די גאַנצע צייט די צוויי פסוקים:

דער ערשטער פסוק לויטעט: „ויעשו בני ישראל הרע בעיני ד' ויתנם בידי כושן רשעתים", דאָס איז „כתית".

דער צווייטער זאָגט אזוי: „ויצעקו בני ישראל לד', וישלח להם מושיע ושופט", דאָס איז „למאור".

„און די אידען האָבען געטהאָן שלעכטעס אין די אויגען פון גאָט, האָט ער זיי איבערגעגעבען אין כושן רשעתים'ס הענד זיי זאָלען די אידען מאַטערן, פּלאָגען און דריקען (כתית). און די אידען האָבען געשריען צו גאָט, האָט ער זיי געשיקט א העלפער און א ריכטער, וועלכער האָט זיי געהאָלפען און בעלויכטען זייער פינסטערניש (למאור)".

און אזוי געהען דיזע צוויי פסוקים אין דער גאַנ־צער געשיכטע שוין טויזענדער יאָהרען און אזוי ביי־טען זיי זיך כסדר: פריהער קומט כתית און נאכהער — למאור. מיר ברויכען נור איבערבייטען די נעמען פון דעם אונטערדריקער און דעם העלפער, דעם פערפינסטערער און דעם בעלייכטער — אָבער אלץ נאָר דער זעלבער „כתית" און דער זעלבער „למאור".

אַנשטאַט כושן רשעתים מוזען מיר אריינשטעלען מדין, עמלק, פלשתים, אשור, בבל, פרס און רומא, רומיניא — די אַלע נאַציאָנען האָבען אונז געמאַכט דעם פיער־טויזענד־יאָהריגען כתית.

אַנשטאַט עתניאל בן קנז דער ערשטער אידישער ריכטער און העלפער מוזען מיר כסדר בייטען די נעמען: אהוד, דבורה, גדעון, שאול, דוד, יחזקיהו, זרובבל, יהודה המכבי, בר־כוכבא, אברבנאל, מנשה בן ישראל, מאָנטעפיאָרע, קרעמיע, הערצעל און נאָרדוי — אַט דיזע אַלע אידישע העלדען האָבען געמאַכט אונזער היסטאָרישען „למאור". „להעלות נר תמיד": זיי זיינען ערשיענען אין פערשיעדענע צייטען, בעלויכטען אונזערע אויגען און האָבען אונז אריינגעגעבען נייעם כח, פרישע ענערגיע און מוטה צו קעמפפען און בעקעמפפען אין גאַנצען דעם שרעקליכען כתית, ביז דער ריינער בוימאייל וועט ערשיינען פאַר דער גאַנצער וועלט.

און דער תלמוד לערנט אונז ווייטער מיט דיזע ווערטער:

„ישראל נמשל לזית, כי כל המשקין מתערבים זה עם זה, השמן אינו מתערב אלא עומד עליו; כל ישראל אינם מתערבים עם אומות העולם, שנאמר: „לא תתחתן בם".

ישראל ווערט געגליכען צו דעם בוימאייל: אַלע געטרענקע קענען מיר אויפמישען איינעם מיט דעם

אנדערען, אָבער דער בוימאייל מישט זיך ניט אויף מיט קיין געטראַנק, ער בלייבט פון אויבען. — אזוי זיינען די אידען: זיי מישען זיך ניט אויף מיט קיין אַנדער נאַציאָן, ווייל עס איז זיי פערבאָטען געוואָרען זיך מתחתן צו זיין מיט די אומות־העולם.

אָה, פיעל זיינען געווען די לייט, וואָס האָבען זיך בעמיהט אויפמישען אָדער אסימילירען דעם אידען מיט אַנדערע פעלקער. זיי האָבען ווירקליך גערעכענט, אַז מיט דער מיתת נשיקה, דורך אַסימילאַציאָן, וועלען זיי אויסלייזען דעם אַלטען אומגליקליכען וואַנדערער פון אַלע זיינע שמערצען און ליידען; זיי האָבען גע־רעכענט, אַז עס איז פיעל בעסער פיר דעם אידען צו שטאַרבען אַ רוהיגען טויט ווי לעבען אַ געפּלאַגטען לעבען אַלס וואַנדערער אין נויט, מאַנגעל, הונגער און שאַנדע. אַלע מיטלען האָבען זיי אַנגעווענדעט אויסצו־פיהרען זייער געדאַנק, אָבער עס האָט זיי ניט געהאָל־פען. אזוי ווי דער בוימאייל קען זיך ניט אויפמישען מיט קיין אַנדער געטראַנק, אזוי קענען זיך די אידען ניט אַסימילירען מיט אַן אַנדער פאָלק: ווי עס קומט נור די תקופה פון „כתית”, פון אונטערדריקונג און צוואַנג, אזוי שיינט ארוים ווייטער אַ נייער „למאור”. דער נאַציאָנאַלער גייסט ווערט אויפגעלעבט פון דאָס ניי, דאָס יודענטהום ווערט פערשטאַרקט מיט פרישע קרעפטען. די טרוקענע ביינער זאַמלען זיך אויף און ווערען פערוואַנדעלט אין סקעלעטען, נייע מוסקולען

מיט נערוועז ווערען אויף די סקעלעטען אנגעצויגען, נייע הויט בעציהט די קערפערס, און א לעבעדיגער גייסט בעלעבט זיי און שטעלט זיי ווידער אוועק אויף די פיס!

מיט אונזערע אויגען האבען מיר, רוסישע אידען, געזעהען און דורכגעלעבט די פערשיעדענע עפאכען:

אין אלעקסאנדער דעם צווייטענס צייט האבען אונזערע אסימילאטארען געארבייט גאנץ פלייסיג. זיי האבען מיט אלע קרעפטען, מיט פיזישע און מאראלי־שע „אברוסירט״ דעם יונגען דור, זיי האבען אנגע־נומען די רוסישע זיטען, די רוסישע מאניערען און אלע זייערע מנהגים אין לעבען; זיי האבען דעם נאמען איד פערלייקענט, די אידישקייט פערווארפען, די הייליגע שפראך פערגעסען און האבען געמיינט, אז דא איז שוין די ענדע.

אבער ווי ענטוישט איז די חברה געווארען, ווען אלעקסאנדער דער דריטער איז ארויף אויף׳ן רוסישען טהראן און דער שרעקליכער „כתית״, די פאגראמען פון 1882 האבען זיך אנגעפאנגען. דאן זיינען זיי ווי צומישט געווארען, און עס איז באלד ערשיענען א נייער „למאור״ אין דעם אידישען לאגער. דאס הייליגע נאציאנאלע געפיהל האט זיך ערוועקט מיט א געט־ליכער קראפט אין די הערצער פון דער אידישער יו־גענד — און פרומע און פרייע, רבנים און דאקטוירים, דיינים און יוריסטען, ישיבה־לייט און סטודענטען הא־

בען צוזאַמען אויפגעהויבען די ציוניסטישע פאָהן מיט א הייליגען ענטהוזיאַזמוס!

דר. פינסקער מיט רבי שמואל מאָהליווער זיינען די גרינדער פון דער ערשטער קאַטאָוויצער אסיפה פון די „חובבי ציון”; די חארקאָווער סטודענטען האָבען פערלאָזען די אוניווערזיטעט און א גאַנצע מחנה האָבען אויף זייערע הענט אָנגעטהאָן רינגען, אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגעקריצט די בוכשטאַבען „ב. י. ל. ו.”, דאָס מיינט: „בית יעקב לכו ונלכה!”: — „יעקב'ס קינדער! קומט, לאָמיר געהן!”, און זיי זיינען אוועקגעגאַנגען, צוריק צו זייער מוטער „ציון”, דאָרט דאָס הייליגע לאַנד צו בעאַרבייטען. דיזע געבילדעטע יונגע פיאָנירען זיינען עס די גרינדער פון דער בעריהמטער קאָלאָניע גדרה אין ארץ ישראל!

אָט אזוי איז נאָך דעם „1882-טען” רוסישען „כתית” געבאָרען געוואָרען דער ערהאבענער ציוניסטישער „למאור” און האָט בעלויכטען די גאַנצע אידישע נאַציאָן. דער בעריהמטעסטער אידישער דענקער און פילאָזאָף „אחד העם” האָט מיט זיין ליטעראַרישער קראַפט צוזאַמענגעקליבען די בעסטע קרעפטען פון פאָלק און האָט געגרינדעט די חברה „בני משה”, וועלכע האָט זעהר פיעל געלייסטעט פיר דער ענטוויקלונג פון דער ציוניסטישער בעוועגונג.

דער „למאור” האָט דורכגעדרונגען מיט זיינע שטראַהלען אויך אין מעריב-זייט פון אייראָפּא און ער

האָט אונז אויפגעשטעלט נייע העלפער און פּאַרקעמפ־פער אין די גרויסע פּערזאָנען פון דר. הערצעל און דר. נאָרדוי; די גרויסע ליכטער האָבען בעשאַפען דעם ערשטען באַזעלער קאָנגרעס אין יאָהר 1897. און דיזע קאָנגרעסען, האָפען מיר, וועלען אונז ברייננגען צו דער שטופע, ווען מיר וועלען שוין ניט ברויכען מעהר קיין „כתית" צו אונזער „למאור".

אין אונזער נייעם פאָטערלאַנד, אין אַמעריקא, וואו מיר האָבען ניט, גאָט צו דאַנקען, דעם „כתית", אויך דאָ האָבען די שטראַהלען פון דעם „למאור" אַריינגעדרונגען אין די אַסימילאַטאָרישע קרייזען, און דער נאַציאָנאַליזמוס אונזערער האָט געהאַט אַ גרויסען זיעג איבער דער פּעררעטערישער אַסימילאַציאָן.

אין דעם גרויסען, רייכען און שטאָלצען טעמפּעל „עמנואל", אין דער שטאַרקסטער פעסטונג פון דעם רעפאָרם־יודענטהום אין אַמעריקא, אין דעם טעמפּעל וואו די צעהן־פופצעהן טויזענד דאָלאַרדיגע ראַבביים האַלטען אין איין פּראָפּאַגאַנדירען די זעלבסט־פערניכ־טונגס אידעע, אַז אידען זיינען קיין נאַציאָן, קיין בע־זונדערע ראַסע, נור אַ סעקטע פון אַן אַלטען גלויבען אָהנע מעשים, וואָס זייער צוועק איז נור פערשפּרייטען גלויבען אין מאָנאָטהעאיזם (אחדות הבורא) איבער דער גאַנצער וועלט; אין דעם טעמפּעל, וואו צום סדור האָבען זיך, רח"ל, צוגעטשעפּעט באַצילען פון רע־פאָרם־טובערקולאָזיס און האָבען איהם געפרעסען

בלאַט פאַר בלאַט, ביז אין איהם איז ניט געבליעבען קיין זכר פון „ציון", קיין ברעקיל פון „ירושלים", קיין סימן פון נאַציאָנאַלע האָפנונגען; אין דעם טעמפּעל, וואו דער סדור איז נעביך איינגעדאַרט געוואָרען גאָר ניט צו דערקענען, ער איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קליינעם ענגלישען „פּרעיער־בוק"; אין דעם טעמפּעל, וואו צו די טענער פון אַ גרויסען אָרגאַן שרייען אוים קריסטליכע מיידלאַך דעם אידישען „שמע ישראל" מיט אַן איירישען אַקצענט, — אין דיזען טעמפּעל האָט געטראָפען די לעצטע צייט אַ פאַל מיט איינעם פון זיינע רייכסטע טראַסטיעס, ועמען'ס טאָכטער איז, רח"ל, קראַנק געוואָרען אויף דער אַמעריקאַנער מיליאָנערישער קראַנקהייט, אויף אַ היסטערישער ליידענשאַפט צו בעקומען אַ טיטול פון אַן אייראָפּעאישע גרעפין — און זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ שווייצאַרישען קאַטוילישען גראַף. און דער נעגאַטיוו מיט דעם פּאָזיטיוו זיינען דאָ צוזאַמענגעקומען — דער רעפאָרם־יודענטהום מיט דעם קאַטאָליציזמוס האָבען זיך בעגעגענט און דער גליקליכער אידישער מיליאָנער, וועלכער איז איינער פון די יעניגע בעלי־טובות, וואָס האַלטען אין איין שרייען צו די איינגעוואַנדערטע אידען: „אַמעריקאַניזירט זיך, ווערט גוטע סיטיזענס!" האָט זיך אַליין „אייראָפּעאיזירט" און האָט אוועקגעגעבען זיינע אַמעריקאַנער מיליאָנען מיט זיין טאָכטער צו דעם קאַטוילישען אייראָפּעאישען גראַף.—

אין דיזען טעמפּעל האָט אויך אַריינגעשיינט דער נאַציאָנאַלער „למאור", זיינע שטראַהלען האָבען אַריינגעדרונגען אין דעם רייכען טעמפּעל און מיט זיין גאַנצער מאַכט איז דער טאַלאַנטפאָלער ראַביי דר. יהודה לייב מאַגנעס, אַרויסגעטראָטען געגען דעם היינטמאָדישען אַמעריקאַנער „סנבלט". ער איז אַרויסגעטראָטען מיט אַזאַ קראַפט, ווי אונזער פירסט נחמיה התרשתא איז אַרויסגעטראָטען געגען סנבלט התורני וטוביה העמוני, די אַסימילאַטאָרען מיט פינף און צוואַנציג הונדערט יאָהר צוריק.

נחמיה האָט סנבלט'ן אַרויסגעטריעבען פון בית־המקדש, און אונזער נחמיה—דר. מאַגנעס, האָט פערטריעבען דעם אַסימילאַטאָרישען טראָסטי פון טעמפּעל „עמנואל". דאָס איז אַ זיעג פון „למאור". און מיר האָפען, אַז דער „למאור" וועט אין די טעמפּלען ווערען אַזוי שטאַרק, אַז אנשטאַט דעם אַסימילאַטאָרישען שטערן וועט שיינען די נאַציאָנאַליסטישע זונן אויף דעם אידישען הימעל און מיר זאָלען שוין ניעמאָלס בעדאַרפען „כתית" צו אונזער „למאור".

תשא

די פילאָזאָפישע בעדייטונג פון דעם עגל־הזהב. די ערקלעהרונג איבער „רד כי שחת" און די פונדאַמענטאַלע פּרינציפּען פון יודענטהום.

דער עגל הזהב.

„וירא העם כי בושש משה לרדת מן ההר, ויקהל העם על אהרן ויאמרו אליו, קום עשה לנו אלהים אשר ילכו לפנינו, כי זה משה האיש אשר העלנו מארץ מצרים לא ידענו מה היה לו"...

„וידבר ד' אל משה, לך רד כי שחת עמך אשר העלית מארץ מצרים" (שמות ל"ב).

„רבותינו אמרו: בא שטן וערבב את העולם, והראה להם, כמו משה תלוי מן הארץ ומטתו באויר".

(תנחומא).

און ווען דאָס פאָלק האָט געזעהען, אז משה האָט זיך פערזאָמט אראָבצוגעהן פון בארג, האָבען זיי זיך

פערזאַמעלט פאַר אהרן'ען און האָבען צו איהם אזוי געזאָגט: „שטעה אויף, מאַך פיר אונז געטער, וועלכע זאָלען געהן בעפאָר אונז, ווייל מיר ווייסען ניט וואָס איז געוואָרען מיט דעם מענש משה, וועלכער האָט אונז פון מצרים אַרויסגענומען"...

און גאָט האָט גערעדט צו משה'ן: „געה, נידער אַראָפ (לאָז זיך אַרונטער צו זיי), ווייל דיין פאָלק איז פערדאָרבען געוואָרען".

> אונזערע געלעהרטע האָבען געזאָגט: „עס איז געקומען דער שטן און האָט צומישט די וועלט; ער האָט געוויזען, אז משה איז אויפ־געהויבען געוואָרען פון דער ערד און זיין בעט איז אין דער לופטען".

אַ וואהרע אידישע טעאָלאָגישע ערקלעהרונג בע־קומען מיר פון דער געשיכטע וועגען דעם עגל הזהב — דאָס גאָלדענע קאַלב. — מיר לערנען דאָ דעם וואהרען פרינציפּ פון תורת משה, אַז דער עיקר איז טהאָט, און ניט נור גלויבען: ווירקליכע מעשים, אָבער קיינע פאַ־נאַטישע שווערמעריי... תורת משה האָט ניט צו טהאָן מיט דעם מענשען'ס גלויבען, זי צווינגט איהם ניט און בעפעהלט איהם ניט ער זאָל אזוי גלויבען אָדער ניט גלויבען: „האמן ואל תאמין", נור זי זאָגט איהם אָן און בעפעהלט איהם שטרענג טהו, און טהו ניט — „עשה, ולא תעשה". אונזער תורה איז אַ תורת חיים,

זי האָט בלויז צו טהאָן מיט דעם לעבען פון די לעבע־דיגע אויף דער וועלט; איהרע אַלע מצוות און משפטים זיינען געגעבען געוואָרען פון דעם לעבעדיגען גאָט צו אַ לעבעדיגעס פאָלק צו פערבעסערען, פער־לייכטערען און בעגליקען זיין לעבען אויף דער לעבעדי־גער וועלט: „וחי בהם ולא שימות בהם!", און ער זאָל לעבען דורך דיזע מצוות, אָבער ניט צו שטאַרבען דורך זיי, לערענט אונז דער תלמוד.

„למען יטב לך", „למען יאריכון ימיך", „ונתתי מטר ארצך בעתו", ונתתי עשב בשדך לבהמתך ואכלת ושבעת".

„אום עס זאָל דיר גוט זיין", אום דו זאָלסט לאַנג לעבען", „און איך וועל געבען רעגען אויף דיין לאַנד אין דער צייט", „און איך וועל געבען גראָז אין דיין פעלד פיר דיינע פיה און דו וועסט עסען צו זאַט", — דאָס זיינען די הבטחות פון אונזער תורה צו איהרע אנהייננער, זי פיהרט זיי ניט אַוועק אין אַנדערע וועל־טען, זי צווינגט זיי ניט ווי אַנדערע רעליגיאָנען צו גלויבען אין איבערנאַטירליכע, אונגלויבליכע געגענ־שטענדען, ווייל דאָס איז געגען די געזעצען פון לעבען. עס איז אונמעגליך צולייגען פעפער צום גומען און זאָ־גען: „עס זאָל דיר זיין זיס", וועהרענד דער געשמאַק ענטפערט: „עס איז ביטער". מיר קענען ניט הייסען די אויגען, ווען זיי קוקען אויף אַ שוואַרצען געגענ־שטאַנד, זיי זאָלען איהם אַנערקענען פיר ווייס; דאָס

זעלבע קענען מיר ניט אונזערע געהירען מאכען גלוי־בען אין א זאך, וואס לאזט זיך פארט ניט גלויבען.

ניט אומזיסט האט דער מאיעסטעטישער דיכטער אויסגעשפראכען זיך וועגען דער תורה: „עץ חיים היא למחזיקים בה". זי איז א לעבענסבוים פיר איה־רע אנהייגנער. זי איז א לעבענס־קוואל און עם פליסט לעבען פון יעדעם ווארט; זי פאדערט ניט דעם טויטען גלויבען, נור די לעבעדיגע טהאט און דעם געזונטען פערשטאנד; זי זאגט ניט: „גלויב אין גאט!" נאר: „דע את אלהי אביך" — וויים, לערען און שטודיר, וועסט דו פערשטעהן דעם גאט פון דיינע עלטערען, אדער: „וידעת היום" — און דו זאלסט פריהער וויסען און פערשטעהן, דאן וועסט דו פיהלען אין דיין הארץ, אז גאט איז דער איינציגער גאט אויף'ן הימעל און אויף דער ערד.

דאס פאלק איז דאן נאך ניט געווען גענוג רייף צו פערשטעהן און שעצען אזא תורה, וועלכע זאל נור פערהאנדלען ערדישע געגענשטענדען; דאס פאלק איז נאך געווען אנגעזויגען מיט עגיפטישע לעהרען, מיס־טישע און פאנטאסטישע זאגעס און אוראלטע אבער־גלויבונגען האבען נאך אנגעפילט זיינע געהירען. די דאמאלסדיגע אידען האבען ניט געקענט בעגרייפען, אז משה איז א מענש גלייך מיט אלעמען, אז גאט וויל נור זיי גוטעס טהאן און אז פיר זיך פערלאנגט ער גאר ניט.

כל־זמן משה איז געווען מיט זיי צוזאמען, האט ער זיי אבגעהאלטען פון די נארישע פאנטאזיעס. דער שטן — אבערגלויבען און שווערמעריי, האבען ניט געהאט קיין שליטה איבער די אידען, ווייל טאג־איין טאג־אויס האבען זיי געזעהען אין זייער לאגער דעם געטליכען פיהרער זייערען, וועלכער האט געלערענט מיט זיי צוזאמען און מיט זיין הויכער פערנונפט האט ער זיי אבגעהאלטען פון טהאן נארישקייטען און שלעכטעס, ווי א גוטער פאטער זיינע קינדער.

אבער ווי נאר „וירא העם כי בשש משה לרדת מן ההר", דאס פאלק האט געזעהען, אז משה האט זיך פערזאמט אראבגעהן פון בארג, האט זיך די אבערגלויבישע נארישע פאנטאזיע צושפיעלט, און דער שטן פון פאלשע פאנטאזיעס און שווערמעריי האט זיך אריינגעחאפט אין די מוחות און אין די הערצער פון פאלק, האט צומישט זייער פערשטאנד און האט זיי פארגעשטעלט זעהר א רייכעס צויבערהאפטעס און פאנטאסטישעס בילד: משה איז אויפגעהויבען פון דער ערד און זיין בעטעל איז אין דער לופטען. — דאס הייסט, משה איז ניט קיין געוועהנליכער שטערבליכער מענש מיט זיי גלייך, נור ער איז העכער פון זיי. ער וועט שוין אויך מעהר ניט זיין מיט זיי, ווייל גאט האט איהם צוגענומען צו זיך.

עלענד זיינען זיי געבליעבען אויף דער ערד, גאט איז אויפ'ן הימעל, משה'ן, זייער גוטען און גרויסען

פארשטעהער, האט ער אויך צוגענומען צו זיך. וואס זאלען זיי יעצט טהאן? — זיי האבען זיך פערזאמעלט פאר אהרן'ען און האבען צו איהם געזאגט: „שטעה אויף! מאך אונז געטער, וועלכע זאלען געהן בעפאר אונז — ניט אויף דעם הימעל — וויל מיר ווייסען ניט וואס עס איז געווארען מיט דעם מענש משה, וועלכער האט אונז פון מצרים ארויסגענומען". אהרן האט גע־מוזט ערפילען זייער וואונש און מאכען זיי לכל הפחות איין גאט — דאס גאלדענע קאלב. און וויל אין מצרים זיינען זיי נאך געוואהנט געווארען זעהן א פערגעטער־טען אקס — „אפים", האבען זיי זיך געמאכט א גאל־דענעם עגל.

„און גאט האט גלייך געזאגט צו משה'ן „לך רד", געה, נידער אראפ, לאז זיך ארונטער צו זיי, וויל דיין פאלק איז נאך פערדארבען, עס וויל אויפוועקען אין זיך די פערדארבענע בעגריפען פון מצרים".

משה איז ארונטער. זעהענדיג דעם עגל מיט די ווילדע טענץ, האט ער א ווארף געטהאן די הייליגע לוחות און האט זיי צובראכען. ער האט אנערקענט, אז דאס פאלק איז נאך ניט פעהיג צו פערשטעהן די געטליכע לעהרע פון „לא תעשה לך פסל וכל תמונה". דאס פאלק קען נאך ניט פערשטעהן דעם וואהרען, ריינעם און גייסטיגען גאט.

נאכהער האט ער צובראכען דעם עגל, דאס הייסט ער האט מיט זיין געטליכער לעהרע פערניכטעט דעם

אבערגלויבען אין עגיפטישען אפיס. ער האָט איהם פערניכטעט אין פייער, ער האָט איהם צומאָהלען און האָט פערשפרייט זיין אש אויף דעם וואסער און האָט מיט דעם וואסער אָנגעטרונקען די בני ישראל, דאָס מיינט, יעדער איינציגער האָט פערניכטעט דעם עגל און האָט פערשטאַנען, אז דאָס איז אַ פינסטערער אבערגלויבען און נארישקייט. — ערשט דאַן האָט ער זיי ווידער די לוחות געגעבען.

און ניט נור די אידען אין דער מדבר האָבען גע־מאכט דעם עגל, נור אַלע שווערמער און פאַנאַטיקער האָבען געמאַכט און מאכען דעם עגל נאָך עד היום: די קריסטען, שבתי צבי, פראנק און נאָך אנדערע, וואָס האָבען געזעהען משה'ן אויפגעהויבען פון דער ערד און מיט זייער רעליגיאָן האָבען זיי געהאט צו טהאָן נור אין אַ הימעלשען קעניגרייך, אין אַ „מלכות השמים”. זיי האָבען אוועקגעשטעלט די פרינציפען פון זייערע טעאָלאָגישע לעהרען נור אויף דעם טויטען גלויבען און ניט אויף לעבעדיגע טהאַטען, — אָט די אַלע שווערמער האָבען געמוזט מאכען דעם עגל, ווייל זיי זיינען געבליעבען אָהן אַ פונדאמענט אויף דער ערד.

דאָס איז בית־אל מיט זיינע קעלבער, דער קאַטאָ־ליציזמוס מיט זיינע בילדער; דאָס איז אַלעס דעם שטן'ס אַרבייט וואָס האָט אויפגעהויבען משה'ן פון דער ערד און האָט אָוועקגעשטעלט די רעליגיאָן נור אויף מדרש און ניט אויף מעשה.

אָבער אונז האָט דער פּראָפעט מיכה אָנגעזאָגט: „מה ד' דורש ממך כי אם עשות משפט", אַז גאָט פאָ־דערט פון מענשען נור טהאָן גערעכטיגקייט.

און דער תלמוד לערענט אונז: „לא המדרש עיקר אלא המעשה!".

ויקהל

„ויאמר משה אל בני ישראל, ראו קרא ד׳ בשם בצלאל בן אורי בן חור למטה יהודה וימלא אותו רוח אלהים בחכמה, בתבונה ובדעת ובכל מלאכה" (שמות ל"ח).

„כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה". (אבות).

אַ ניעדעריגען און פינסטערען בעגריף האָט דער גלות בעשאפען ביי אונזערע אידען וועגען ארבייט און ארבייטער. ווער פון אונז ווייסט דאָס ניט, אַז דער שניידער, דער שוסטער און דער שמיעד איז געווען אַ פלעק און אַ שאַנדע פיר זיין פאַמיליע? עס איז געווען פיעל לייכטער איבערצוטראָגען די שאַנדע פון אַ מופקר אַ הולטיי און אַ פערדאָרבענעם אונמאָראַלישען מענ־שען, אבי נור אַ ליידיג־געהער, אַ „בעל־הבית׳שער" גאָר־ניט — ווי האָבען אַ שניידער אָדער אַ שוסטער אין דער פאַמיליע!

„אין מיין גאַנצער משפּחה איז ב"ה ניטאָ קיין איין בעל־מלאכה!" האָט זיך שטאָלץ מיין עלטער־באָבע געריהמט אימער מיט איהר יחוס.

„וואָס וועט זיין פון דיר, שייגעץ איינער? וואָס וועט זיין פון דיר דער תכלית? איך וועל דיך אָבגעבען צו אליה־מאיר דעם שניידער אָדער צו בעריל דעם שוסטער, דו וועסט זיך נעהמען צו דער שער אָדער צו דער אָהל, אויב דו וועסט ניט וועלען לערנען!".

אזא פּזמון פלעגט אימער מיין מאַמע, זאָל זיך מיהען, אָבהאַלטען פאַר מיין אינגערען ברודער, וועל־כער איז געווען אַ לעבעדיגער, קלוגער אינגעל און האָט נעבאַך זעהר ניט געוואָלט לערנען.

„עס איז מיר בעסער צו געהן צום שניידער אָדער צום שוסטער איידער געהן לערנען ביי אברהם יצחק דעם הויכען און דאַרען מלמד, וואָס קנייפּט מיך מיט זיינע דאַרע פינגער און רייסט פון מיר אויס שטיקער לייב".

אזוי האָט מיין ברודער געענטפערט מיט אַן אונ־שולדיגען שמייכעל.

„אָך און וועה צו מיר, ר' פּנחס'לס דעם מירערס טאָכטער, וואָס איך האָב דערלעבט צו הערען פון מיין קינד. ער וויל גאָר ווערען אַ בעל־מלאכה און מיר פערשוואַרצען מיין משפּחה". — האָט מיין מוטער אויסגעשריען מיט אַ יאָמערליכען געוויין פון איהר טיעפען האַרצען.

אזעלכע געשפּרעכען האָט יעדער פון אונז געהערט אין זיינע קינדערשע יאָהרען אין זיין שטעדטעל פון וואַנען ער איז.

קיינער פון אונז האָט ניט געזעהען, אַז אַן אַר־בייטער זאָל שטעהן אין שוהל אין מזרח־זייט, אַ בעל־מלאכה האָט קיינמאָל אין זיין לעבען ניט פערזוכט דעם טעם פון „שלישי", „ששי" אָדער „אחרון".

אין דעם אַלטען ווילנער פּנקס איז פערשריעבען, אַז מען האָט אַמאָל אָוועקגעשטעלט אַ שניידער אין קונע דערפאַר, וואָס זיין פרוי האָט זיך ערלויבט אָנ־צוטהאָן אַ זילבערנעם קאָלנער אויף איהר האַלז, וואָס עס קומט נור דער רבי'צין אָדער דער גבירה פון שטאָדט.

דער אַרבייטער האָט געמעגט זיין רייך, האָט איהם דאָס געלד גאָר ניט געהאָלפען. די געזעלשאַפט האָט פון איהם געוויכט, וויל אַ בעל־מלאכה בלייבט אַ בעל־מלאכה.

יעצט וועל איך שטעלען די פראַגען: שטאַמט דיזער נאַרישער אומגעלומפּערטער בעגריף פון יודענ־טהום? איז די אַרבייט געווען אַ שאַנדע אַמאָל אויך אין דער צייט פון די נביאים אָדער פון די תנאים?

לאָמיר זעהען:

דער ערשטער אַרבייטער, וועמעס נאָמען עס ווערט דערמאָהנט אין דער תורה, איז בצלאל. און

איהם האט די תורה געקרוינט מיט א טיטעל, ווי איי־נעם פון די גרעסטע נביאים; נעמליך:

„וימלא אותו רוח אלהים בחכמה בתבונה ובדעת ובכל מלאכה".

„און גאט האט איהם בעשאנקען מיט דעם געט־ליכען גייסט, מיט קלוגהייט, פערנונפט און וויסענ־שאפט אין אלע ארבייטס־פאכען".

אזא פרעכטיגען אטעסטאט, אזא דיפלאם, האט אויסער משה'ן נאך קיין מענש ניט בעקומען פון גאט אליין, נור בצלאל דער ארבייטער.

דער אידישער קעניגליכער דיכטער האט זיך אויסגעדריקט וועגען דעם ארבייטער מיט דיזע ערהא־בענע ווערטער:

„יגיע כפיך כי תאכל
אשריך וטוב לך".

„א, ארבייטער! ווען דו ערנעהרסט זיך פון דיי־נע צעהן פינגער, וואויל און גוט איז דיר!".

און דער תלמוד ערקלעהרט דעם פסוק אזוי:

„גדול הנהנה מיגיע כפיו יותר מירא שמים, דאלו גבי ירא שמים כתיב אשרי כל ירא ד', וגבי נהנה מיגיע כפו כתיב אשריך וטוב לך!".

דאס הייסט: אז דער ארבייטער שטעהט פיעל העכער פון דעם ירא שמים, וויל ביי דעם צווייטען

שטעהט נור געשריעבען דאָס וואָרט „אַשרי" און ביי דעם ערשטען שטעהט „אשריך וטוב לך".

די אַרבייט איז געווען געשעצט און געאַכטעט ביי דעם אוראַלטען אידען, ער האָט אויף איהר געקוקט מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלען קאָסמאָפּאָליטישען בליק. און ווען שלמה המלך האָט געבויט דעם ערשטען בית־המקדש, די קרוין פון יודענטהום, האָט ער געשיקט נאָך דעם קופּער־שמיעד חירם פון צור. און חירם דער ניט־איד האָט עס געמאַכט די גאַנצע אַרבייט, וואָס דער היסטאָריקער בעשרייבט אין מלכים מיט דיזע ווער־טער:

„וישלח המלך שלמה, ויקח את חירם מצור — ואביו איש צורי חרש נחושת, וימלא את החכמה ואת התבונה ואת הדעת לעשות כל מלאכה מנחושת, ויבא אל המלך שלמה ויעש את כל מלאכתו".

דער פּרינץ פון די נביאים, ישעיה בן אמוץ, דער־מאָהנט דעם „חכם חרשים", דעם קינסטלער־אַרביי־טער, גלייך מיט דעם נביא און דעם שופט.

אין דעם הייליגען יום־טוב שבועות, ווען דאָס פּאָלק האָט געבראַכט די „בכורים" אין ירושלים, פלע־גען אַרויסגעהן מקבל־פּנים־זיין די געסט דער קעניג, די מיניסטאָרען און די אַרבייטער.

„אהב את המלאכה ושנא את הרבנות",— האָב

ליעב די אַרבייט, און האַס די רבנות, לערנט אונז דער תלמוד.

„יפה ת״ת עם דרך־ארץ שיגיעת שניהם משכחת עון, וכל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה״.

רבן גמליאל, דער אידישער פירסט, לערנט אונז: „עס איז גוט תורה מיט אַרבייט, ווייל צוזאַמען האַל־טען זיי אָפּ דעם מענשען פון זינד, און תורה אָהן מלאכה מוז בטל ווערען״.

ווי הויך און געשעצט איז געווען די אַרבייט ביי די אידען, אַזוי נידעריג און פערהאַסט איז זי געווען ביי די גריכען און די רוימער. די גריכישע פילאָזאָפען פּלאַטאָן און אַריסטאָטעלעס האָבען געלערנט, אַז די רע־גיערונג זאָל ניט געבען קיין בירגער־רעכטע צו „די שמוציגע און די נידעריגע אין דער געזעלשאַפט״, ווי זיי האָבען אָנגערופען די אַרבייטער.

די רוימער האָבען נאָר געשטאָלצירט מיט זייער מיליטערישען אדעל. זיי האָבען שרעקליך אונטער־דריקט די אָרימע אַרבייטער און האָבען זיי בעלעס־טיגט מיט פערשיעדענע שטייערען.

אין דער זעלבער צייט פּסק׳עט דער תלמוד אַ דין, אַז אַן אַרבייטער האָט די פּריווילעגיע און די פריי־הייט אוועקצוגעהן פון זיין אַרבייט ווען ער וויל. דער בעל־הבית אָבער האָט ניט קיין רעכט צו פערהאַלטען זיין לוין.

„פועל יכול לחזור אפילו בחצי היום" (ב"ק, קט"ז ע"ב).

דער תנא רבי יוחנן בן מתיא, דערצעהלט אונז דער תלמוד, האט געשיקט זיין זוהן דינגען ארבייטער פיר איהם. דער זוהן איז געגאנגען און האט געדונגען ארבייטער און האט זיי פערשפראכען צו געבען עסען ביי זיין טיש. ווען דער תנא האט דאס דערהערט, האט ער צו איהם געזאגט: „מיין קינד, ווען דו וועסט פיר זיי אפילו מאכען סעודות ווי שלמה המלך אין זיין צייט וועסטו אויך ניט יוצא־זיין. דו מוזט אימער געדענקען, אז זיי זיינען די קינדער פון אברהם, יצחק ויעקב" (בבא מציעא דף פ"ג).

רבה בר בר חנא האט א מאל געדונגען טרעגער זיי זאלען בריינגען א פאס וויין. דורך א צופאל האבען די טרעגער צובראכען דאס פאס און אויסגעגאסען דעם וויין, האט ער פאר דעם שאדען צוגענומען זייערע זאכען. די טרעגער האבען זיך בעקלאגט פאר רב'ן, האט ער גלייך געהייסען רבה'ן אבגעבען זיי די קליידער און בעצאהלען פיר דעם טאג ארבייט.

„איז דער דין אזוי?", פרעגט רבה ביי רב'ן ער־שטוינט.

„יא" — ענטפערט רב — „עס שטעהט געשרי־בען אין משלי: „למען תלך בדרך טובים וארחות צדיקים תשמור", דאס הייסט „דו מוזט געהן אין דעם

וועג פון גערעכטע מענשען און זייערע זיטען מוזטו אַבהיטען" (ב"מ דף פ"ו).

„וחי אחיך עמך" — און דיין ברודער זאָל לעבען מיט דיר. דער תלמוד איז מפרש דאָס וואָרט „עמך"— מיט דיר גלייך ביים עסען, ביים טרינקען און ביי אַלעס. דאָס הייסט, דו זאָלסט ניט עסען קיין זעמעל און ער שווארצען ברויט; דו זאָלסט ניט שלאָפען אין אַ בעט און ער, דער אָרימער אַרבייטער, אויף דער ערד. ניין! דאָס טאָר ניט זיין: ער מוז לעבען גלייך מיט דיר. און דאָס מיינט דאָס וואָרט „עמך".

צווישען די תנאים און די גרויסע אידישע געלעהרטע זעהען מיר זעהר פיעל אַרבייטער, ווי רבי יוחנן דער שוסטער, רבי יצחק דער שמיעד און נאָך אַנדערע.

שטאָלץ מעגען זיין אונזערע אידישע אַרבייטער מיט אונזער תורה און אונזער רעליגיאָן, וועלכע זיינען פול מיט אַרבייטער־פריינדשאַפט, פיעל מעהר פון די זאָגענאַנטע „אַרבייטער פריינד", וועלכע וואַרפען שמוץ אויף אונזער תורה מיט דער פיער־טויזענד־יאָהריגער טראַדיציאָן, ניט לערנענדיג און ניט וויסענדיג דעם אינהאַלט פון איהר.

אַרבייטער, רעספּעקטירט די תורה, וועלכע רעספּעקטירט די אַרבייטער!

„די היסטאָריע ווידערהאָלט זיך זעלבסט". — מעהר פון דריי טויזענד יאָהר צוריק זיינען אונזערע אור־עלטערען בעפרייט געוואָרען פון שקלאַפעריי אין מצרים און זיך אַרומגעדרעהט אין מדבר פערציג יאָהר צייט. זיי זיינען געווען פול מיט שטרעבונגען און האָפנונגען צו בעקומען זייער היסטאָרישעס לאַנד, ארץ העברים (ווי יוסף האָט דערצעהלט דעם שר המשקים: „כי גנב גנבתי מארץ העברים"). געהענדיג אין דער ווייסטעניש ווייט פון ישוב, ווייט פון קולטור און ציווילזאַציאָן, איז דער גרויסער געטליכער קינסטלער בצלאל בן אורי בן חור ערשיענען ווי אַ ליכטיגע זון פיר זיין נאַציאָן. ער האָט געעפענט די אויגען פון זיין פאָלק, זיי זאָלען זעהען שעהנע טעכניק, קינסטלערישע ארבייט אין דעם הייליגען „משכן" — אין דעם טעמפעל פון דער אַרומוואַנדערענדער נאַציאָן. דורך דער קונסט האָט ער אין זיי ערוועקט אַ פרייען גייסט, און זיי האָבען אָנגעפאַנגען זיך בעפרייען פון דעם שקלאַפען־גייסט, וואָס איז איינגעוואקסען אין זייער נאַטור אין זייער לאַנגען, פינסטערען גלות־מצרים. כל־זמן זיי זיינען געווען שקלאַפען, האָט זיי קונסט ניט געקענט אינטערעסירען, זיי האָבען זי ניט פערשטאַנען, זיי האָבען קיין אהנונג ניט געהאַט פון קונסט. זיי האָבען קיין געפיהל צו שעהנקייט ניט געקענט האָבען — מקוצר רוח ומעבודה קשה, אין דעם פינסטערען שקלאַפען־לעבען, ביי שווערע אַרבייט אָהן עטוואָס רוהע,

איז קונסט אַ גאַנץ איבעריגע זאַך. בצלאל בן אורי (זוהן פון ליכט) בן חור (זוהן פון פרייהייט) האָט בע־פרייט זייערע נשמות און האָט בעלויכטען זייער נייעם וועג — מעבדות לחירות. דאָרום האָט דאָס איהם די תורה אַרויסגעגעבען דעם שעהנעם אַטעסטאַט און איי־ביגען דיפּלאָם: „וימלא אותו רוח אלהים בחכמה, בתבונה ובדעת ובכל מלאכה״.

די זעלבע ערשיינונג זעהען מיר היינט, אין אונ־זער צייט. נאָך צוויי טויזענד יאָהר וואַנדערען און פערשקלאַפּטען גלות־לעבען אין אַלע לענדער פון דער גרויסער וועלט, אונטער דעם יאָך פון פערשיעדענע נאַציאָנען, אָבגעריסען פון דער מוטער־נאַטור, ווייט, זעהר ווייט פון שעהנע קונסט, — אין דיזען פינסטע־רען צושטאַנד איז אין אונז ערוועקט געוואָרען דער נאַציאָנאַלער גייסט מיט אַלט־נייע שטרעבונגען וויע־דער אָבצולעבען און צו קעמפּפען ווייטער פיר אונזער הייליגע היסטאָרישע לאַנד, וואָס איז דורך די פיעלע חורבנות פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ מדבר, אין אַ גרויסען שרעקליכען בית־עולם פול מיט קברים, מיט אַן אַלטען איבערגעבליעבענעם הייליגען מאָנומענט— דער „כותל המערבי״ פון די גרויסע שוואַרצע שטיי־

נער — א סימבאָל פון פערניכטונג און פערוויסטונג, אָהן א שפור פון קונסט און שעהנקייט.

ווי אַמאָל אין יענעם מדבר איז דער געטליכער קינסטלער בצלאל ערשיענען און האָט בעשאַפען א נייע עפּאָכע אין דער אידישער קולטור, אַזוי אויך היינט האָט דער נאַציאָנאַלער גייסטרייכער קינסטלער פּראָפ. באָרים שאַץ געגרינדעט די שולע אין ירושלים מיט דעם נאָמען „בצלאל”, דורך וועלכע ער האָט בע־שאַפען א נייע עפּאָכע אין ארץ ישראל: פון די אומ־גליקליכע חלוקה־יונגע־לייט וויל ער קינסטלער מאַ־כען, און זיי זאָלען פּראָדוצירען אידישע קונסט.

פקודי

דאָס אומגליק פון פערשטעלען זיך, פון שפּיעלען די ראָליע אַלס „מענש" און „איד" אין צוויי פערשיעדענע פאָרמען.

די פערמאַסקירטע.

„ובהעלות הענן מעל המשכן יסעו בני ישראל בכל מסעיהם, ואם לא יעלה הענן ולא יסעו עד יום העלותו, כי ענן ד' על המשכן יומם ואש תהיה לילה בו לעיני כל בית ישראל בכל מסעיהם".

(שמות מ').

וואויל און גוט איז דעם מענשען, וואָס קען זיך ווייזען פאַר דער וועלט ווי ער איז, אָהן מאַסקעס און פערשטעלונגען. טרויעריג און פינסטער איז אָבער דער שיקזאַל פון דעם מענשען, וואָס זיין אַרט לעבען צווינגט איהם זיך פערשטעלען, זיך פערמאַסקירען, בדי מען זאָל חלילה ניט דערקענען, ווער ער איז און

וואָס ער איז. ער מוז זיין גאַנצען לעבען זיין אַ דו־פּרצופים'ניק, אַ צוויי פערשיעדען פּנים'דיגער.

מיר האָבען נאָך קיינמאָל אין אונזער לעבען ניט געהערט, אַז פראַנצויזישע, דייטשע אָדער ענגלישע דיכטער זאָלען זינגען צו זייער פאָלק אין אַזאַ נוסח:

„זיי אַ מענש אין גאַס
און אַ דייטש צו הויז".

אָדער:

„זיי אַ מענש אין גאַס
און אַ פראַנצויז צו הויז".

ווען די דיכטער פון די אומות־העולם וואָלטען דאָס טהאָן, וואָלטען זיי געלינטשט געוואָרען דורך זייערע אייגענע ברידער פאַר אַזאַ בעליידיגונג, ווי די שווארצע ניגערים אין די סאָוטה פון די פעראייניגטע שטאַאטען, ווען זיי בעליידיגען די ווייסע בירגער...

און פון אונזער גרויסען דיכטער און אונשטערבליכען פּאָעט, יהודה ליב גאָרדאָן, האָבען מיר געהערט אַזאַ זמר:

„היה אדם בצאתך
ויהודי באהלך".

דאָס הייסט:

„זיי אַ מענש אין גאַס
און אַ איד צו הויז".

אָ, הימעל! וויפיעל בעליידיגונג און ערניעדער־רונג, וויפיעל שפּאָט און שאַנדע עס ליגט אין דיזען אויסדרוק, וועלכער טהיילט־אָב דעם יהודי פון אדם, דעם אידען פון מענש. עס קומט גאַר אויס, אז דער קאָנטראַסט פון דעם תלמודישען אויסדרוק: „אתם קרואים אדם ולא הם קרואים אדם", דאַרף נאָך אונ־זער פּאָעט'ס מיינונג זיין פּונקט פערקעהרט: „הם קרואים אדם ולא אתם קרואים אדם".

דאָס הייסט, אַלע פעלקער, אַלע נאַציאָנען זיינען מענשען, נור מיר אידען זיינען ניט קיין מענשען. מיט אַנדערע ווערטער: אונזער אונמענשליכקייט, דאָס הייסט, דאָס יודענטהום, זאָלען מיר האַלטען פער־שפּאַרט אין הויז, און אין גאַס זאָלען מיר אָנטהאָן מאַסקעס און פערשטעלען זיך כלומר'שט פאַר מענשען.

אָ, אָרימע אונגליקליכע מאַסקענטרעגער! שלימ־מזל'דיגע צוויי־פּנים'דיגע ברואים! נידעריגע פער־שטעלטע דו־פּרצופים'ניקעס! ווי שרעקליך איז אונ־זער לאַגע!

ווען אונזער הייליגער געזעצגעבער, משה בן עמרם, וועלכער האָט אונז געגעבען אין גאָט'ס נאָמען אין זיין תורה דעם טיטול: „רק עם חכם ונבון הגוי הזה", דאָס הייסט „די נאַציאָן איז אַ קלוגע און פער־שטענדיגע", ווען דיזער גרויסער, אונשטערבליכער מאַן וואָלט יעצט אויפשטעהן פון זיין קבר און זעהען און

לעזען, ווי דער קלוגער און פערנינפטיגער נאַציאָנאַ־לער דיכטער טיילט פונאַנדער די צוויי בעגריפען פון איד און מענש, וואָס פאַר אַ שרעקליכען איינדרוק עס וואָלט מאַכען אויף איהם!

דיזער נאַרישער בעגריף פון קענען אָבטהיילען דעם אידען פון דעם מענשען האָט ביי אונז בעשאַ־פען זאָנדערבאַרע נעמען, וועלכע קיין נאַציאָן אין דער וועלט קען זיי צומאָל ניט בעגרייפען. האָט איהר ווען געהערט אין אייער לעבען, מענשען זאָלען זיך רופען מיט די נעמען: „פראַנצוויזישע דייטשען", „דייטשע פראַנצוויזען", „איטאַליענער טערקען", „טערקישע רו־סען" אָדער „רוסישע ענגלענדער"? איך בין זיכער און פעסט איבערצייגט, אַז איהר האָט אַזעלכע נעמען קיינמאָל ניט געהערט.

און מיר בני ישראל, דער „עם הנבחר", האָבען ערפונדען נייע מינים, נייע סאָרטען ברואים מיט זאָנ־דערבאַרע אונטערגעשלאָגענע נעמען: דייטשע יהודים, רוסישע אידען, פּאָלנישע איזראַעליטען, און ז. וו.

איבערהויפט קלינגען די נעמען זעהר ווילד און באַרבאַריש דאָ, אין די געבענשטע פרייע פעראייניגטע שטאַאטען — אין אַמעריקא. דאָ, אין דיזער הערלי־כער גרויסער רעפּובליק, וועמעס קאָנסטיטוציאָן בע־פרייט איהרע נייע בירגער פון זייערע אַלטע פער־

שקלאַפטע קייטען, פון דעם יאָך פון מאָנאַרכען מיט אַלע געקרוינטע קעפּ; דאָ, אונטער דער שוץ פון דער ליעבער און מעכטיגער פאָהן פון די ליכטיגע שטערען און הערליכע שטרייפען — דאָ זיך צוטיילען אויף הונדערטער טיילען נאָך אונזערע געבורטס־לענדער, שטעדט און שטעדטלאַך? — ניין, מיינע ברידער! דאָ זיינען מיר ניט קיין דייטשען, רוסען און עסטרייכער; דאָ זיינען מיר אַלע גלייכע אידען, מיט גלייכע רעכטע, וועלכע מיר האָבען ערוואָרבען, און מיר האָבען דאָס גליק זיך צו רופען אַמעריקאַנער בירגער!

פערפלוכט זאָל זיין די נאָכקרימונג (חקוי), וועלכע האָט בעשאַפען די נאַרישע אַסימילאַציאָן, זי האָט אונז פערביטערט און פערפינסטערט דאָס לעבען, זי האָט אונז געמאַכט פאַר גייסטיגע קריפּעלס, וועלכע זיינען נור פּאַסיוו — „נפעלים" און קיינמאָל ניט אַקטיוו — „פועלים". מיר אַליין האָבען ניט און זיינען ניט פעהיג צו האָבען אַן אייגענע ווילענס־קראַפט, נור מיר מוזען אימער אין אַלעם נאָכאַהמען, נאָכמאַכען די נאַציאָנען, צווישען וועלכע דער שיקזאַל האָט אונז צופעליג אַריינגעשליידערט. די אַסימילאַציאָן האָט אונז געמאַכט פיר פערשטעלטע דייטשען, פראַנצויזען, רוסען און זאָגאַר פּאָליאַקען, אָבער קיינע אידען, אפילו צו הויז אויך ניט. דער סך־הכל איז, אז מיר זיינען געוואָרען ניט קיין מענשען און ניט קיין אידען, נור כל מיני ברואים, פערשטעלטע און פער־

מאסקירטע אין פערשיעדענע מאסקעס מיט נארישע נאכאהמונגען.

איך וואלט וועלען פרעגען אונזערע זאגענאנטע אסימילאטארישע חכמים, וואס וואלטען זיי געטהאן, ווען זייערע עלטערען וואלטען דורך א צופאל געבוירען געווארען אין האטענטאטען־לאנד, אדער אין טיעף סיביר ביי די עסקימאסען, אדער ביי די קאלמיקען, וואס וואלטען זיי דאמאלס געטהאן? — וואלטען זיי דאן זיך אויך געקרוינט מיט דיזען ליעב־הארציגען נאמען: „האטענטאטען אדער קאלמיקען בני דת משה" ווי דער ווארשעווער „פאליאק וויזנאניא מאיזעשאוועגא"? — ווי דער „פאליאק" פון משה'ס גלויבען?!...

ווי דום און אונלאגיש דאס איז. ריכטיג ווי דער נאמען „ראובן" אדער „קארל", „פינחס" אדער „קאנדראט" נעהמט ניט ארוים דעם מענשען פון דער מענשהייט, דאס זעלבע מאכט ניט דער נאמען „פראנצויז", „דייטש", „רוס" און „איטאליענער", קיין ווירקונג אויף דעם, וואס טראגט דיזען נאמען אין בעצוג צו דער מענשהייט אין אלגעמיין.

ווי נאריש וואלט געווען, ווען דער דיכטער וואלט זינגען צום ביישפיעל:

„זיי „ראובן" צו הויז
און א „מענש" אין גאס".

די זעלבע נאַרישקייט ליגט אין דער פראַזע:

„היה אדם בצאתך
ויהודי באהלך".

די רעפאָרמער, וועלכע האָבען געמאַכט רעפאָר־מען ביי אַלע נאַציאָנען אין אַלע צייטען ווערען איינ־געטהיילט פון דעם וויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט אין צוויי טיילען: ערשטענס — די גרויסע גבורים, די העלדען, צווייטענס — די חכמים, די געלעהרטע.

פּיאָטר דער גרויסער, אַלס גרויסער העלד, האָט געמאַכט גרויסע רעפאָרמען אין רוסלאַנד; די ענצי־קלאָפּעדיסטען, רוסאָ, וואָלטעיר און ד. גל., אַלס גרוי־סע געלעהרטע, האָבען געמאַכט רעפאָרמען אין פראַנק־רייך. די ערשטע, דאָס הייסט — די גבורים, האָבען רעפאָרמירט דאָס פאָלק פון אויסוועניג, און די צוויי־טע האָבען געמאַכט זייערע רעפאָרמען אינוועניג, אָדער ווען מיר זאָלען זיך אויסדריקען מיט דער שפּראַך פון פּאָעט, וועלען מיר אַזוי זאָגען: פּיאָטר, דער גרוי־סער רוס, האָט רעפאָרמירט רוסלאַנד בצאתו; וואָל־טעיר, דער גרויסער פראַנצויז, האָט רעפאָרמירט פראַנקרייך באהלו.

דער ערשטער סאָרט רעפאָרם איז געווען בלויז אַ פערשטעלונג: דורך נאָכאַהמונג און מאַסקעס האָט מען געוואָלט רעפאָרמירען דאָס פאָלק. מען האָט אָנ־געטהאָן די ליליפּוטען (גמדים), די קליינע מענשע־

לאַך, קליידער פון גיגאַנטען (ענקים), פון ריעזען. לסוף בלייבען די ליליפוטען די זעלבע קליינע מענשע־לאַך ווי זיי זיינען געווען, און די קליידער פאַסען אויף זיי פונקט ווי דער פוילישער פאַטריאָטיזמוס — די וואַרשעווער יהודים.

מיר אידען מוזען דעם ענן, דעם וואָלקען פון נאָכאַהמונג אַראָבנעהמען פון אונזער משכן. דאָס הייסט, וואו מיר וואָהנען, דאָרט וועלען מיר געהן פאָרווערטס.

„ובהעלות הענן מעל המשכן יסעו בני ישראל בכל מסעיהם", ווען מיר וועלען דעם פינסטערען וואָלקען פון אסימילאַציאָן אַרונטערנעהמען פון אונז, מיר וועלען זיך ניט לאָזען רעפאָרמירען מיט דעם בצאתו, נור מיר וועלען אויפוועקען דעם אינערליכען אידישען נאַציאָנאַלען פייער פון באהלו, דאַן ואש תהיה לילה בו לעיני כל בית ישראל בכל מסעיהם, מיר וועלען זיין אידען בצאתנו ובאהלנו, אין גאַס און אין הויז און מיר וועלען אויסרופען דעם אַלטען אויסרוף:

חזק חזק ונתחזק!

ויקרא

מרדכי היהודי.

די היסטאָרישע בעדייטונג פון פורים. — פארוואָס מרדכי האָט זיך ניט געוואָלט בוקען צו המן'ען און וואָרום אסתר האָט ניט אויסגעזאָגט פון וואָס פיר א פאָלק זי שטאַמט.

די געשיכטע פון פורים, אָדער ווי זי רופט זיך „מגלת אסתר", האָט געהאַט אַ מערקווירדיגען מזל. אין דער צייט, ווען אייניגע קריטיקער זיינען אויף איהר ארויפגעפאַלען מיט כעס און האָבען זיך געטשעפּעט צו איהרע הויפּט־העלדען, האָבען מאַנכע אידישע היסטאָריקער זי גאָר ניט אַנערקענט אַלס געשיכטע: זיי האָבען ערגעץ ניט געקענט געפינען ווער אחשורוש איז געווען און ווען דאָס האָט פּאַסירט. אונזער גרויסער היסטאָריקער גרעץ דערמאָנט קיין וואָרט ניט וועגען דער גאַנצער פּעריאָדע. ביי איהם אין די אויגען

האָט דאָס אַפילו אַלס לעגענדע ניט פערדיענט קיין פּלאַץ אין דער „געשיכטע פון די אידען", ווערענד ער האָט אין אַנדערע פּלעצער פיעל געבויט אויף אמת'ע לעגענדען, אויף בבא־מעשיות, וואָס האָבען זיך ארומגעטראָגען צווישען פאָלק.

פון די קריטיקער איז דער שאַרפסטער ישר רי־דזשיאָ אין זיין ספר „מפתח למגלת אסתר". דאָרט גיסט ער אויס זיין גאַנצע גאַל אויף מרדכי'ן, דערפאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי איינגע'עקשנ'ט און האָט זיך ניט געוואָלט בוקען פאַר המן'ען און האָט דורך זיין נאַרישקייט געבראַכט אַ געפאַהר און אַ טויט־שרעק אויף זיך און אויף אַלע זיינע ברידער. אסתר ווידער האָט זיך אין די אויגען פון דיזען גרויסען קריטיקער שטאַרק פערזינדיגט, וואָס זי האָט באַלד פון אָנהויב ניט געזאָגט ווער זי איז און פון וואָס פיר אַ פאָלק זי שטאַמט.

ווער איז ער געווען דער אחשורוש? פרעגען די היסטאָריקער, וועלכע האַלטען ניט פון מגלת אסתר און פּסל'ענען זי דערפאַר אַלס געשיכטליכע פּאַסירונג.

מיר קענען דאַרויף ענטפערן מיט אַן אַנדער פראַ־גע: וואָס איז אַזוינס געשיכטע? אויף וואָס איז זי מייסטענטיילס געבויט, אויב ניט אויף טראַדיציאָנען, וואָס געהען איבער פון מויל צו מויל, פון איין דור צום אַנדערען? — און אויב אַזאַ ערצעהלונג, וואָס

דאָס אַלטע אידישע פאָלק האָט אַריינגעפלאָכטען צוויי־שען זיינע הייליגע ספרים, איז קיין געשיכטע ניט; אויב די טראַדיציאָן, וועלכע זאָגט אָן, אַז די טעג זאָלען בלייבען אַלס אַנדענקען אין יעדען דור, ביי יעדער משפחה, אין יעדער מדינה און אין יעדער שטאָדט, און די דאָזיגע טעג פון פורים וועלען ניט אָבגעשאַפט ווערען פון די אידען און זייער אַנדענקען וועט ניט אָבשטאַרבען ביי זייערע קינדער און קינדס־קינדער (והימים האלה נזכרים ונעשים בכל דור ודור, משפחה ומשפחה, מדינה ומדינה ועיר ועיר, וימי הפורים האלה לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם); אויב אַזאַ בעריהמטע פאַסירונג, וואָס גיט־אויף דעם נאָמען פון דעם פלאַץ וואו דאָס האָט גע־טראָפען, די נעמען פון די העלדען, וועלכע האָבען אין איהר געשפּיעלט אַ ראָליע, — אויב אַזאַ פאַסירונג זאָל ניט האָבען קיין היסטאָרישע בעדייטונג, מוז מען קו־מען צום בעשלוס אַז אַלעס, די גאַנצע היסטאָריע פון דעם מענשליכען פראָגרעס, איז ניט נור ליגען, נור האָט ניט קיין בעדייטונג, קיין פראַקטישען ווערטה.

און די שאַרפקייט פון דעם קריטיקער רידזשיאָ איז אויך לייכט בייצוקומען. זיין פראַגע וועגען מרדכי'ן איז קיין נייעס ניט — די תלמוד'יסטען האָ־בען עס נאָך געפרעגט, אָט וואָס זיי זאָגען:

„וכי קנתרן היה מרדכי ועובר על גזרת המלך? אלא כשצוה אחשורוש להשתחות להמן חקק עבודה זרה על לבו ונתכוון

כדי שישתחוו לע"ז, כשהיה רואה המן שאין מרדכי משתחוה לו נתמלא חמה, ומרדכי אומר לו: יש אדון המתגאה על כל גאים ואיך אניחהו ואשתחוה לע"ז?".

אויף פראסט אידיש הייסט עס: צי איז מרדכי געווען א בונטאוושטשיק און האט ניט געוואלט פאל־גען דעם בעפעהל פון קעניג? נאר די מעשה איז אזוי געווען: בשעת אחשורוש האט אנגעזאגט מען זאל זיך פערנייגען פאר המן'ען, האט דער צורר אויסגעקריצט אן עבודה־זרה אויף זיין הארץ. די כונה זיינע איז גע־ווען מען זאל זיך בוקען צו דער עבודה־זרה; און ווען המן האט געזעהען, אז מרדכי בוקט זיך ניט, איז ער געווארען מלא רציחה. נור מרדכי האט איהם געזאגט: עס איז דא א הערר וואס איז גרעסער און שטאלצער פון אלע גרויסע און שטאלצע: ווי־זשע זאל איך איהם לאזען און זיך בוקען צו דער עבודה־זרה? — — —

אונזערע חכמי התלמוד האבען דיזען ענין בע־טראכט מיט א מעהר טיפערען בליק, ווי דער קרי־טיקער ישר רידזשיא. זיי האבען גאנץ גוט פערשטא־נען מרדכי'ס פראטעסט מיט דעם, וואס ער האט זיך ניט געוואלט פערבויגען פאר ויזתא'ס טאטען. דאס איז ניט געווען קיין עקשנות און ניט קיין שטאלץ. מרדכי האט מיט זיין אויפפיהרען־זיך בעוויזען וואס פאר א קלוגער מענש ער איז געווען. ער האט פערשטאנען, אז אומגליקליך איז די רעגיערונג, וועלכע ווערט בע־

הערשט פון דעם גלויבען, וועלכע ווערט פון איהם גע־פיהרט. די אמונה, האט ער געוואוסט, איז א הימעלס־קינד און איהר געהערט, אלזא, דער הימעל. די ערד אבער בעלאנגט צו די מענשען און זייער רעגיערונג דארף זיין א מענשליכע.

ניט געגען המן׳ען האט מרדכי רעוואלטירט, נאר געגען דער פינסטערער הערשאפט, געגען דער רעגיע־רונגס־ארדנונג, וועלכע איז אונז, רוסישע אידען, גאנץ גוט בעקאנט. האבען מיר דען אליין ניט געהאט אן אחשורוש — אלכסנדר דעם דריטען, ביי וועמען אין פאלאץ עס איז אויך געווען „והשתיה כדת״?... און האט ער דען ניט געהאט א המן — דעם צורר פאביע־דאנאסצאוו, פון וועמען ער האט זיך געלאזט פיהרען און פערפיהרען, פונקט ווי דער טפש אחשורוש?...

אויך צו אסתר׳ן קען מען נאר ניט האבען, וואס זי האט ניט אויסגעזאגט צו וועלכען פאלק זי געהערט. איהר פעטער מרדכי האט איהר אזוי געהייסען און זיין ווארט האט זי געהאלטען הייליג. מרדכי איז גע־ווען אן אמת׳ער איד, אן אמת׳ער נאציאנאליסט. פאר אסימילאציאן האט ער געציטערט ווי פאר פייער. און דערפאר האט ער געבעטען אסתר׳ן ניט זאגען גאר־נישט וועגען איהר אבשטאמונג, וועגען איהר פאלק. וואס וואלטען די פראסטע אידען פון פערסיען געזאגט, ווען זיי דערוויסען זיך, אז דער פרומער, דער צדיק

מרדכי האָט ערלויבט זיין פּלימעניצע, וועלכע ער האָט ערצויגען ווי אַן אייגען קינד, צו ווערען די פרוי פון דעם קעניג אחשורוש? זיי וואָלטען לאַנג ניט גע־טראַכט און חתונה־געמאַכט זייערע טעכטער מיט די קינדער פון די גויים, וואָס עס וואָלט אונטערגעבראַכט די אידישע נאַציאָן. דאַרום האָט אסתר פערשוויגען איהר אָבשטאַמונג. נאָר דאַן, ווען עס איז שוין קיין שום אויסוועג ניט געווען, ווען דער חלף איז געלעגען אויפ׳ן האַלז, האָט זי געבעטען פיר זיך און פיר איהר פאָלק: „תנתן לי נפשי בשאלתי ועמי בבקשתי".

* * *

דאָ אין אַמעריקא האָבען, ליידער, געזיעגט די קריטיקער און די מאָדערנע היסטאָריקער. דער פּראַכט און גלאַנץ פון דעם אַלטען היסטאָרישען און פרעהלי־כען יום־טוב איז פערשוואונדען. אַלע געשעפטען זיי־נען אָפען, די שוהלען זיינען ליידיג, אויסער וואָס די עלטערע „גרינע" אידען קלייבען זיך אויף הערען ווי דער בעל־קריאה לייענט די מגלה מיט דעם אַלטען אור־מעטיגען מאָנאָטאָנעם נגון, עהנליך צו דעם נגון פון „איכה", און מען געהט אהיים מיט א טיעפער נשמה־בייגקעניש נאָך די קלאַנגען פון יענעם „שושנת יעקב", נאָך דער אַמאָליגער „פורים׳דיגער סעודה", וועלכע איז שוין באַלד בלויז א היסטאָרישע, א זאך פון דער פערגאַנגענהייט.

דערמאהנט זיך, ליעבע לעזער, אויף אייערע קינדערשע יאהרען, אויף די „חדר"־יאהרען; דערמאהנט זיך אויף דעם חדש „אדר", ווען די טעג זיינען געוואָרען גרעסער, די נעכט קלענער; די ליעבע זון האט אריינגעשיקט איהרע ערשטע ווארימע ליכטיגע פריהלינג־שטראהלען אין אונזער קליין פערפראָרען שטעדטעל; זיי האבען אויך אריינגעדרונגען אין אונזער ענגען פינסטערען חדר, וואו מיר זיינען געווען פערשפארט יעדען טאג פון אכט אוהר אין דער פריה ביז צעהן אוהר אבענדס און צוזאמען מיט׳ן אויסגעדארטען אָרימען, טרוקענעם רבי האבען מיר געבראָכען אונזערע קליינע יונגע קעפעלאך איבער די טרוקענע גרויסע תלמוד׳ישע סוגיות, ווי „רבי חנינא סגן הכהנים", „מיפך והזמה" אדער „רכוב ומנהיג". פינף מאָנאטען נאָכאנאנד, פון דעם מבול אין פרשה נח ביז די קרבנות אין פרשה ויקרא, אהן לופט, אהן ליכט און אהן איין פונק פאעזיע, וואס איז אזוי נויטיג פיר יונגע קינדערשע הערצעלאך, זיינען מיר אין חדר געווען פערשפארט.

ווי א מלאך גואל ומושיע האט אריינגעשיינט דער חדש אדר. ער האט אונז פשוט מחיה געווען מיט זיינע גרעסערע טעג, מיט דער מילדער לופט און מיט זיינע ליעבע פריהלינג־בשורות. עפעס דער רבי האט זיך אויך גאר איבערגעביטען, זיין פינסטערער פנים איז ליכטיג געוואָרען, ווען ער האט אונז אנגעזאגט

די גוטע בשורה, אז מיר וועלען אויפהערען צו לערנען
אין אבענד, און גלייך נאָך „מנחה״ קענען מיר געהן
אהיים.

און ווי דער רבי, אזוי אויך די למודים האָבען זיך
געביטען: אַנשטאָט די גרויסע גמרות האָבען מיר אונ־
זערע חומשים געעפענט — „מגלת אסתר״ לערנען.
אבוואָהל מיר געדיינקען נאָך די גאַנצע געשיכטע פון
פאַר־אַ־יאָהרען, דאָך האָבען מיר אזוי הנאה געהאַט
פון מרדכי און אסתר׳ס גרויסקייט מיט המן׳ס און
זרש׳עס מפלה, פונקט ווי עס וואָלט ערשט היינט גע־
שעהען. ווער רעדט נאָך, אז דער רבי האָט מיט אונז
אָנגעפאַנגען צו לערנען די שעהנע פאַנטאַסטישע ער־
צעהלונגען פון „תרגום־שני״, דאַמאָלסט האָבען מיר
פשוט אָבגעלעבט. מיר זיינען גאָר אין אַן אַנדער וועלט
אריין. מיר זיינען געשוואומען אין אַ ים פון פּאָעזיע
און פאַנטאַזיע ווי פישעלאַך אין וואסער. מיר האָבען
אויסגעבאָדען און אָבגעפרישט אונזערע פאַרטריקענטע
נשמות, און מיר זיינען ניי געבאָרען געוואָרען.

און אָט איז דער פרעהליכער פורים אליין דאָ!
עס איז יום־טוב׳דיג אין גאַס, יום־טוב׳דיג אויפ׳ן האַר־
צען און פרעהליך אין שוהל און אין הויז. עס הערען
זיך די קלינגענדע מעלאָדיען פון „שושנת יעקב צהלה
ושמחה״. דער חזן דאַווענט, דאַכט זיך, די וואָכענדיגע
שמונה־עשרה, אָבער גאָר מיט אַן אַנדער טאָן, אויס־
געמישט מיט דעם „קרובץ לפורים״, אַ צוגאָב צו דער

תפלה. און ווי די נאטור אליין וואלט זיך מיטפרעהען מיט'ן יום־טוב גלייך מיט אונז! דער הימעל איז לויטער־בלוי, די זון שיינט, פון די דעכער קאפען ארונטער גרויסע קריסטאלענע טראפענס פון דעם צוגאנגענעם שנעע, די לאנגע שטיקער אייז שיינען ווי דיאמאנטען געגען די שטראהלען פון דער פריהלינג־זון. אין די גאסען הויבען אן צו זשומען די לוזשקעלאך וואסער מיט א זיסען קלאנג. און דארט אין דער גרויסער גאס, זעהען מיר שוין די חברה פורים־שפּיעלער, וועלכע געהט אין די רייכע הייזער פארשטעלען דעם פורים־שפּיעל; זיי געהען עם זאמלען געלד אויף „מעות חטים", אדער פיר ארימע פאמיליעס. דיזער פורים־שפּיעל איז עס געווען דער איינציגער אידישער נאציאנאלער גלות־טעאטער אין דער געטא, און אויך אויף איהם האט דער גלות זיין שטעמפּעל געלייגט. אין דעם פורים־שפּיעל זעלבסט האבען מיר געזעהען די גלות־בעגריפען פון די אידישע העלדען. המן הרשע האבען זיי פארגעשטעלט א שטארקען, יונגען, שעהנעם מיליטערישען גענעראל, רייך און שעהן געקליידט. מרדכי היהודי האבען זיי פארגעשטעלט אן אלטען איינגעבויגענעם אידען אין צוריסענע קליידער, מיט א קודלעוואטען באָרד פון ניט אויסגעבארשטענע פלאקס מיט האלב־בלינדע פערלאשענע אויגען — פשוט טאקע א „מאנדרוש", ווי דער פערשטעלטער המן פלעגט איהם רופען.

אָ, אָרימע גלות־קינדער! קיין אַנדער בעגריף האָבען זיי ניט פון זייערע גרויסע אידען, נור אַ בעגריף פון פערקריפּעלטע קערפּערס און צובראָכענע גליעדער. דער לאַנגער גלות האָט זייער העלדען־גייסט פון דוד, איוב און די מאַקאַבעער צובראָכען.

דאָ און דאָרט זעהען מיר בחורים און יונגע קינדער טראָגען די "משלח־מנות" פון איין הויז אין דער צווייטער. פרעהליך און לעבעדיג טראָגען זיי דאָס אין די צוגעדעקטע טעלער מיט טאַשען־טיכלאַך, קיינער זאָל דאָס ניט זעהען. אין דעם ליגט אויך דער וואַהרער אידישער גייסט פון „צדקה" ניט פון די סייענטיפיק־טשאַריטי, נור פון דעם ריכטיגען „מתן בסתר" — צדקה אָהן „אַפּליקיישאָנס" און "אינוועסטיגיישאָנס": דער רב אָדער דער מלמד שיקט דעם בעל־הבית אַ פּאָמעראַנץ מיט אַ לימענע פיר 5 קאָפּיקעס און דער בעל־הבית שיקט אָפּ צוריק 5 אָדער 10 רוב., קיינער דאַרף דאָס ניט וויסען חוץ דעם געבער מיט'ן נעהמער.

אָ, דו הייליגער „מתן־בסתר"־גייסט! דו ביזט פערשוואונדען פון אונז גלייך מיט דעם ליעבען פרעהליכען פורים!

וועלען מיר אייך בעקומען נאָך אַ מאָל? ווען? גאָט ווייסט!

„חייב אינש לבסומי בפוריא עד דלא ידעי בין ארור המן לברוך מרדכי".

דאָס הייסט, יעדער מענש איז מחויב צו שכור'ן פורים ביז ער זאָל ניט וויסען קיין אונטערשיעד פון „ארור המן" ביז „ברוך מרדכי".

מען דערצעהלט א גוט־וואָרט פון רבי נחום טשערנאָבילער וועגען דעם מאמר. ער האָט געפרעגט: ווי קען דאָס זיין? א איד ווי שכור ער זאָל ניט זיין, ווען מען זאָל איהם דערמאָהנען מרדכי'ן, וועט ער איהם געווים בענשען, און המן'ען וועט ער שעלטען קללות נמרצות. נור דער פשט איז גאָר עטוואָס אנ־דערש: אין העברעאיש איז דאָ דריי נעמען פיר א מענשען: „איש", „אדם" און „אנוש". „איש" איז דער העכסטער סאָרט מענש. און דאָס מיינט עס די גמרא: שמחת־תורה, צום ביישפיעל, דארף זיך פרע־הען דער, וואָס ווייסט פון דער תורה, דאָס הייסט דער „איש" און דער „אדם", אָבער ניט דער „אינש", ווייל וואָס איז די שמחה מיט איהם? ניט אַזוי איז אָבער פורים, אין דעם טאָג, וואָס המן בקש להרוג ולהשמיד את כל היהודים, פון דעם "איש" ביז דעם „אינש", איז אפילו דער „אינש", וואָס ער ווייסט גאָר ניט די

גאַנצע געשיכטע פון מרדכי מיט המן, מוז אויך טרינ־קען און זיך משמח־זיין מיט שמחת־פּורים.

ווי עס ווייזט אויס, האָט רבי נחום טשערנאָבי־לער געפּיהלט מיט זיין אידיש הארץ דעם אידישען פּורים מעהר ווי אונזערע היסטאָריקער און קריטיקער און איך גלויב, אז מיר אַלע שטימען איין מיט רבי נחום׳ען וועגען פּורים.

צו

„דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם, אדם
כי יקריב מכם קרבן לד׳ מן הבהמה, מן הבקר
ומן הצאן תקריבו את קרבנכם״ (ויקרא א׳ ב׳)

„כי לא דברתי את אבותיכם ולא צויתים
ביום הוציאי אותם מארץ מצרים על דבר
עולה וזבח״ (ירמיה ז׳ כ״ב).

א פאָלקאָמענעם ווידערשפּרוך זעהען מיר אין די צוויי ציטאַטען. עס איז אַ געגענטייל, אַ קאָנטראַסט אין זיך זעלבסט. משה לערנט אונז אין גאָט׳ס נאָמען צו ברייגען קרבנות און פערנעהמט מיט דינים וועגען די קרבנות אַ פינפטען טייל פון דער תורה, דעם גאַנ־צען חומש ויקרא — „תורת כהנים״ רופט איהם דער תלמוד. מיט אַ טיעפען זין, האָבען איהם די תנאים און אמוראים שטודירט; מיט גרויס געלעהרזאַמקייט האָבען זיי בעטראַכט און בעאָבאַכטעט יעדעס וואָרט און האָבען וועגען דעם פערפאַסט גאַנץ גרויסע טראַק־טאַטען, אַן אונגעהייער גרויסע ליטעראַטור.

און ווי איבעראשט ווערען מיר, ווען מיר זעהען ירמיהו הנביא׳ס ווערטער:

„כי לא דברתי את אבותיכם ולא צויתים...
על דבר עולה וזבח״.

דאס הייסט: „איך האב קיינמאל ניט גערעדט מיט אייערע עלטערען און איך האב זיי ניט בעפוילען וועגען קרבנות״.

א מערקווירדיגער קאנטראסט!

איך געדענק נאך, ווען איך בין אלט געווען 8 יאהר און האב געלערענט ביים רבי׳ן אין חדר, ווי ער האט מיך געמאטערט און געפלאגט מיט די טרוקענע דינים פון א „קרבן חטאת״ און אן „עולה״, וועלכע געהערט צו די כהנים און מיט וועלכע מיין יונגער מח׳ל און קליין הערצעלע האבען ניט שטארק סימפאטיזירט. א ווילדע בייגקעניש האב איך און מיינע חברים׳לאך בעקומען נאך די שעהנע פאנטאסטישע און ערהאבענע ווינטערדיגע סדרות פון בראשית און שמות, זעהר טרוקען און ניט אינטערעסאנט איז געווען ביי אונז לערנען א גאנצען טאג חומש מיט רש״י וועגען קרבנות. מיט אונגעדולד האבען מיר געצעהלט די מינוטען, ווען עס וועט ווערען 4 א זייגער נאך האלבען טאג, און מיר וועלען צומאכען די חומשים און נעהמען לערנען נביאים. ווי טראפענס טהוי אויף בלומען און ראזען, ווען זיי ווערען פערדארט און פערוועלקט פון די

שטראַהלען פון דער זון, אַזוי האָבען געווירקט אויף אונז די רייד פון די נביאים נאָך דעם טרוקענעם למוד.

צופעליגערווייזע האָבען מיר געלערענט אין דער זעלבער וואָך פון „ויקרא" דעם קאַפּיטעל ז' אין ירמיה.

שטעלט אייך פאָר, וואָס פיר אַ ווירקונג עס האָט אויף אונז געמאַכט דיזער פסוק פון ירמיה; מיר האָבען מיט אונזערע קליינע אויגעלאַך אָנגעקוקט דעם רבי'ן מיט פערוואונדערונג, און אויף אונזערע ליפּעלאַך איז געלעגען די פראַגע:

„רבי, וואָס איז דאָס? איהר הערט, וואָס ירמיה זאָגט: „גאָט האָט גאָר ניט געהייסען אונזערע עלטערען צו ברייגגען קרבנות. צוליעב וואָס־זשע האָט איהר, רבי, אונז אַ גאַנצען טאָג געלערענט אָט די דאָזיגע טרוקענע דינים וועגען אָקסען און שעפּסען? וואָס איז דאָס? וואו איז דער אמת: אין חומש אָדער אין ירמיה?".

דער רבי איז געבליעבען זיצען אביסעל צוטומעלט אָהן ווערטער, ער האָט זיך שטאַרק פערקלעהרט, נאַכהער האָט ער אונז געענטפערט: „איהר זייט נאָך קליין און יונג, איהר טאָרט ניט פרעגען קיין קשיות, אַז איהר וועט עלטער ווערען וועט איהר אַלעס וויסען".

מיר האָבען געשוויעגען און געוואַרט ביז מיר וועלען עלטער ווערען.

איך בין עלטער געוואָרען, איך האָב נאָך מעהר שטודירט די נביאים, און מיין פראַגע איז נאָך שטאַר־קער געוואָרען.

איך האָב מיר פאַנטאַזירט: איך בין אין ירושלים ערב אַ יום־טוב; איך שטעה אויף דעם באַרג ציון; דער בית־המקדש גלאַנצט פאַר מיינע אויגען אין זיין פולען פראַכט און גלאַנץ; די גאַסען זיינען פול מיט די „עולי־רגל", די קאָונטרי־לייט, וועלכע קו־מען פייערען דעם יום־טוב אין ירושלים; גאַנצע סטאַ־דעס אָקסען און רינדער, טשערעדעס באַראַנעס און שעפּסען ווערען געטריעבען פון זייערע פאַסטוכער צו דעם הר־הבית, געבראַכט פיר קרבנות אויף דעם מזבח; יעדער גוט־בעזיצער שטאָלצירט און געהט מיט אַ צו־פריעדענעם שמייכעל אויף זיין געזיכט, ווען ער זעהט אַז ער האָט געבראַכט מעהר עולות ווי זיין נאָכבאַר, ווי מיר זיינען צופריעדען, ווען מיר זעהען היינט סכות אין שוהל צו הושענות ווי דער גביר ר' טרייטעל דער וואָכערניק געהט אַרום דער בימה הקפות און האַלט מיט שטאָלץ זיין קאָרפּירער אתרוג, אָדער ווי דער גאון מלבי"ם האָט איהם גערופען דער קאָרפּירער ממזר, און מיט גאוה קוקט ער אַראָפּ אויף די, וועלכע געהען נאָך איהם, און צייגט דעם אתרוג מיט אַזאַ שטאָלצע מינע ווי ער זאָל זאָגען: „זעהט, איהר מעגט זיך שעהמען, מיין אתרוג איז מעהר מהודר פון אַלע אייערע אתרוגים".

מאסען, מאסען ציהען זיך מיט זייערע מענגעם אקסען, רינדער און שעפעלאך צו דעם הר־הבית, אויף וועלכען די כהנים זיינען געשטאנען מקבל־פנים צו זיין די אנקומענדע.

אן דער שפיצע פון דער מחנה כהנים שטעהט דער אלטער כהן און נביא, דער גרויסער אידישער פאטריאט און אונשטערבליכער מקונן ירמיהו בן חלקיהו פון דער שטאדט ענתות און בעטראכט די אנקומענדע עולי־רגל מיט זייערע מענגעם קרבנות. מיט זיין טיעפען פסיכאלאגישען בליק קוקט ער אריין טיעף, טיעף אין זייערע נשמות און זעהט, ווי די מענשען זיינען פערווירט און דום צו מיינען, אז מיט זייערע קרבנות שטעלען זיי גאט צופריעדען, און ווי באלד גאט איז שוין צופריעדען מיט זיי, וואס קימערט זיי דאן די מענשען? וואס אהרט זיי פיר די ארימע לייט, וואס ליידען הונגער און וואלטען זיך מחיה־זיין, ווען זיי וואלטען בעקומען א קליינעם טהייל פון די רינדער מיט די שאף, וואס זיי פערברענען אויף דעם מזבח?

דיזער געדאנק האט ערמונטערט דעם פראפעט. מיט שטאלץ האט ער אויפגעהויבען זיין ווייסען קאפ מיט דער שעהנער, לאנגער, זילבערנער בארד, און מיט א דונער־שטימע האט ער אויסגעשריען צום פאלק:

„כה אמר ד' צבאות אלהי ישראל עולותיכם ספו על זבחיכם ואכלו בשר!".

אזוי האט גאט צבאות געזאגט, דער גאט פון

ישראל, נעהמט אייערע עולות, וועלכע איהר ווילט פערברענען אויף דעם מזבח, און מאכט פון זיי שלמים, דאן וועט איהר און די אָרימע ברידער אייערע עסען פלייש. און ערקלעהרט זיי ווייטער אָפען, אז גאָט האָט קיינמאָל ניט פערלאנגט קרבנות, און די הויפט פרינ־ציפען פון יודענטהום זיינען בלויז צו טהאָן גוטעס פיר דער מענשהייט.

אָבער די פראגע בלייבט דאָך וועגען דעם קאָנט־ראסט פון ירמיה דעם נביא און כהן צו תורת כהנים דעם גאנצען חומש „ויקרא", וועלכער ענטהאלט אין זיך נור די דינים פון קרבנות.

דיזע שווערע פראגע האָט פערענטפערט דער גרויסער געטליכער אידישער פילאָזאָף ר' משה בן מימון (רמב"ם) אין זיין אונשטערבליכען ספר "מורה נבוכים" אין דעם צוויי און דרייסיגסטען פרק אין דעם דריטען טהייל.

דאָרט ערקלעהרט ער, אז דער גאנצער ענין פון קרבנות ליגט אין דעם איין פסוק:

„לוא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים
אשר הם זונים אחריהם" (ויקרא י"ז ז').

דאָס הייסט, גאָט האָט ערקלעהרט משה'ן, אז דער גאנצער טעם פון די קרבנות איז אום דאָס פאָלק זאָל מעהר ניט ברייננגען קיין קרבנות צו די אָבגעטער אָדער צו די טייוואָלים, צו וועלכע זיי זיינען געווען איינגעוואָהנט נאָך אין מצרים. אייגענטליך איז אָבער

ריכטיג ווי ירמיה האט אונז געלערענט, אז גאט האט קיינמאל ניט געדארפט פון אונז אפפער.

אויב אזוי, טא, ווארום האט גאט גלייך ניט בע־פוילען, אז קרבנות זאלען בכלל ניט געבראכט ווערען? פרעגט דער רמב״ם אליין.

אויף דיזער פראגע ענטפערט דער רמב״ם מיט נאך א פראגע: „מדוע לא נחם אלהים דרך ארץ פלשתים?״, ווארום האט גאט די אידען ניט געפיהרט פון מצרים נאך ארץ ישראל מיט דעם נאהענטען וועג דורך דעם לאנד פון די פלשתים?

„כי קרוב הוא כי אמר אלהים פן ינחם העם בראותם מלחמה ושבו מצרימה״, ווייל עס איז זעהר נאהענט ווא לטען זיי זיך קענען אומקעהרען צוריק נאך מצרים אין א מלחמה־צייט, דאריבער האט ער זיי געפיהרט דורך א וויטען וועג, — ערקלערט אונז די תורה דעם תירוץ אויף דער לעצטער פראגע.

יעצט בלייבט דאך די פראגע: ווארום האט גאט גלייך ניט געשטארקט זייערע הערצער, אז זיי זאלען גאר ניט דענקען וועגען מצרים? נור די ווארהייט איז, זאגט דער אידישער פילאזאף, אז גאט וויל ניט מאכען קיין רעוואלוציאן אין דעם מענשענס כאראקטער, ער לאזט איהם זיך ענטוויקלען ביסלעכווייז נאך דעם סיסטעם פון עוואלוציאן און דארום האט ער זיי אבגעהאלטען אין דער מדבר 40 יאהר, אום זיי זאלען זיך ענטוויקלען פון זיך זעלבסט.

דאָס זעלבע איז מיט די קרבנות. דאָס פאָלק איז געווען ווילד, געזונקען אין זומפּ פון געצען־דינעריי ווי די מצרים, וועלכע פלעגען ברייננגען קרבנות „לשעירים" צו די רוחות, שדים און מחבלים; ווען מען זאָל זיי פּלוצלונג אָבהאַלטען פון דעם, וואָלט דאָס געקענט מאַכען אַ שרעקליכע רעוואָלוציאָן. רוהיג, ביס־לעכווייז האָט ער זיי געהייסען ברייננגען קרבנות, נור אין איין אָרט און צו זייער איינציגען גאָט, „למען לא יזבחו עוד לשעירים".

אָט אַזוי ביסלעכווייז האָבען זיי זיך ענטוויקעלט ביז די נביאים, וועלכע האָבען זיי ערקלעהרט די וואָה־רע פּרינציפּען פון יודענטהום, אז קיין קרבנות פער־לאַנגט גאָט ניט פון דעם אידען און דער גרויסער נביא דער צווייטער צו משה'ן, שמואל בן חנה, האָט דער ערשטער פּראָקלאַמירט געגען קרבנות מיט דיזע גאָל־דענע ווערטער:

„הנה שמוע מזבח טוב להקשיב מחלב אילים!".

און דער קעניגליכער דיכטער האָט געזונגען:

„זבחי אלהים רוח נשברה לב נשבר ונדכה אלהים לא תבזה!".

שמיני

אש זרה.

וואס „אש־זרה" האט פעראורזאכט אין יודענטהום; די טרויעריגע היסטארישע ענטוויקלונג פון דעם ערשטען אריינברייננגען „פרעמדעם פייער" אין אידישען לאגער.

„ויקחו בני אהרן נדב ואביהוא איש מ ח ת ו ויתנו בהן אש, וישימו עליה ק ט ר ת, ויקריבו לפני ד' א ש ז ר ה, אשר ל א צ ו ה א ו ת ם. ותצא אש מלפני ד' ותאכל אותם, וימותו לפני ד' ".

„מ ח ת ת ו, איש מעצמו ולא נטלו עצה זה מזה". „ותאכל אותם, שרפת נשמה והגוף קים" (ילקוט שמעוני).

„קרבו, שאו את אחיכם מאת פני הקדש אל מחוץ למחנה" (ויקרא י').

די ערשטע היילינע טראגעדיע לעזען מיר אין היינטיגער סדרה. א טראגעדיע וועלכע ווערט פארגע־

שטעלט נאָך ביז היינטיגען טאָג אויף דער אידישער היסטאָרישער ביהנע: אונזערע פּייטנים האָבען אונז אָנגעזאָגט אין מחזור, אַז עס איז אַ מצוה צו וויינען אויף דעם טויט פון די בני אהרן, ווען מיר לעזען דאָס אום יום־כפּור.

און די ריהרענדע טראַגעדיע האָט זיך נאָך ניט געענדיגט, זי ווידערהאָלט זיך אין פערשיעדענע עפּאָכען פון אונזער געשיכטע.

פיער געראָטענע קינדער האָט אהרן, דער ערש־טער כהן־גדול, געהאט; פיער בריליאַנטען זיינען זיי געווען, גאָר אין זייער פאָטער געראָטען. נדב, אביהוא, אלעזר און איתמר האָט מען זיי גערופען. ער, דער אַל־טער כהן־גדול, האָט זיי אַלעמען אַ גוטע און אַ הייליגע ערציהונג געגעבען און ער האָט פון זיי גרויס נחת געהאט.

פּלוצלונג האָט זיך אַן אונגליק געטראָפען, אַזוי דערצעהלט אונז די תורה אין קורצע אָבער שטאַרקע ווערטער:

„און די קינדער פון אהרן'ען האָבען גענומען יע־דער זיין פייער־פאַן, זיי האָבען אַריינגעלייגט אין זיי פייער און אַרויפגעשאָטען געווירץ, זיי האָבען דאָס מקריב־געווען פאַר גאָט, אָבער דאָס איז געווען אַ פרעמדעס פייער, וואָס גאָט האָט ניט געאָרדערט. און אַ פייער איז אַרויס פון גאָט, האָט זיי פערברענט, און זיי זיינען געשטאָרבען פאַר גאָט".

„די קערפערס זיינען גאנץ געבליעבען, נאר די נשמות זייערע זיינען אוועקגענומען געווארען״.

„דער אלטער פאטער אהרן איז שטיל געבליעבען פון פיעל שמערץ, און משה האט בעפוילען מען זאל זיי גלייך ארויסטראגען פון דעם הייליגטהום אויסער דעם לאגער״.

דאס פרעמדע פייער (אש זרה) האט פעראור־זאכט דיזע שרעקליכע טראגעדיע אין אהרן׳ס פאמי־ליע, און עס ברייננגט צרות און אונגליק דעם אידישען פאלק אין דער גאנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ עד היום הזה.

א, דאס פרעמדע פייער, דאס שרעקליכע ווילדע אש זרה! א, ווי גרויזאם דו ביזט, ווען מיר בעטראכ־טען געשיכטליך דיינע מעשים אין אונזער פיער טוי־זענד יאהריגער געשיכטע!

באלד ווי די אידען זיינען פון מצרים ארויס, האט דער ערב־רב אנגעצונדען דאס פרעמדע פייער, און האט מיט גוואלד געצוואונגען אהרן׳ען אויסצוגיסען דאס גאלדענע קאלב, אדער א קליינעם אפיס — אן עגיפטישען אבגאט.

אין דער אידישער רעפובליקאנישער עפאכע (תקופת השופטים) האט געברענט דאס ווילדע פרעמ־דע פייער אין יעדען שבט בעזונדער און האט געבראכט אונגליק דעם גאנצען פאלק, ביז עס האט ארויסגע־שיינט דאס גרויסע אידישע ליכט — דער צווייטער

היילינגער פראפעט, אין דער פערזאן פון שמואל הרמתי. אט דיזער גרויסער אונשטערבליכער נביא האט מיט זיין מאכט, מיט א גרויסען שטראם ריינעם וואסער, וועלכער קוועלט פון ריינעם יודענטהום, פערלאשען דאס פרעמדע פייער; ער האט פעראייניגט אלע שבטים צוזאמען, און האט פון זיי אלעמען געגרינדעט דאס פעראייניגטע פאלק ישראל.

שפעטער, אין דער תקופה פון די אידישע מלכים, זאגאר אין שלמה המלך'ס צייט, האט זיך ווידער צו־פלאקערט דאס ווילדע און פרעמדע פייער פון די פרעמדע געטער: עשתרת, מלכים, כמוש און דער גרויסער אבגאט מלך. אט אזוי האט די „אש זרה" געקווילעט כמעט אין דער גאנצער "תקופת המלכים", און ווען אחז מלך יהודה האט זיך געזעצט אויף זיין טהראן, האט ער צוגעשיקט צו אוריה דעם כהן א מאדעל פון דעם מזבח, וואס איז געשטאנען אין דמשק ביי די געצענדיענער, און האט אויסגעבויט אזא אלטאר אויף אין ירושלים.

די נביאים האבען זיך בעמיהט אויסצולעשען דאס „אש זרה אשר לא צוה ד'," אבער זייער מיה איז געוועזן כמעט אומזיסט.

דאס ווילדע פייער האט פערניכטעט דעם טעמפעל, פערוויסטעט דאס לאנד און פערטריעבען דאס פאלק נאך בבל. און דארט אין גלות האט עס זיך נאך

שטאַרקער צוברענט און האָט איינגעשמאָלצען די זי־טען און די מנהגים פון בבל אין יודענטהום, אויף אַזוי ווייט, אַז די אידען האָבען דאָס מיטגענומען צוריק נאָך ארץ ישראל, ווען זיי זיינען אַרויס פון בבל, ווי דער תלמוד דריקט זיך אויס אין פיעלע ערטער: „העלו אתם מבבל".

אין פּרס האָט דאָס „אש זרה" נאָך מיט מעהר קראַפט און מאַכט אַריינגעדרונגען אין דער אידישער נאַציאָן און האָט אונז איבערגעלאָזען אַן אייביגע ירושה, דעם אַבערגלויבען אין קמיעות, לחשים, רוחות, שדים, גלגולים און דבוקים, פון וועלכע דאָס וואַהרע יודענטהום האָט אַבסאָלוט גאָר ניט געוואוסט און וויל עד היום ניט וויסען.

נאָך שטאַרקער און מעכטיגער האָט זיך נאַכהער צוגליהט דאָס „אש זרה" אין דער גריכישער עפּאָכע; דער העלעניסטישער פלאַם, דער צויבער פון אָלימפּ מיט זיינע געטער, האָבען זיך אַריינגעהאַפּט מיט זייער גאַנצער ווילדער מאַכט אין ארץ יהודה און האָבען מיט זייער עסטעטיק (חן ויופי) געמאַכט אַ שרעקלי־כען חורבן אין דעם אידישען עטיק (תורת המדות). אַט אַזוי האָט דאָס געברענט ביז די הייליגע העלדען, די מאַקאַבעער (חשמונאים) זיינען געקומען און האָבען עס אויסגעלאָשען.

אין מיטעלאַלטער האָט דער קאַטוילישער פייער אָנגעצונדען זיינע „קטרת" אין אידישען לאַגער און

פון דעם זיינען אַרויסגעקומען די חרמות, שמתות און נזיפות מיט נדויים און קללות, פון וועלכע אוריאל אַקוסטא און ברוך שפּינאָזא זיינען געפּאַלען אַלס קרבנות אויף דעם מזבח פון דעם „אש זרה לא צוה ד׳.״

די פאַנטאַסטישע נאַרישע בעוועגונג פון שבתי צבי, פראַנק און ד. גל. ביז די שרעקליכע מחלוקות פון די צוויי גרויסע גאונים אייבשיץ און עמדען, אַט די אַלע אומגליקען זיינען פאַלגען פון׳ם „אש זרה״.

און אין אונזער צייט איז די אַסימילאַציאָן, מיט איהרע פּרעדיגער, די יעצטיגע נדב ואביהוא׳ס, וועלכע רייכענען „קטרת״ צו דער אידעע פון אַ „זאַגעגאַנטע״ מיסיאָן פיר די אידען צווישען די פעלקער; יעדער פון זיי אויף זיין פייער־פאַן (מחתה), זיין טעמפּעל און זיין געבעט־בוך, מיט די נאַכאַהמונגען פון פרעמדע הימנעס. אַט די חברה, וועלכע קושען די ריטער, וואָס שמייסען זיי, זיינען די מאָדערנע אַריינברייננגער פון דעם „אש זרה אשר לא צוה ד׳.״

יע, עס איז אַ מצוה צו וויינען אויף די היינטיגע ווי אויף די פערצייטיגע בני־אהרן׳ס, וועלכע שטאַרבען אָפּ פאַר גאָט, פאַר׳ן יודענטהום, גייסטיג און

מאַראַליש. דאָס הייסט מיט דעם תלמודישען אויס־דרוק „שרפת נשמה והגוף קים”, די קערפּערס זיינען גאַנץ, נור די נשמות ווערען פערניכטעט, אַזעלכע ווע־רען היינט אויך אַרויסגעטראָגען „מן הקדש אל מחוץ למחנה”, און משה׳ס שטימע דונערט נאָך היינט אין גאָט׳ס נאָמען:

„קרבו שאו את אחיכם מאת פני הקדש אל מחוץ למחנה”.

„קומט אהער, טראָגט אַרויס אייערע פאַרברענטע ברידער פון׳ם יודענטהום אויסער דעם לאַגער”.

תזריע

אליהו.

„הנה אנכי שולח לכם את אליה ו
הנביא לפני בא יום ד׳ הגדול והנורא,
והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על
אבותם" (מלאכי ג׳ כ"ג כ"ד).

ווער איז דאָס אליהו הנביא? האָט איהר ווען עס איז זיך געשטעלט די פראַגע? עס איז דאָך אַ מערקווירדיגע זאַך מיט דעם נביא. קיינער ווייסט ניט, ווער זיין פאָטער איז געוועזן, ווען ער איז געבאָרען געוואָרען, וואו האָט ער זיך ערצויגען, ווער איז געוועזן זיין לעהרער. קיין ספר פון נביאות ווי אַלע נביאים, האָט ער ניט איבערגעלאָזען, אויסער אייניגע ספּורים וועגען איהם, וועלכע מיר האָבען אין מלכים; און דאָך איז ער דער ליעבלינג פון פאָלק געבליעבען אויף אימער און עוויג. אָהן איהם גיט זיך דער איד ניט אַ ריהר אין זיין לעבען פון וויעגעלע ביז׳ן קבר. אַכט און פערציג נביאים האָבען אונז אונזערע חכמים אויסגערעכענט און ניט איינער פון זיי האָט דעם מזל פון אליהו הנביא

אַריינצודרינגען טיעף, טיעף אין דעם אידען׳ס נשמה בפרט און אין דעם נאַציאָנאַלען לעבען בכלל.

האָט איהר ווען געהערט, אַז אַ מענש זאָל געבאָרען ווערען מיט הונדערטער יאָהרען איידער ער האָט געלעבט? און דער תלמוד קומט און זאָגט אונז, אַז פינחס, אהרן׳ס אייניקעל, איז דאָס אליהו: „פינחס זה אליהו״. פינחס, וועלכער האָט געלעבט אין משה׳ס צייט, איז דאָס דער זעלבער אליהו, וועלכער האָט געלעבט אין יהושפט מיט אחאב׳ס צייט, — דאָס הייסט, דער זעלבער, וועלכער האָט הינגעריכטעט כזבי בת צור, די געליעבטע פון זמרי בן סלוא, האָט געזעהען ווי די הינט האָבען צוריסען דעם קערפער פון איזבל, די קעניגין פון יהודה. נו, וואָס זאָגט איהר אויף אַזאַ לאַנגען לעבען? עס איז אָבער נאָך ווייניג. ווען דער מזל בעגליקט אַ מענשען, איז גאָר אָהן אַ סוף. נאָך ווייניג וואָס ער האָט געלעבט היבשע עטליכע הונדערט יאָהר, איז ער ניט געשטאָרבען גלייך מיט אַלע שטערבליכע, ווען ס׳איז געקומען זיין צייט צו שיידען זיך מיט דער וועלט, נור אַ פייערדיגע קאַרעטע מיט פייערדיגע פערד זיינען מיט אַ שטורם אַרונטער פון הימעל און האָבען איהם אַרויפגענומען אַ לעבעדיגען אין הימעל אַריין, און ער לעבט נאָך עד היום און זעהר אָפט קומט ער צו אונז, ווען ער וויל אָדער ווען מיר ווילען, גאָר אָהן אַן ענדע.

און דעם איש־המופת, דעם וואונדערבאַרען פראָ־

פעט, האָט דאָס פאָלק אָנגענומען גאַנץ שטאַרק און לאָזט איהם ניט אָפּ אויף איין מינוט.

אויף יעדען ברית פון די מיליאָנען אידען, אַ משך פון דריי טויזענד יאָהר אין פערשיעדענע לענ־דער איבער דעם גאַנצען ערד־קוגעל, שטעלט מען אַוועק דעם „כסא של אליהו זכור לטוב", אליהו הנביא'ס שטוהל, און מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „מלאך הברית". האָט אייך קיין מאָל ניט געאהרט וואָרום זאָל מען ניט אַמאָל מכבד־זיין אַן אַנדער נביא מיט דעם ערהאַבענעם כבוד? און אויב ניט קיין אַנדער נביא, האָט מען דאָך אברהם אבינו'ן אליין על פי יושר גע־ווים געדאַרפט מכבד־זיין מיט זיין אייגענער שמחה, וועלכע מיר רופען „בריתו של אברהם אבינו"?

פּסח צום סדר, ביים הערליכען הייליגען יום־טוב פון בעפרייאונג, צו די פיער כוסות — ווייטער אליהו הנביא איז דאָ. אליהו הנביא'ס כוס שיינט אַרוים איבער אַלע כוסות אויפ'ן אידישען טיש, ווי אַ פּרינץ צווישען זיינע הערליכע גענעראַלען. האָט אייך קיין מאָל ניט געאהרט די פראַגע פאַר וואָס אַלעם אליהו'ן? וואָרום ניט מכבד־זיין אַמאָל אַן אַנדער נביא? איך גלויב, אַז ישעיה, פיר זיינע זעקס און זעכציג בריליאַנ־טענע קאַפּיטלאַך, וועלכע ער האָט אונז געלאָזען, איז נאָך ווערטה אַ כוס וויין... גאָט מיינער! ירמיה, דער מר נפש, וועלכער האָט פערגאָסען ים'ען טרעהרען

אויף זיין אונגליקליכען פאָלק אין זיין קלאָג־ליעד — „איכה", איז דאָך געווים ווערטה על־פי־דין א גוטע גלאָז וויין צו פערלייכטערען א ביסעל זיין שרעקליכען צער? אָט אפילו דער קליינער נביא חבקוק און זאָגאַר עובדיה זיינען אויך ווערטה אמאָל א כוס, און אויב ניט די נביאים, וואו איז דער „אדון הנביאים", דער בעל־שמחה אליין, משה בן עמרם, אונזער בעפרייער? וואָרום זאָל מען קיין רעספעקט ניט האָבען און שטע־לען משה'ם כוס? וואָס איז דאָס אלעס אליהו? אלע ברית'ן, אלע סדרים אין אלע לענדער, אין אלע צייטען ביי אלע אידען, — אלעס אליהו'ן?

דאָס מוז דאָך עטוואָס בעדייטען!

היינט אויסער דעם ברית מיט דעם סדר, וועלכע שפיעלען אזא גרויסע ראָליע אין אונזער לעבען, דער ערשטער אין פרט און דער צווייטער אין כלל, איז גאָר אין קליינע געגענשטענדע, אין אַלטעגליכען לעבען, איז אויך אלץ אליהו און אליהו.

געדיינקט איהר ניט, ווי אין אונזערע קינדער־יאָהרען האָבען מיר געזונגען מיט אונזערע עלטערען אלע שבת־צו־נאַכט נאָך הבדלה דעם „אליהו הנביא, אליהו התשבי"? געדיינקט איהר ניט די שעהנע מעשה מיט דעם אָרימען חסיד — איש חסיד היה בלי מזון ומחיה — וועלכער האָט געהאַט א ווייב מיט א האַלב דאָזען קינדער און קיין ברויט אויף א רפואה אויך ניט?

דורך וועמען איז ער, דער אָרימער חסיד, געהאָלפען געוואָרען? ניט דורך אברהם'ען, ניט דורך משה'ן, נור דורך אליהו'ן, וועלכער האָט איהם אַ רייכען פּאַלאַץ אין איין נאַכט אויפגעבויט!

קיין ספרי־נבואה האָט ער ניט געלאָזען, ווי אַלע פּראָפעטען, דערפאַר אָבער האָט דאָס פאָלק בעשאַפען אין זיין נאָמען הייליגע ספרים, ווי „אליהו רבה" און „אליהו זוטרא", די חכמי התלמוד האָבען זיך אויך זעהר פיעל בענוצט מיט זיינע וויזיטען פון הימעל אויף דער ערד אין פערשיעדענע צייטען צו פערשיעדענע מענשען. איין מאָל זאָגאַר האָבען זיי איהם מכבד־געווען מיט זעכציג פייערדיגע שמיץ — שתין פולסא דנורא — ווען ער, אליהו, האָט זיך ערלויבט אַ ביסעל צופיעל און האָט אויסגעזאָגט סודות צו רבי חייא'ס קינדער...

און נאָך אַלעם, צום ענדע ווען משיח וועט קומען, זאָגט אונז אָן דער לעצטער נביא מלאכי, אַז „בעפאָר אַלעם וועט גאָט שיקען אליהו הנביא'ן און ער וועט אומקעהרען דאָס האַרץ פון די עלטערען צו די קינדער, און דאָס האַרץ פון די קינדער צו זייערע עלטערען".

אָבערפלעכליך קומט אויס, אַז די אַרבייט, וועלכע

מלאכי בעשטימט פיר אליהו׳ן, איז אבסאָלוט ניט נויד־טיג, וואו איז דאָס פאַראַן אַזעלכע עלטערען, וועלכע זאָלען ניט ליעבען זייערע קינדער, אָדער קינדער, וועל־כע זאָלען ניט עהרען זייערע עלטערען? זעהט איהר, אַז ער זאָל מאַכען דאָס די פראַנצויזען זאָלען ליעבען די דייטשען, און די דייטשען די פראַנצויזען, אָדער די רוסען זאָלען ליעבען די יאַפּאַנעזער און די יאַפּאַנעזער די רוסען, און זיי אַלע דעם אידען — אָט אַזאַ שטיקעל ארבייט פּאַסט פיר אליהו הנביא! — — —

אָבער גוט בעטראַכטענדיג דאָס לעבען פון דעם וואונדערבאַרען פּראָפעט, זיינע אויפפיהרונגען, זיין אייפער פיר די ווארהייט. זיין אויפאָפּפערען זיך און ליידען קעלט און הונגער פיר זיין אידעאַל, זיין טאַפּ־פערקייט און אַרויסטרעטען אָפען געגען דעם קעניג און די קעניגין, זיין אַרט קליידונג, אַ פעלץ מיט אַ גאַרטעל, זיין וואָהנונג אין דער העהל, היימלאָז און די עורבים (ראַבען, וואָראָנעס), וואָס האָבען איהם גע־שפּייזט, דעם קליין טייכעלע, פון וועלכען ער האָט וואַסער געטרונקען, און נאָכהער איז דאָס טייכעלע אויך אויסגעטריקענט געוואָרען, זיין הערליכען קאַמפּף געגען די טויזענדער געצענדיענער (עובדי הבעל), אונ־טער דער גרויזאַמער רעגיערונג פון אחאב און איזבל— דאָס אַלעס, זעהט איהר, האָט געגעבען רעכט דעם פאָלק בכלל און יעדען אידען בפרט אויסצוקלייבען איהם פון אַלע נביאים פיר דעם ליעבלינג, ווייל אין

איהם איז פערזאָניפיצירט די גאַנצע אידישע נאַציאָן. זיין נשמה איז דער אידישער נאַציאָנאַלער גייסט, וועלכער אַרבייט, ליידט, קעמפּפט, הונגערט און איז היימלאָז שוין צוויי טויזענד יאָהר; זיין שטיקעל ברויט מוז דאָס אידישע פאָלק בעקומען פון עורבים (וואָראָ־נעס), רויב־פויגלען, וועלכע פערפאָלגען איהם, און פער־ביטערען איהם זיין לעבען, און אזוי ווי זיין פּראָפעט, פּראָטעסטירט ער געגען די געצענדיענער מיט זיין מאָ־טאָ: „קנא קנאתי לד׳!״.

ביי יעדען ברית, ווען דער איד אָפּפערט אויף זיין קליינעם זוהן צו דער היילינער אָפּעראַציאָן און זאָגט צו איהם: „בדמיך חיי״ — דאָס הייסט, ער מאַכט איהם פיר איין קעמפּפער ביז דעם לעצטען טראָפּען בלוט טראָטצדעם, וואָס מיט דיזע אָפּעראַ־ציאָן נעהמט ער צו ביי איהם אין פיעלע לענדער דאָס מענשליכע רעכט, צו דיזען סאָרט נאַציאָנאַלע רעליג־יעזע צערעמאָניען פּאַסט ניט קיין אַנדער נביא ווי נור אליהו, וועלכען מען האָט געפרעגט: „מה לך פה, אליהו?״, דאָס הייסט: „וואָס טהוסט דו דאָ, אליהו? דו ביסט דאָך דאָ אין געפאַהר!״ — ענטפערט ער דעם זעלבען אַנטוואָרט: „קנא קנאתי לד׳!״.

אין דער היילינער נאַציאָנאַלער סדר־נאַכט, ווען אונזערע עלטערען אין שפּאַניען אין דער מיטעלאַלטער, פלעגען אָבריכטען דעם סדר אין די העהלען און קע־

לערס, און די געפאַהר איז געווען שרעקליך, אַז די שווארצע מאַסקעס פון די אינקוויזיטאָרען זאָלען זיי ניט פערפאָלגען און אוועקשלעפּען צו דעם אויטאָ־דע־פע, ווי עס האָט פיעלע מאָל פּאַסירט, אין אַזעלכע היילינע נאַציאָנאַלע מאָמענטען פון אייפער און אויפּאָפּפערונג קען קיין אַנדער נביא ניט איינגעלאַדען ווערען אויסער „אליהו התשבי" מיט זיין מאָטאָ: „קנא קנאתי לד'!".

אָט דאָס איז דער סוד פון „כסא של אליהו" און „כוסו של אליהו"!

אזא גייסט קען ניט שטאַרבען. ער לעבט אייביג אין פאָלק און פיר'ן פאָלק. ער איז בלויז פון דער ערד — זיין לאַנד — אָבגעריסען געוואָרען און איז צום הימעל אַרויף, אָבער ווען עס קומט אַ קריטישער, ערנסטער מאָמענט פיר'ן כלל ווי פיר'ן פרט, דאַן קומט ער, דער גייסט, מיט זיין אייפער און טאַפּפערקייט און טהוט זיין אַרבייט.

אין אונזער דור, ווען די רעליגיעזע געפיהלען זייינען אָבגעקיהלט געוואָרען, און די קינדער האָבען זיך פון זייערע עלטערען דערווייטערט, דאַן האָט בעשטימט

דער לעצטער נביא מלאכי די ארבייט פיר אליהו'ן, דאס הייסט אויף דער היינטיגער שפראך: „אליהוז־מוס". דער נאציאנאלער גייסט מיט די ציוניסטישע טהעטיגקייט איז „משיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם"; ער בינט צוזאמען די אלטע על־טערען מיט די יונגע קינדער און, ווי אליהו האט גע־נומען דעם טויטען זוהן פון דער אלמנה און האט איהם אויפגעלעבט און דערלאנגט צו זיין מוטער, אויסשריי־ענדיג: „ראי חי בנך!" — זעה דיין זוהן לעבט! — אזוי וועט זיין גייסט, וואס לעבט אייביג, בעלעבען דעם פאלק ישראל און איהם איבערגעבענדיג צו דער אלמנה „ציון" וועט ער אויסרופען: „זעה, דיין זוהן לעבט!".

מצורע

די גרעסטע נגע אויף דער מענשהייט איז די מלחמה־פעסט, וועלכע קען בלויז געהיילט ווערען דורך ישראל־סבא'ס ערהאבענע לעהרען און אייביגע מאראלישע פרינציפען.

„נגע צרעת כי תהיה באדם והובא אל הכהן" (ויקרא י"ג ט').

צוויי טויזענד יאהר זיינען שוין באלד אריבער זייט די רוימער האבען אונזער לאנד פערניכטעט, דעם טעמפעל פערברענט און דאס פאלק פערשקלאפט און צושפרייט איבער דעם גאנצען ערד־באל, אונזער נאציאנאלען שטאלץ צובראכען און אונזערע פאליטישע הימלען פערוואלקענט און פערפינסטערט. אלעס, אלעס האבען זיי פון אונז צוגענומען, אבער איין זאך איז אונז פערבליבען, וואס ניט קוקענדיג אויף זייער ריעזיגער מאכט און קראפט, האבען זיי ניט געקענט אוועקנעהמען עד היום! און דאס איז דער קליינער־

גרויסער ספר תנ״ך! די ביבעל איז אונזערע לכל־הדעות, זאָגאַר לויט נאָך דער מיינונג פון די ראַדיקאַלע ראַציאָנאַליסטען, וועלכע האָבען די ביבעל געשניטען אויף שטיקער און געגעבען צו יעדער שטיק אַן אַנדער צייט נאָך דער איינשטימונג פון דער כראָנאָלאָגיע און דער פילאָלאָגיע; דאָך, נאָך זייער שאַרפער קריטיק, בלייבט די ביבעל אַלץ אונזערע, און קיין נאַציאָן אין דער וועלט קען ניט האָבען אַ פאָדערונג אויף דעם מינדעסטען פון די אַלע פיער און צוואַנציג בריליאַנטענע היילינע ביכער, וואָס זיינען פערזיעגעלט אונטער דעם נאָמען „תנ״ך״, תורה, נביאים, כתובים, מיר האָבען דאָס פּראָדוצירט; די נביאים זיינען אונזערע קינדער, און זייערע נביאות זיינען ישראל־סבא׳ס אידעאַלען, און ניט קיינעמס!

* * *

דער אַלטער ישראל איז דער ערשטער, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט פרייהייט אין דער פינסטערער, פערשקלאַפטער צייט, ווען די מענשהייט איז געווען געשמידט אין קייטען פון אונטערדריקונג און יאָך; דער אַלטער וואַנדערער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָפען ארויסגערופען ליעבע פון איין מענשען צו דעם צווייטען אין די געטליכע ווערטער פון „ואהבת לרעך כמוך״! ער האָט געלייגט דעם אבן־פנה, דעם ווינקעל־שטיין, אונטער דעם גרויסען הערליכען טעמ־

פעל פון ציוויליזאציאן, קולטור און מאראל, און אין זיין פיער טויזענד יאהריגער עקזיסטענץ, נאך אלע זיינע וואנדערונגען, פערפאלגונגען, צרות, האס און לייד, שטעהט ער פעסט אויף זיין היילינען פאסטען צו זיין דער איינציגער פאקעל־טרעגער פיר דער גאנ־צער וועלט.

כשר און עהרליך האט ער פערדיענט זיין נאמען: „ממלכת כהנים וגוי קדוש" — „א קעניגרייך פון פריסטער און א היילינע נאציאן", ווייל מיר זיינען די פאטערס פון דער ביבעל, די פראדוצירער פון ריינער רעליגיאן און די גרינדער פון דער ערהאבענער גאט׳ס לעהרע.

„נגע צרעת כי תהיה ב א ד ם והובא אל ה כ ה ן".

„ווען אן אנשטעקענדע קראנקהייט איז דא אין דער מענשהייט, דאן מוז דאס צו דעם כהן — צו ישראל־סבא — געבראכט ווערען, ווייל נור ער קען די נגע אויסהיילען".

און די „נגע צרעת" איז נאך היינט אויך דא אין דער מענשהייט און דאס איז — די מלחמה!

צוויי טעכטער, שרעקליכע און גרויזאמע, האט מאדאם „לילית" געבוירען צו דעם הערר „סמאל" איהר מאן, דער קעניג פון אלע שדים און מחבלים: די

נגע צרעת כי תהיה באדם, די גייסטיגע „מגפה" און „מלחמה", וואָס ווי די ערשטע אזוי די צווייטע טהוען די טייוועלשע ארבייט פון פערניכטען מיליאָנען מענשען גאָר אָהן רחמנות.

דער גאַנצער ערד־באַל איז דורכגעווייקט מיט מענשליכעם בלוט און אָנגעפילט מיט די סקעלעטען פון מיליאָנען קרבנות פון דעם פערפלוכטען שוועסטער־צווילינג „מגפה" און „מלחמה".

אָ, וואָס פיר אַ שרעקליכע און שוידערהאַפטע אַנ־שטעקענדע קראַנקהייט איז די מלחמה אין דער מענש־הייט! זי איז נאָך פיעל גרויזאַמער פון אַ מגפה, חלי־רע און אַלע געפעהרליכע קראַנקהייטען. אין דער צייט, וואָס אַ מגפה ברעכט אויס אין אַ געוויסען געגענד אָדער לאַנד, אַנטלויפען די מענשען צו רעטען זיך אין אַן אַנדער לאַנד, וואו די פעסט האָט ניט קיין שליטה, און דאָרט ווערען זיי גערעטעט; ניט אַזוי איז אָבער דער פאַל, ווען אַן אַנשטעקענדע קראַנקהייט — מלחמה — בעפאַלט אַ נאַציאָן אָדער נאַציאָנען, דאַן פערגיפ־טעט זי זיי מיט שנאה, קנאה, האַס און ראַכע, און ניט נאָר, וואָס זיי זוכען ניט קיין רעטונגס־אָרט, נור זיי איילען זיך אַליין וואָס גיכער, וואָס שנעלער, מיט ווילדען ענטהוזיאַזמוס און באַרבאַרישען שאָוועניזמוס צו טויטען איינער דעם צווייטען און בעקומען אַליין דעם טויט.

די בעסטע, אינגסטע, שעהנסטע און קרעפטיג־סטע קינדער זייערע, קלייבען זיי אויס אין טויזענדער, און ברייינגען זיי פיר א קרבן צו דעם אבגאט אדער דעם טייפעל „מארס".

"עקסטרא! עקסטרא! א קריעג־שיף איז געזונ־קען מיט איהר גאנצע מאנשאפט, ביינאהע טויזענד מאן צוזאמען מיט דעם אדמיראל!".

„עקסטרא! פינף הונדערט מאן זיינען געפאלען טויט און דריי הונדערט זיינען פערוואונדעט געווארען דארט ווייט, ווייט, אין טיעפען מזרח, ביי דעם יאלו ריווער!".

אט אזוינע נייעס לעזען מיר נאך היינט אין דעם צוואנציגסטען יאהרהונדערט גאנץ רוהיג און געלאסען, גאנץ מילד און לאנגזאם, נאך מיט ווייניגער רחמנות ווי מיר וואלטען לעזען, אז א פייער איז אויסגעבראכען אירגענד וואו אין א טיער־גארטען און עס זיינען פער־ברענט געווארען אייניגע הונדערט טיגערס, הינט און שלאנגען.

א, הימעל! ווי גרויס איז דער מענשליכער טיער־גארטען און ווי גרויזאם זיינען די מענשען!

פיעלע עלטערען בעקלאגען זייערע יונגע קינדער, וועלכע זיינען אבגעשניטען געווארען פון זייער לע־בענס־בוים פאר דער צייט; פיעלע יונגע, אומגליקליכע

עלענדע פרויען און קינדער ווערען פלוצלונג אלמנות און יתומים פון איין עקסטרא נייעס, וועלכע מיר לע־זען זיך גאנץ גלייכגילטיג. אט דיזע אומגליקליכע נפשות גיסען טרעהרען אין זייער גאנצען לעבען נאך זייערע יונגע מענער און עלטערען און קענען קיינמאל ניט געטרויסט ווערען ביז זייער לעצטען אטהעמצוג.

יא, אט דיזע נגע צרעת, דיזע אנשטעקענדע קריינק מיט דעם נאמען מלחמה קען ניט געהיילט ווערען, נור דורך דעם אלטען כהן ישראל, דורך דער ממלכת כהנים, וועמעס קינדער די אונשטערבליכע נביאים האבען פראפעצייהעט דאס גליק פיר דער מענשהייט נור אין שלום.

דער פרינץ פון די נביאים, בן־אמוץ, האט נאך מיט טויזענדער יאהר פריהער פארגעשטעלט דעם אי־דעאל פון דער מענשהייט. אז די קאזארמעס און מארי־נעס זאלען פערניכטעט ווערען. פון דעם מעטאל, וואס איז געברויכט געווארען אויף שווערדען, שפיזען און אלע כלי־משחית, זאלען געמאכט ווערען אקער־אייזענס און שנייד־מעסערס. מיט אייןווארט, ער האט אויפ־געשריעבען דעם פולען רעצעפט צו דער קראנקהייט: „לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה", אז קיין קריעג זאל גאר ניט עקזיסטירען און דער נאמען מלחמה זאל ניט עראינערט ווערען".

די הפטורה דערצעהלט אונז זעהר א פאנטאס־טישע געשיכטע, וועלכע בעלייכט אונז דיזען ערהא־

בענעם רעיון, אז נור ישראל קען אויסהיילען די אלטע קריינק פון מלחמה:

„ו נ ע מ ן ש ר צ ב א מלך ארם היה איש גדול לפני אדוניו ונשוא פנים והאיש היה ג ב ו ר ח י ל מ צ ו ר ע". „וישלח אליו אלישע מלאך לאמר: הלך ורחצת שבע פעמים ב י ר ד ן, וישב בשרך לך וטהר".

דאס הייסט: „און נעמן דער פעלד־מארשאל פון דעם קעניג פון ארם איז געווען א גרויסער מאן, אן עהרענווירדיגער מענש, נור ער איז געווען קראנק מיט צרעת, ער האט זיך געהיילט ביי פערשיעדענע דאקטוירים און זיי האבען איהם ניט געהאלפען ביז, צו־פעליגער ווייזע, איז ער געקומען צו אלישע דעם נביא פון ישראל, און ער, דער נביא, האט איהם געראטהען אז ער זאל זיך באדען אין דעם טייך ירדן. נעמן האט אזוי געטהאן און ער איז פאלקאם אויסגעהיילט גע־ווארען".

דאס איז אין קורצען די מעשה, און ווי ריכטיג די הפטורה בעלייכט דיזען פסוק, וועלכען איך האב אויבען געשטעלט פיר א מאטא צו דיזען פארטראג: „נגע צרעת כי תהיה באדם והובא אל הכהן". נעמן, וועמעס קריינק איז געווען, וואס ער איז געווען א שר צבא, א גבור חיל, א מיליטערישער מאן, איז אויך געווען א גרויסער מענש, ער האט געפיהלט זיין קראנק־הייט, האט ער זיך געווענדעט צו דעם אידישען פרא־

פעט און האָט זיך געמוזט באָדען אין ירדן, דאָס הייסט, ער האָט געמוזט שטודירען די אידישע לעהרע פון שלום ליעבע און רוהיגקייט. דאַן איז ער גייסטיג געהיילט געוואָרען.

זעהר ריכטיג, ער האָט זיך געמוזט באָדען אין ירדן, ווייל ניט די טייבען פון דמשק אמנה ופרפר, ניט די סעין פון פאריז, די טעמזע פון לאָנדען, ניט דער רהיין, דניעפּער, וואָלגאַ און זאַגאר דער יאַלו ריוועך פון ווייטען מזרח און די מיסיסיפּי פון מערב קענען היילען די מענשען פון דער מלחמה־קריינק, נור דער ירדן אליין, אויף וועמעס ברעגעס עס איז געזעסען די נאציאָן, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָ־מען פון „ממלכת כהנים". דיזער אלטער היסטאָרי־שער טייך מיט דעם אלטען כהן'ס לעהרע פון שלום, וועלען אויסהיילען די מענשהייט פון דער מיליטערי־שער קראַנקהייט.

און די צייט איז ניט ווייט, ווי איינער פון די בעסטע און פעהיגסטע ישראל'ס קינדער אין אונזער דור, דער אמעריקאנער מיניסטער און דער הויפּט־שלום־דיפּלאָמאַט פון דעם טעמפּעל פון פריעדען אין האאג, האָלאנד, האָנ. אָסקאר שטראוס, האָט אָפען ער־קלעהרט אין זיינער א רעדע, אז גאָר אין דער נאָהענ־טער צוקונפט וועלען די מעכטע קומען צו דעם בע־שלוס, אז זיי מוזען זיך אויסקורירען פון דיזער גע־

פעהרליכער קריינק, און שלום וועט מוזען עקזיסטירען אויף דער וועלט.

נעמן האַט געוואָלט געבען אַ פרעזענט צו דעם אידישען נביא און די אַלגעמיינע מיליטערישע מעכטע וועלען געבען אַ פרעזענט צו דעם אַלטען כהן, וועלכער וועט אויסהיילען זייער נגע.

און דער פרעזענט וועט זיין זיין אייגענע אַלט־ניי־לאַנד, ארץ ישראל, און אויף דעם הר ציון וועט פלאַטערען די אַלגעמיינע שלום־פאַהן און עס וועלען מקוים־ווערען בן־אמוץ'עס ווערטער:

„והלכו עמים רבים ואמרו לכו ונעלה אל
ד' אל בית אלהי יעקב ויורנו מדרכיו
ונלכה באורחותיו, כי מציון תצא
תורה ודבר ד' מירושלים".